STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04658

DOS BSOMIM-BIKSL

Itzhak Yanasowicz

Permanent preservation of this book was made possible
by Ida Feldman Dreskin
in memory of
Anna & Philip Feldman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פֿאַר חבר [illegible] —
און זיין ליבע [illegible] ;
מיט פֿרײַנדשאַפֿט
[illegible]
נ״י 1979

יצחק יאַנאַסאָוויטש

דאָס בשׂמים־ביקסל

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף פון
יידישן שרייבער און זשורנאַליסטן־פאַראיין
אין ישראל און דעם אליעזר פּינעס־
ליטעראַטור־פאָנד אין תל אביב

דער מחבר דאַנקט אויך די פאָלגנדיקע חברים און פריינד
וועלכע האָבן געהאָלפן ביים אַרויסגעבן דאָס בוך:

ישעיה און אברהם גורפינקעל (פאַראייניקטע שטאַטן);
מ. גאָלד (קאַנאַדע); **ש. דזשיגאַן** (ישראל); **י. בורשטיין־פינער** (פאַריז); **משה שפרינבערג, ערנא און אַלעקסאַנדער גוראַלי, לעאָן מיטעלמאַן, מאַטיס גאָלדפאַרב, מאָטיע מייזליש, משה האָניק, הערש לאַזניק, די יורשים פון הערמאַן באַנעט,** ע"ה, **די חברים פון דער גרופּע „חברשאַפט"** (בוענאָס איירעס).

יצחק יאַנאַסאָוויטש

דאָס בשמים־ביקסל

און אַנדערע דערציילונגען

פאַרלאַג „קיום"

תל־אביב — בוענאָס איירעס

תשל"ט — 1979

יצחק יאנאסוביץ / קופסה של בשמים

(סיפורים)

I. JANASOWICZ

DOS BSOMIM-BIKSL
AND OTHER STORIES

הילע: משה בערנשטיין

פאָרטרעט פון מחבר: יעקב מיטלער

COPYRIGTH BY I. JANASOWICZ

כל הזכויות שמורות למחבר

©

PRINTED IN ISRAEL

נדפס בישראל

דפוס „ראש פינה" תל־אביב טל. 334880

1979 T.A

א.

דער ערשטער טאָג

פונקט ווי אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך האָבן זיי אויך ביי אונדז אין שטעטל באַלד דעם ערשטן טאָג געוויזן ווער זיי זענען.

אין שטעטל זענען זיי אַריין פרייטיק.

אונדזער שטעטל ליגט אין אַ זייט פון גרויסן וואַרשע־לאָדזשער שליאַך. אַ פאַרגעסן שטעטל, וואָס האָט פון מלך סאָביעסקעס צייטן פון קיין מלחמה נישט געוווּסט.

פרייטיק אינדערפרי זענען זיי אַריין.

דאָס פוילישע מיליטער איז מיט דריי טעג צוריק געהאַט דורכגעגאַנגען דאָס שטעטל. דורכגעגאַנגען און אַוועק. אין דעם זעלביקן אויף דער נאַכט איז אַוועק די שטעטלדיקע מלוכה: דער „פּזשאָדאָוניק" און די דריי פּאָליציאַנטן.

דאָס שטעטל איז געבליבן הפקר.

שטעטלדיקער עולם האָט זיך כמעט נישט געוויזן אין גאַס, געווען באַהאַלטן אין טוכלע קעלער־גריבער און אויף דושנע בוידעם־קאַמערן. די גאַסן פוסטע, וויסטע זענען געלעגן ווי אויסגעשטאָרבענע. דער שטעטלדיקער מאַרק האָט אויסגעזען ווי אַ בר־מינן וואָס גליווערט אַ פאַרבלויטער, אַ פאַרשטייפטער און אָט־אָט וועט זיך אין חלל דערהערן דער גערודף פון פאַרשפעטיקטער קבורה... דערצו האָבן אויף די ראַנדן פון שטאָט, ווי ליכט צוקאָפּנס אַ מת, דערברענט עטלעכע הילצערנע הייזלעך אויף וועלכע עס האָט זיך פריער אויסגעגאָסן דער צאָרן פון די דייטשישע פליער. אויף די „פּיאַסקעס" האָבן נאַקעטע קוימענס און שוואַרץ־פאַרקוילטער בראָכוואַרג געררויכערט. גערויכערט אין דעם דאָזיקן אלול־פרימאָרגן.

דער פרימאָרגן איז אַקוראַט געווען אַ ווינטיקער, בכלל אַן אַנדערער, ווי אַלע ביז איצטיקע פרימאָרגנס: רויט און אומהיימלעך איז ער געקראָכן פון דער נאַכט אַרויס.

די פּאַרשפּעקטיקטע זון האָט געבלוטיקט, און די שטראַלן וואָס האָבן זיך דורכגעבראָכן דורך די וואָלקנס האָבן געשטאַרט ווי אימהדיקע הערנער.

עס האָט זיך געשטעלט דער טאָג. דער ערשטער טאָג.

ווען די זון איז ענדלעך אַרויס פון הינטער די וואָלקנס און געוואָלט זיך נעמען, ווי שטענדיק, שפּיגלען אינעם שטעטלדיקן טייך וואָס לעבן דער מיל, האָט זי אַ דערשטוינטע דערזען:

אַ שטעטל ליגט אויסגעשטאָרבן. אַ שטעטל ליגט דערוואָרגן אין פאַרגליווערטער שטילקייט.

אַ שטעטל ליגט אין שרעק פון דערוואַרטונג.

זי האָט געזען די זון:

מיט די שטויביקע שלאַכן רייסן זיך צום שטעטל דייטשישע טאַנקען און שוין האָבן שטעטלדיקע שויבן, פאַרצויגענע מיט שטומען גלאַנץ פון פּחד, אויפגעציטערט אין טויבן געבראַזג פון גרילצנדיקן אייזן. די שטילקייט אינעם שטעטל — אַ געדיכטע, אַ פאַרשטייפטע און אַ לויערנדיקע — איז פּלוצלונג אויפגעריסן געוואָרן, אַזוי פּלוצלונג אַז די לופט האָט זיך אַזש אַ וויג געטאָן. צו דער בלויער הייך האָבן זיך די ערשטע אַ הויב געטאָן די טויבן, וועלכע האָבן אויפגעפלאַטערט איבער די דעכער. באַלד נאָך זיי האָבן זיך באַוויזן ווייסע רויך־קנוילן, וועלכע האָבן זיך אין דער לופט דעפאָרמירט, צעוויקלט, דערנאָך זיך באַהאַפטן אין אַ וואָלקן, וואָס איז געבליבן הענגען אונטער דעם הימל וואָס אַמאָל טונקעלער און כמאַרנער...

אַן ערך אַ האַלבע שעה האָט זיך געטראָגן איבערן שטעטל די ווילדע שיסערײַ. דערנאָך איז שטיל געוואָרן. די שטילקייט נאָך דער שיסערײַ האָט אַזש ביז ווייטיק געטויבט די אויערן. פּאַמעלעך און געהיט

האָבן פון די מאַשינען גענומען אַרויסקריכן די דייטשישע סאָלדאַטן, מיט קעפּ, אַריינגעצויגן אין די אַקסלען. מיט אַרויסגעשפּאַרטע אויגן האָבן זיי גענומען טאַפּן דעם אַרום און אויף אַ טריט זיך נישט דער־ווייטערט פון די טאַנקען. ערשט ווען זיי איז, זעט אויס, קלאָר געוואָרן, אַז דער אַרום איז אַ זיכערער, האָבן זיי זיך אויסגעגלייכט און אָפּגע־טראָטן אויף אַ שפּאַן פון די שטאָלענע מאַשינען, וואָס זענען נאָך אַלץ געשטאַנען גרייט און געוואַרט...

האַרט און הויל האָבן אויפן שטעטלדיקן מאַרק געהילכט די פרעמדע שטימען. עס האָט זיך דערהערט אַ קאָמאַנדע. אַ פאַלשער טענאָר האָט עפּעס געשריגן. זיין קול האָט אָפּגעקלונגען מיט מעש. דערנאָך איז אַ דייטשישער אָפיצער פאַמעלעך אַרויף אויף די שטאַפּלען פון פייערלע־שער־טורעם, וואָס איז פאַרבליבן אויפן שטעטלדיקן מאַרק פון אַלטע, אַלטע צייטן. ער האָט צוגעפּעסטיקט צום סאַמע שפּיץ די דייטשישע פאָן. די פאָן האָט זיך אַ ריס געטאָן פון זיינע הענט, ווי אַ שריפה־צונג. די דייטשישע סאָלדאַטן אונטן זענען געשטאַנען אויסגעגלייכט מיטן געוועך ביי די פיס. די פאָן אין דער הויך האָט זיך געוואָרפן, געצאַפּלט, זיך איינגעוויקלט און צעוויקלט. איר פאָכען האָט אָנגעפילט די לופט מיט אימהדיקן פלאַטער.

דער דייטשישער אָפיציר האָט צוגעלייגט אַ ווייסע הענטשקע צום דאַשעק פון היטל. זיין קאָפּ האָט געלויכטן מיט אַ געלער פאַרזשאַווער־טער טאַבאַק־פאַרב. אויף זיין פנים האָבן געגליט רויטע וואָנצעס. ער האָט מיט אַ שפּאַקטיוו גענומען באַטראַכטן דעם אַרום. ער האָט מסתם עפּעס דערזען, אָט דער רויט־וואָנציקער אָפיציר. ערגעץ אין אַ פענצ־טער, אין אַ שטוב אַנטקעגן דעם מאַרק האָט זיך באַוויזן אַ בלייך גע־זיכט מיט גרויסע דערשראָקענע אויגן. דער דייטשישער אָפיציר האָט עפּעס אַראָפּגעשריגן צו זיינע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיך זייער לעבע־דיק געוואָרפן צו די קוילנוואַרפערס. באַלד האָבן אַלע מאַשינען אויס־געדרייט זייערע לופעס אין דער זייט פון יענעם פענצטער. ווידער האָט אַ דונער אויפגעשאַלט, זיך צעשפּאָלטן, צעדריבלט און ס'האָט אַ הילך געטאָן איין אויפרייס נאָך אַ צווייטן. ווידער האָבן די טויבן אויפגע־

פלאַטערט אין דערשראָקענעם פלי. ווידער האָבן קליינע רויך־קיילעכ־לעך גענומען פלאַצן אין דער לופט. דער טויט האָט אַ בלענד געטאָן אין פייער. עס האָבן זיך צעקלונגען צעבראָכענע שויבן און פון הילצערנע ווענטלעך האָט גענומען שפּאַרן אַ רויך. ווען דער זאַלפּ האָט זיך איבער־געחזרט צום צווייטן מאָל, איז פון שטוב אַרויסגעלאָפן אַ יונגער מענטש. אויף אים איז געווען אַ ווייס העמד, וואָס האָט זיך אויפגעבלאָזן ווי אַ זעגל, ער איז געלאָפן צום מאַרק. ער האָט געשריגן, ער האָט געבעטן, ער האָט געוויינט (אין דער באַשאָסענער שטוב איז געלעגן זיין קראַנקע פרוי), נאָר קיינער האָט זיין געשריי נישט דערהערט. פּלוצלונג האָט ער זיך אויסגעדרייט און אַ פאַל געטאָן אויף די שטיינער פון ברוק. אויף זיין מויל האָט זיך באַוויזן אַ ווייסע בלעזלדיקע שוים.

נאָך דעם יונגן מענטש איז פון שטוב אַרויסגעלאָפן אַ גרוי־געלב־לעכער הונט. ווען דער בעל־הבית איז אומגעפאַלן, האָט דער הונט זיך צעוויינט. ער האָט זיך אויף אַ רגע אַוועקגעזעצט לעבן דעם געפאַלענעם און מיט הינטישער געטריישאַפט גענומען אַראָפּלעקן די בלעזלדיקע שוים פון יענעמס בלוי־ווערנדיקע ליפּן. באַלד האָט אים אַ קויל גע־טראָפן אין סאַמע בויך. מיט אַרויסגעלאָזענע געדערים איז ער אָפּגעלאָפן עטלעכע שפּאַן. דערנאָך איז ער צוריקגעקומען, זיך אַוועקגעלייגט לעבן טויטן באַלעבאָס און זיך פאַרגאַנגען אין לעצטן אויסגעצויגענעם גסיסה־געוווי...

דערנאָך איז ווידער שטיל געוואָרן. דער אָפיציר איז אַראָפּ פונעם טורעם; ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן פאָדערשטן טאַנק אין אַ טעאַטראַלער פּאָזע. אַ דייטשישער סאָלדאַט האָט גענומען מאַכן פאָטאָ־גראַפישע אויפנאַמעס.

אַביסל שפּעטער זענען אָנגעקומען די דייטשישע פוסגייער.

אַלע האָבן זיי געהאַט ביקסן אין די הענט, און די ביקסן האָבן אומ־אויפהערלעך געשאָסן. אַ האָגל פון בליי האָט זיך אַ שאָט געטאָן אויף די קליינע שטעטלדיקע הייזקעס. די דייטשישע זעלנער האָבן געצילט

אין די קליינע בלינדע פענצטערלעך, אין די שאָטנדיקע טויערן, לאַנג און עקשנותדיק האָבן זייערע קוילן געפייפט אין דער פרימאָרגנדיקער לופט.

איינגעגעסענע קוילנוואָרפערס האָבן דורכגעשטאָכן דעם יונגן אלול־דיקן טאָג. אין רויך אין טשאַד, האָט זיך געדוכט, אַז דער יונגער טאָג, אַ צעלעכערטער פון די עקשנותדיקע דייטשישע קוילן, וועט באַלד אַוועקפאַלן אויף די גאַסן פון שטעטל, אַוועקפאַלן שווער ווי אַן אונטער־געזעגטער בוים און זיין בלוי בלוט וועט מיט איינמאָל אַ פלייץ טאָן ווי אַ טייך...

ערשט ווען די שיסעריי האָט גענומען שטילער ווערן, איז פון ער־געץ אַ האַלב־צעעפנטן טויער אַרויסגעגאַנגען אַ קו מיט פּאַמעלעכע געלאַסענע טריט. נאָך איר איז נאָכגעלאָפן אַ קעלבעלע פון אַ וואָכן דריי אָדער פיר. אַ ווייס קעלבעלע מיט גרויסע געלע פלעקן. די דייטשישע זעלנער האָבן זיך ווידער געכאַפּט צום געווער. די קו איז גע־בליבן שטיין אין דער מיט פון דער ליידיקער גאַס און געקוקט אויף זיי מיט גרויסע תמימותדיקע אויגן. די שלעסער פון די ביקסן האָבן אַ קלאַפּ געטאָן. די קו איז אַ גיי געגעבן צוויי טריט פאָרויס, דעם קאָפּ אָנגעבויגן ווי צום שטויסן. דערנאָך האָט זי זיך פּאַמעלעך אַוועקגעלייגט אינמיטן גאַס. איר פעל איז געווען געלעכערט פון צענדליקער קוילן. אַרום איר האָט אָנגעהויבן גלאַנצן אַ רויטע בלוטיקע לוזשע.

די דייטשישע זעלנער האָבן זיך פּאָרזיכטיק גענומען דערנענטערן. די ביקסן אין די הענט זענען נאָך אַלץ גרייט געווען. ווען זיי זענען צוגעקומען נעענטער, איז דאָס קעלבל אַנטלאָפן מיט אַ בענקענדיק־צעצויגענעם מע. ווען זיי זענען אַוועק פון דער קו, האָט דאָס קעלבל זיך אומגעקערט און זיך גענומען דרייען אין אַ קרייז אַרום דער טויטער מוטער.

די גאַס איז געבליבן ליידיק.

אין דער לופט האָבן זיך באַוויזן קראָען. זיי האָבן געקרייזט איבער די דעכער. זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריקער, זיך אויפגעהויבן העכער. פאַר־שווונדן און ווידער צוריקגעקומען. דערנאָך האָבן זיי זיך אויסגעזעצט

אויף די אַרומיקע טאָפּאָלעס און קראַנקנדיק געשאַרפּט די שוואַרצע שנאָבלען אין דער קאָרע פון די האַרבסטיקע צווייגן פון וועלכע די בלעטער האָבן זיך שוין גענומען אָפּשיטן מיט רויטלעכן ווייניקן גלי.

דער זייגער קלינגט ניין, דער זייגער קלינגט צען, ער האָט שוין אַרויסגעקלונגען עלף אויך, דער זייגער.

דער זון איז, זעט אויס, נמאס געוואָרן צו קוקן אויפן שטעטל.

זי האָט זיך באַהאַלטן הינטער אַ וואָלקן.

דאָס שטעטל האָט שוין אַ מיליטערישן קאָמענדאַנט, האַנס גאַנטקע, הייסט ער. אַ מאַנצביל אין די פערציקער. ער איז דאָס דער ערשטער אַרויף אויפן פייערלעשער־טורעם און צוגעפעסטיקט דאָרט די פאָן, בעת די דייטשן האָבן „פאַרנומען" דאָס שטעטל.

ער האָט גענומען מאַכן „אָרדענונג", דער נייער קאָמענדאַנט האַנס גאַנטקע.

צו דער קאָמענדאַנטור האָט מען קודם־כל גענומען טרייבן די „גע־פאַנגענע" — פּליטים, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון זייערע איינגעזעסענע היימען און האָבן זיך צוליב די אָנפליען פון דער דייטשישער אַוויאַציע אַראָפּגעשלאָגן פון וואַרשע־לאָדזשער טראַקט. פון שפּאַנען צופוס זענען זייערע פיס געווען געשוואָלן. די בלויע גראָבע אָדערן אויף די פיס האָבן געהאַט אַן אויסזען, ווי אָט־אָט וועלן זיי פּלאַצן. אויף די פנימער איז געלעגן אַן עלנטער שטויב פון מסוכנע שליאַכן. די האָר צעשויבערט, צעקאָלטנט, זענען געשטאַנען אויפן קאָפּ ווי דראָט. באַ־וואָקסענע מיט גרויסע שמוציקע בערד, האָבן זיי זיך געשלעפּט אויף די גאַסן פון שטעטל, ווי פאַרמשפּטע. זייערע אויגן זענען געווען אויס־געלאָשן, פון די באַוואָקסענע פנימער האָבן נאָר אַרויסגעלויכטן גרויסע ליידיקע אויגן־ווייסלען.

דער קאָמענדאַנט האַנס גאַנטקע האָט אָפּגעגעבן זיין ערשטן באַפעל: פאַרשפּאַרן די געפאַנגענע אין דעם שייער, וואָס אַנטקעגן דעם פּוילישן צווינטער. אַוועקשטעלן סאָלדאַטן מיט אויטאָמאַטן אין די הענט היטן די געפאַנגענע, קיינער זאָל נישט אַנטלויפן.

אַביסל שפּעטער האָט ער אָפּגעגעבן אַ צווייטע פּאַראָרדענונג: אויפ־זוכן די באַהאַלטענע איינוווינער פון שטעטל און זיי צונויפטרייבן אויפן שטעטלדיקן מאַרק. דייטשישע סאָלדאַטן האָבן זיך ווידער צעשאָטן איבערן שטעטל. פון בוידעמער און קעלערס, פון קאַמערן און שייערס האָבן זיי געשלעפּט די שטעטלדיקע איינוווינער און געטריבן צום מאַרק־פּלאַץ.

אַ גרויע, חושכדיק־דערשלאָגענע, דערשראָקענע מאַסע האָט זיך געשלעפּט צום מאַרק. עס האָבן געשפּרייזט מיט שווערע, האַמעטנע טריט די שטעטלדיקע קוסטאַרן, די קרעמער און די לאַנדווירטן. עס זענען געגאַנגען צום מאַרק יידן און פּאָליאַקן, אַלט און יונג.

אַרום זיי האָבן, ווי אַרום אַ סטאַדע בהמות, וואָס מען פירט צום שעכטהויז, געהאַוועט די דייטשישע סאָלדאַטן, געשלאָגן, געשטויסן און דער עיקר: געשריגן מיט ווילדע, באַנומענע קולות. האַנס גאַנטקע האָט זיך דערנענטערט צום מאַרק.

ער איז געווען אַ נידעריק־געוואַקסענער און אַ נישט אַנזעעוודי־קער. זיין פּנים איז געווען אַ ווייבעריש טייגיקס, אַן אומבאַוועגלעכס. אינעם ווייסן, ווייבעריש־טייגיקן פּנים, זענען געווען אַריינגעזעצט צוויי פּינטעלעך — אויגן. צוליב אָט די צוויי נאַקעטע אָנברעמיקע פּינטעלעך האָט דאָס פּנים געכאַפּט דעם אָנבליק ווי אַן אויסגעקנעטנס דורך קונ־דייסים פון ברודיקלעכן, גרוי־ווערנדיקן שניי. אויפן קאָפּ זענען די האָר געלעגן ווי אַן אַרויפגעזעצטער פּאַרוק. דערצו זענען זיי געווען פון פאַרזשאַווערטער געלער פאַרב, אונטער דער נאָז האָבן געגליט רויטע וואָנצעס, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אַ שלעכטער גרים אויף אַ ביליקן פּראָווינציעלן אַקטיאָר.

ער איז טאַקע געווען אַן אַקטיאָר, האַנס גאַנטקע.

יאָרן־לאַנג האָט ער זיך געשלעפּט מיט פּראָווינציעלע טרופּעס איבער דער דייטשער פּראָווינץ, געשפּילט טעאַטער אין ביירישע פאַרוואָרפענע העקן, אין פאַרגעסענע זאַקסישע דערפלעך.

צוליב זיין נידעריקן ווּקס און נישט אָנזעעוודיקייט האָט ער אין לעצט־ראַנגיקע טרופּעס געשפּילט לעצט־ראַנגיקע ראָלן.

פונעם שפּילן יאָרנלאַנג ביליקן טעאַטער איז אים געבליבן דאָס ווערטל: „זאַנדערבאַר". דער פּאַטאָס אין פאַלשן טענאָר־שטימעלע און די איבערגעטריבענע טעאַטראַלישקייט אין אַלע זיינע באַוועגונגען, אפילו אינעם גאַנג. עס איז געבליבן אויך אַ נישט־אויסגעוועפּטע ביטערקייט, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט אָפּשווענקען דורך די קופּלעס ביר מיט שנאַפּס, וועלכע ער פלעגט געוויינלעך אויסטרינקען מיט זיינע „גוטע ברידער" אויף טורנייען.

בעת ער איז געגאַנגען איבער די שטעטלדיקע גאַסן צום מאַרק־פּלאַץ, האָט זיך אים אויך אויסגעדוכט, אַז ער גייט געבן אַ פאָרשטעלונג.

— זאַנדערבאַר! — האָט ער געשריגן מיט זיין פאַלשן טענאָר־שטימעלע, און די ווייסע הענטשקע אין האַנט האָט געקלאַפּט איבערן גלאַנציקן שטיוול — זאַנדערבאַר! ,

דער מאַרק האָט שוין באַוויזן צו ווערן אַרומגעצוימט מיט שטעכיקן דראָט. הינטער דעם דראָט האָט אין ציטערניש געוואַרט דער שטעטל־דיקער עולם. האַנס גאַנטקע האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן עולם אין אַ העלדן־פּאָזע. ער האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן צו זיינע לייט. — אָנהייבן! — האָט ער, דוכט זיך געזאָגט, און דאָס ווייבעריש־טייגיקע פּנים איז געבליבן אומבאַוועגלעך, און נאָר די וואָנצעס האָבן, פייערדיקע, זיך באַוועגט אונטער דער נאָז. ,

נאָר געטראָפן האָט זיך אַקוראַט אַ קליינע שטרויכלונג: אַ ייִדיש יינגעלע — אַ קינד פון אַ יאָר פינף־זעקס, מיט אַ גרין פּנימל און טיף־אַריינגעזעצטע אויגן, איז אַנגעלאָפן פון דער זייטיקער גאַס מיט אַ גע־וויין. דאָס יינגעלע איז, זעט אויס, געשלאָפן ווען מען האָט טאַטע־מאַמע אַוועקגעטריבן אויפן מאַרק. אויפגעכאַפּט זיך, איז ער געלאָפן זיי זוכן. אַזוי האָט ער מיט אַ געוויין פאַרבלאָנדזשעט אויפן מאַרק, און געבליבן שטיין אַ צעטומלטער פון דעם גרויסן, ביז איצט קיינמאָל נישט גע־זעענעם, מענטשן־געזעמל.

האַנס גאַנטקעס ווייבעריש פּנים איז פּלוצלונג פינצטער געוואָרן.

פון דעם, וואָס עס איז געשטערט געוואָרן דער עפעקט, האָט זיך זיין געזיכט פאַרקרימט אין אַ ביטערער גרימאַסע, וואָס האָט אינגאַנצן אָפּ־געווישט די פייערלעכקייט. זיין פּנים איז מיטאַמאָל גרין, וואָכעדיק און ביטער געוואָרן. ער האָט אויף אַזויפיל פאַרגעסן זיין קאָמענדאַנטישן מעמד, אַז ער האָט זיך אַזש אַ יאָג געטאָן איבערן מאַרק צום קינד.

דאָס ייִנגעלע האָט גענומען אַנטלויפן און האַנס גאַנטקע האָט גע־נומען עס נאָכיאָגן. בעתן לויפן האָט ער דערפילט זיין נעבעכדיקייט. מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ שטעל געטאָן און אַרויסגעשלעפּט פון לעדער־נעם שייד דעם רעוואָלווער. ער וואָלט אפשר אויסגעשאָסן, ווען איינער פון די סאָלדאַטן וואָלט גראָד אין דער רגע נישט געכאַפּט דאָס קינד. אין דעם מאָמענט האָט זיך האַנס גאַנטקע דערפילט זייער פאַרלוירן און צעקלאַפּט און זיינע נאָז־לעכער האָבן אַזש דערשפּירט דעם ביטערן ריח פון בראָנפן — אַ ווייטער רעפלעקס פון די שיכורע טעג און נעכט נאָך אַ נישט־געלונגענעם אַרויסטריט אויף דער בינע.

די גאַנצע נישט־אויסגעוועפּטע ביטערקייט פון דער נישט איינגע־געבענער קאַריערע, האָט אינעם דאָזיקן מאָמענט זיך אומגעקערט. אים האָט זיך געדוכט: אָט נאָך אַ מינוט, און עס וועט זיך דערהערן אַ פייף... אַ לאַנגער שפּאָטנדיקער, אַ שקאָצישער פייף מיט צוויי פינגער אין אַ פאַריסן מויל... די מורא פאַר אַ דורכפאַל האָט אים געטריבן צו האַסטי־קייט. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד פון סאָלדאַטס הענט, און נישט וויסנדיק צו וואָס, גענומען עס שלעפּן מיט זיך. דאָס ייִנגעלע האָט זיך געריסן פון זיינע הענט, האָט זיך געוואָרפן אויף דער ערד, האָט זיך געקלאַמערט אין יעדן שטיין מיט גאַרנישט קיין קינדישן כּוח. עס איז געווען דער כּוח פון אַ שוואַכן בעל־חי, — אַ כּוח וואָס ווערט פאַרצענ־פאַכט בעת אַ גרויסער געפאַר. האַנס גאַנטקע — קיינמאָל נישט קיין פיזיש שטאַרקער — האָט דערפילט, אַז נאָך אַ מינוט, און דאָס ייִנגעלע וועט זיך אַרויסרייסן פון זיינע הענט. דערצו האָט דאָס קינד, ווי אַ צע־רייצט הינטל, מיט די ציינדלעך זיך איינגעביסן אין זיינע הענט, ביז ווייטיק... ביז בלוט...

ער האָט אַליין נישט געוווסט, וואָס ער טוט. זיין האַנט אַ צעוויי־

טיקטע, אַ צעביסענע, האָט זיך טיפער און טיפער אַריינגערוקט אינעם צעעפנטן, קינדערשן מיילעכל. דאָס קינד האָט געוואָרפן דעם קאָפּ אין אַלע זייטן. עס האָט זיך געשטיקט. די טיף אַריינגעזעצטע אויגן זענען געוואָרן גרעסער, גרעסער און האָבן גענומען אַרויסקריכן פון אונטערן שטערן, גרויסע, פאַרגלייזטע. זיי זענען ענלעך געוואָרן צו גרויסע פּע־רלמוטערנע קנעפּ. אַ רויטער אָפּשיין האָט זיך געטוקט אין זייער מאַטן, אומהיימלעכן גלאַנץ... דאָס ייִנגעלע האָט גענומען בלוי ווערן... די שטויסן פון קערפּער זענען אַלעמאָל שוואַכער געוואָרן... דאָס שטייף־ווערנדיק גופל האָט אָן אונטערגעהאַקטס זיך גענומען ציען צו דער ערד...

האַנס גאַנטקע האָט אָפּגעאָטעמט און זיך אַרומגעקוקט. די סאָלדאַטן וואָס זענען געשטאַנען אַרום, האָבן געשמייכלט מיט אונטערטעניקע געזיכטער. ער איז, הייסט עס, נישט דורכגעפאַלן, האַנס גאַנטקע. ער האָט, הייסט עס, זיין ראָל גוט אָפּגעשפּילט. עס האָט אים אַזש אַ פרייד אַרומגעכאַפּט. ער האָט אָפּגעווישט די הענט און אַרויפגעצויגן אויף זיי די ווייסע הענטשקעס. ער האָט אַ שפּריין געטאָן פאָרויס און זיין ווייבע־ריש־טייגיק פּנים איז אינגאַנצן געוואָרן אומבאַוועגלעך. ער האָט שטאַרק חשק געהאַט אַרויפצושטעלן אַ גלאַנציקן באַשטיוולטן פוס אויפן קינדישן קערפּער. נאָר מיט אַ מינע פון איינעם וואָס איז געוווינט צו אַזעלכע זאַכן און וואָס פון דער געוווינטקייט מאַכן זיי אויף אים קיין שום איינ־דרוק נישט, האָט ער זיך אומגעקערט מיט געמאָסטענע טעאַטראַלע טריט צום שטעטלדיקן מאַרק.

אָנהייבן, — האָט ער ווידעראַמאָל אַ געשריי געגעבן.

עס האָבן זיך דערהערט ווילדע קולות. פאַלשע קולות פון מעשענע טרומייטן:

— יידן, לינקס, שמוציקע יידן, לינקס.

די פאַרגליווערטע מאַסע האָט זיך געשפּאָלטן. די יידן האָבן זיך אויסגעשטעלט אויף דער לינקער זייט אַנטקעגן איבער די פּאָליאַקן.

דער קאָמענדאַנט האָט נישט איילנדיק זיך דערנענטערט צום צענ־טער. זיינע גלאַנציקע שטיוול האָבן געסקריפּעט. ער האָט זיך אַוועק־

געשטעלט מיטן פּנים צו דער פּוילישער זייט און פייערלעך אויפגעהויבן די האַנט.

ס׳איז געוואָרן שטיל.

ער האָט זיך געגרייט צו האַלטן אַ רעדע.

— אָט די שמוציקע שווייַנען, — זייַן ווייסע הענטשקע האָט אַ פּאָך־געטאָן אין דער זייט פון די דערשראָקענע יידן און זייַן הילכיק טענאָרל האָט אָפּגעקלונגען איבערן מאַרק — אָט די שמוציקע יידן האָבן דעם קריג געוואָלט... איבער זיי איז דער קריג אויסגעבראָכן.

צווישן די פּאָליאַקן וואָס האָבן אים ניט פאַרשטאַנען, האָבן זיך אַ סך צעשריגן מיט אונטערטעניקייט און חניפה:

— טאַק יעסט, פּאַניע קאַפּיטאַניע!

גאַנצקע האָט זיך אַ רגע אָפּגעשטעלט מיט דער געוווינטשאַפט פון יאָרן צו וואַרטן אויפן סופלאָר. אים האָבן פאַרפעלט אייגענע ווערטער, און זייַן ווייס, ווייבעריש פּנים איז אַזש גערונצלט געוואָרן ווי אַ נישט־דערבראָטענער עפּל. ער האָט געקנייטשט די הענטשקע מיט צעפּיבערטע פינגער. נאָך מיטאַמאָל האָט זייַן פּנים אויפגעשייַנט:

— הייל היטלער! — האָט ער אויסגעשריען ווידער אַ געראַטע־וועטער פון זייַן בייַעם דורכפאַל.

ער האָט זיך ווידער דורכגעסודעט מיט זייַנע לייַט. יענע האָבן גענומען זוכן מיט די אויגן. די זוכעניש האָט לאַנג געדויערט און האַנס גאַנצקע איז בפירוש געווען אומצופרידן. צום סוף איז ער אַליין דורכ־געגאַנגען דורך די רייען. ער האָט געפונען. ער האָט געהייסן אַרויס־פירן פון עולם צוויי מענטשן: דעם גרייז־גרויען שטעטלדיקן רב און דעם נאָך עלטערן סופר, ר׳ אריה לייב.

ביידע אַרויסגעפירטע האָבן זיך שטאַרק אויסגעטיילט פונעם שטעט־לדיקן עולם. האַנס גאַנצקע איז געווען צופרידן פון זייַן אויסוואַל. ביי איינעם פון זיי האָבן די פּאָלעס פון שוואַרצן כאַלאַט געפּלאַטערט אין ווינט. אַ האַלב פּנים איז געווען באַדעקט מיט אַ געדיכטער גרוילעכער באָרד. די אַנדערע העלפט פון פּנים איז געווען נאַקעט און האָט גע־שריגן מיט רויע ווונדן. ביים צווייטן האָט די שוואַרצע קאַפּאָטע גע־

קלאַפּט איבער די פּיס, אַ שטייפע, ווי זי וואָלט געווען פון בלעך. זיין קאָפּ איז געווען נאַקעט און הויל און האָט געווונדיקט מיט אויפגעלאָפענע ביילן. אונטערן אויג האָט אַ בלויער צייכן זיך געצויגן איבער דער גאַנצער ברייט פון פנים.

— זאָנדערבאַר! — האָט ער אויסגעשריגן אַ צופרידענער, אי פון זיין אויסוואַל, און פון דעם, וואָס די סאָלדאַטן זיינע האָבן שוין באַוויזן צוצוגרייטן די צווי „פּערסאָנאַזשן" צו דער פאָרשטעלונג.

— איר האָט דעם קריג געוואָלט, האָט זיין פאַלשער טענאָר גע־הילכט. — אָבער איר האָט דעם קריג פאַרשפּילט... צי דען האָפט איר, אַז דאָס דייטשע רייך וועט זיין גנעדיק צו אייך?

— אָט איז אַ שטריק און אָט זענען ביימער. — האָט ער ווייטער געשריגן, ברייט פאָכענדיק מיט דער הענטשקע אין דער האַנט. — אויף וואָס וואַרט איר?

מיט שלאָבעריקע טריט האָבן ביידע אַלטע לייט זיך גענומען דער־ווייטערן אין די הענט האָבן זיי געטראָגן דעם שטריק. עטלעכע דייטשע סאָלדאַטן האָבן זיי אַוועקגעפירט צו די קאַשטאַן־ביימער, וועלכע זענען געוואַקסן אין ווינקל פון מאַרק.

אַן ערך אַ צען מינוט האָבן די דייטשע סאָלדאַטן זיך געעסקט מיט זיי ביי די ביימער. דערנאָך זענען זייערע גופים מיטאַמאָל אַ פלי געטאָן אין חלל. די פּאָלעס האָבן אויפגעפלאַטערט מיט שוואַרצן אומהיימלעכן פלאַטער, און זייערע קעפּ האָבן זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויף דער ברוסט.

מיטן הענגען דעם רב און דעם סופר האָט זיך אָבער די פאָרשטע־לונג נאָך נישט געענדיקט.

די הויכע גלאַנציקע קאָמענדאַנטישע שטיוול האָבן אַרומגעשפּאַצירט אַרויף און אַראָפּ צווישן דעם שטעטלדיקן עולם. האַנס גאַנטקע איז ערשט אַריין אין רעכטן ברען פון שפּיל.

פלוצלונג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַ ווייז געטאָן מיט אַ פינגער, און באַלד האָבן די סאָלדאַטן אַרויסגעשלעפּט פון דער יידישער מאַסע אַ בלייכן יונגנמאַן מיט גרויסע ברענענדיקע אויגן, וואָס אַפילו די

ברילן־גלעזער אויף דער נאָז האָבן נישט געקאָנט פאַרלעשן זייער פייער.

דער יונגערמאַן — אַלע האָבן אים געקענט — מאַטעס ברייטמאַן, — דער בוכהאַלטער פון דער שטעטלדיקער מיל.

מען האָט אים אַרויסגעפירט אין דער מיט צווישן בײדע מחנות.

פון די פּאָליאַקן האָט גאַנטקע אויפן זעלביקן אופן אַרויסגעפירט אַ יונגע פרוי מיט זייער אַ העלן קאָפּ האָר. אַ העלקייט פון צייטיקע זאַנגען נאָכן שניט.

— די קאַלינסקאַ — האָבן זי יידן גערופן — די לערערין פון דער אָרטיקער פאָלקס־שול.

ער האָט ווידער אָנגעהויבן זיין פריערדיקן פּזמון, האַנס גאַנטקע:

— יידן, קאָמוניסטן — אָט זיי האָבן דעם קריג געוואָלט... דעם קריג קעגן דער מעכטיקער דייטשער אימפּעריע.

נאָר אָנשטאָט אַ שטריק האָט גאַנטקע געהייסן ברענגען אַ קייט. די קייט האָט מען אָנגעטאָן אויף די העלדזער פון די צוויי יונגע מענטשן.

מען האָט זיי דורכגעטריבן פאַרביי דעם עולם. די קייט האָט גע־קלונגען מיט אומהיימלעכן קלאַנג פון פאַרזשאַווערט אייזן.

נאָך אַמאָל האָט דער קאָמענדאַנט זיך אָפּגעשטעלט לעבן זיי. דאָס ווייבערישע פּנים מיט די רויטע וואָנצעס האָט זיך אויסגעקנייטשט אין אַ געלן שמייכל. ,

— פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך, כאַ־כאַ, פאַראייניקט אייך, כאַ־כאַ...

— כאַ־כאַ — האָט איבערן מאַרק געקלונגען דאָס חניפהדיקע גע־לעכטער פון די פּאָליאַקן.

ער האָט גענומען אַ נאַהייקע, האַנס גאַנטקע, און זי דערלאַנגט דעם בלייכן יונגנמאַן.

— גיב איר, דער פּוילישער הור! — האָט ער געשריגן.

שטיל.

ווידעראַמאָל האָט זיין מעשענע שטים אויפגעברילט:

— שלאָג!

די האַנט פונעם בלייכן יונגנמאַן האָט זיך אַ הייב געטאָן און איז באַלד צוריק אַראָפּגעפאַלן ווי אַ געפּענטעט עוף וואָלט פּרובירט אַ פלי צו טאָן.

ווען דאָס זעלביקע געבריל האָט זיך דערהערט צום דריטן מאָל, האָט מאַטעס ברייטמאַן, דער בלייכער יונגערמאַן מיט די גרויסע ברענעדיקע אויגן הינטער די ברילן־גלעזלעך, געמאַכט אַ ראַשיקע באַוועגונג. פון דער דאָזיקער באַוועגונג זענען סיי די ברילן און סיי די נאָהייקע אַוועק־געפלויגן, ערגעץ ווייט, אין אַ זייט. עס האָט נאָך געדויערט אַ רגע פון פאַרגליווערטער דערוואַרטונג. פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ רעוואָל־ווער־שאָס און ברייטמאַן איז אַ פאַל געטאָן אויף דער ערד און מיטגע־שלעפּט מיט זיך די פּוילישע לערערין. די קייט אויף זייערע העלדזער האָט ווידער זיך צעקלונגען מיטן קלאַנג פון שרפה־גלאָקן.

דער יידישער עולם האָט זיך יאָמערלעך צעשריגן. די פּאָליאַקן האָבן נישט געוווּסט וואָס זיי דאַרפן טאָן: מיטוויינען אָדער לאַכן. זענען זיי געבליבן מיט געעפנטע מיילער און טעמפּע אידיאָטישע פּנימער.

האַנס גאַנטקע איז אַ רגע געבליבן שטיין אַ צעטומלטער. נאָר גע־ראַטעוועט האָבן אים די סאָלדאַטן, וועלכע האָבן גענומען שלאָגן מיט די ביקסן־קאָלבעס איבער יידישע קעפּ און פּלייצעס.

— זאָנדערבאַר — האָט ער שיער נישט אויסגעשריגן, האַנס גאַנט־קע — אַ זאָנדערבאַרער פינאַל...

פון עולם האָט מען אַרויסגעפירט עטלעכע מענטשן, וועלכע מען האָט געהייסן גראָבן קברים...

ווען מען האָט דעם עולם דערלויבט זיך פאַנאַנדערגיין, זענען דריי מענטשן געהאָנגען אויף די אַלט־צעוואָקסענע קאַשטאַן־ביימער. צופוסנס די דאָזיקע ביימער האָבן, ווי אָפענע שוואַרצע מיילער, געלויערט די אויסגעגראָבענע קברים.

ס׳איז געווען מיטיק־צייט. די זון האָט זיך ווידער באַוויזן פון הינ־טער די וואָלקנס. ס׳האָט זיך געדוכט אַז דער טאָג וועט זיך אייביק אַזוי ציען און ציען. ער וועט זיך קיינמאָל נישט ענדיקן, אָט דער ערשטער טאָג.

די זון איז ווידער אַוועק אין די וואָלקנס און איז ווידער צוריקגע־קומען.

עס האָט זיך געדוכט: די זון אַליין לויפט אַלעמאָל ערגעץ אַוועק אויסדערציילן דאָס, וואָס עס געשעט אינעם שטעטל.

עס געשעען דאָרט עפּעס מאָדנע זאַכן אין שטעטל.

האַנס גאַנטקע, דער שטעטלדיקער קאָמענדאַנט, שטייט אויפן גאַ־ניקל לעבן דער קאָמענדאַנטור מיט אַן אויסזען, ווי ער וואָלט עפּעס פאַרטראַכט און ביזן סוף נאָך נישט דערטראַכט.

ביז פאַרנאַכט איז נאָך ווייט. ביז נאַכט מוז ער נאָך עפּעס איינאָר־דענען אין דעם דאָזיקן שטעטל.

נאָר וואָס?

— עטוואָס זאָנדערבאַרעס, עטוואָס גראַנדיעזעס — מורמלט ער צו זיך אַליין און זיין ווייבעריש טייגיק פּנים גרינט בלייך אַרויס פון הינטער די קופּערנע וואָנצעס.

ער וועט איינאָרדענען אין שטעטל אַ פעסטיוואַל... אַ שוישפּיל... אַ מאַסקאַראַד.

— נאָר וואָס?

אַ דייטשער סאָלדאַט קומט אָן און ציט זיך פאַר אים אויס אין דער גאַנצער לענג.

ער ראַפּאָרטירט וועגן די פאַרשפּאַרטע אינעם הילצערנעם שייער, אַנטקעגן דעם פּוילישן צווינטער.

האַנס גאַנטקע הערט. זיין ווייס ווייבעריש פּנים צעשמייכלט זיך ראַפּטום מיט דער הנאה פון אַ גוטן איינפאַל. אויף די גרינלעך־בלייכע באַקן טרעט אַזש אַרויס אַ ראָזע פאַרב.

— יאָ — שמייכלט זיין רויטער וואָנץ — ס'וועט זיין עטוואָס גראַנדיעזס, ס'וועט זיין עטוואָס זאָנדערבאַרס...

ער גייט אַריין אין שטוב, און באַלד קומט ער אַרויס אָנגעטאָן אין זיין גאַנצן פּאַראַד־אוניפאָרם. די ווייסע הענטשקעס אויף די הענט, די גלאַנציקע שטיוול סקריפּען.

זיי גייען.

האַנס גאַנטקע מיט אַ טעאַטראַלישן העלדן־גענגל פּאַרויס. דער שווער־באַשטיוולטער סאָלדאַט — אויף אַ געוויסער דיסטאַנץ, נאָך אים. זיי קומען אָן אויפן אָרט.

קעגנאיבער דעם פּוילישן צווינטער שטייט אַ הילצערנער שייער מיט אַ שטרוי־געדעקטן דאַך.

פון הינטער אַ בוים שפּרינגט אַרויס אַ פאָלקס־דויטש, מיט אַ גרויסן נאַקעטן קאָפּ, וואָס איז געל און פּאַרשפּיציקט ווי אַן איבערגעצייטיקטע דיניע. ער רעדט עפּעס זייער שטיל צו האַנס גאַנטקען און די אויגן זיינע צעלויפן זיך בעת מעשה. האַנס גאַנטקעס טייגיק פּנים שמייכלט און פון דעם שמייכל ווערט עס ווייבעריש צעקנייטשט. ער וואָלט זיך געריבן די הענט פון צופרידנקייט, נאָר ער האַלט זיך איין. אין דער ראָל פון אַ מיליטערישן קאָמענדאַנט — דאָס ווייס ער — גייט נישט אַריין דאָס ארויסווייזן איבעריקע התפעלות.

האַנס גאַנטקע באַפעלט עפּעס דעם סאָלדאַט און בעת יענער לויפט אַוועק אין שטאָט, טרעט ער אָפּ צום בוים, וואָס שטייט פון דער וויטנס. ער שטעלט זיך אונטער זיין שאָטן אין אַן אָפּוואַרטנדיקער פּאָזע.

און די זון אַליין, שוין אויפן מערבדיקן הימל ראַנד, שטעלט זיך אויך אַוועק הינטערן בוים און וואַרט:

— וואָס וועט דאָ זיין?

— וואָס וועט דאָ ווערן?

און געוואָרן איז אָט וואָס:

דער סאָלדאַט איז צוריקגעקומען מיט נאָך עטלעכע סאָלדאַטן און אַלע מיט שטאָלענע קאַסקעס אויף די קעפּ. זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ ריי פאַרן קאָמענדאַנט. האַנס גאַנטקע איז צוגעגאַנגען צום שייער, זיך איינגעהאָרכט און געוויזן מיט דער האַנט: עס זאָל זיין שטיל. אייב־ציקווייז אויף די שפּיץ־שטיוול ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט אויפצוּוועקן אַ שווער־קראַנקן, זענען די סאָלדאַטן אויך צוגעקומען צום שייער און אויך זיך איינגעהאָרכט. דערביי האָבן זייערע הענט געוויזן עמיצן, ס׳זאָל שטיל זיין.

אינעווייניק אין שייער האָט זיך אַקוראַט צעוויינט אַ קינד. דאָס געוויין איז אָפּגעהאַקט געוואָרן זייער פּלוצלונג. דאָרט האָט מען דעם קינד מסתמא דאָס מײַלעכל פֿאַרשטאָפּט מיט עפּעס וואָס. האַנס גאַנטקע און זײַנע סאָלדאַטן זענען אָפּגעטראָטן אין אַ זייט און זיך שטיל, כיטרע־שמייכלענדיק, דורכגעסודעט. אויף זייערע פּנימער האָט זיך אויסגע־שפּרייט אַ טעמפּע צופרידנקייט וואָס קומט אין דערוואַרטונג פֿון עפּעס זייער אָנגענעמס. דאָס פֿאָלקס־דײַטשל איז אויך ערגעצוו אַוועקגעלאָפֿן. באַלד איז ער צוריקגעקומען מיט אַ גרויסער בלעכערנער כלי אין די הענט. ער האָט מיטגעבראַכט נאָך עטלעכע פֿון די זײַניקע, וועלכע האָבן געטראָגן דראָט און העק. פֿאַרזיכטיק און פֿאַמעלעך האָבן די דײַטשן פֿאַרקלאַפּט דעם שייער־טויער מיט טשוועקעס און אַרומגעצויגן דעם שייער מיט שטעכיקן דראָט. דערנאָך איז שטיל געוואָרן, עטלעכע סאָל־דאַטן האָבן אויף די ווענט פֿון שייער אָנגעגאָסן בענזין. און ווידער איז געוואָרן שטיל.

אין דער דאָזיקער שטילקייט האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ ווײַ־בעריש היסטעריש געשריי, וואָס איז אין דער ערשטער רגע ענלעך געווען אויף דעם קרייען פֿון אַ האָן. דאָס היסטערישע געשריי איז דער־נאָך אונטערגעכאַפּט געוואָרן פֿון אַנדערע קולות, אויך ווילדע און עפּעס נישט ענלעך אויף קיין מענטשישע. די נערוון בײַ די „געפֿאַנגענע" האָבן, זעט אויס, נישט אויסגעהאַלטן. זיי האָבן גענומען קלאַפּן אין די ווענט פֿונעם הילצערנעם שייער. האַנס גאַנטקע האָט אַ פֿאַך־געטאָן מיט דער ווייסער הענטשקע און בלויע פֿײַערלעך פֿון שוועבעלעך האָבן אויפֿגעבליצט דאָ און דאָרטן. צוערשט האָט אַ פֿלעמעלע אומזיכער אַ לעק געטאָן דאָס טרוקענע האָלץ פֿון די שייער־ווענט. דערנאָך האָבן אַנדערע פֿלעמלעך אויפֿגעבלענדט פֿון אַלע זײַטן. באַלד האָט אַ פֿלאַם, אַ מעכטיק־העלער און ווייסער, זיך אַ הייב געטאָן צום הימל. דער הילצערנער שייער האָט זיך גענומען שיכור וויגן אין פֿלאַם און אין רויך.

די דײַטשע סאָלדאַטן אַרום שייער זענען געשטאַנען גרייט מיטן געווער אין די הענט.

עטוואָס אין אַ זייט, אויף אַ וואָרצל פֿון אַן אונטערגעהאַקטן בוים,

איז געשטאַנען האַנס גאַנטקע. אַן אויסגעצויגענער ווי אַ סטרונע. ער איז זיך אַליין אויסגעקומען ווי אַ קאַפּיטאַן אויפן אויבערשטן שיפּבריקל.

די געשרייען האָבן זיך געשטאַרקט. ס'האָט אויסגעזען, ווי דער גאַנצער אויפגעוויגטער אַרום וואָלט גענומען יאָמערן. אין אַ זייט פון שייער האָט זיך אָפּגעריסן אַ ברעט. פון דער שפּאַרע איז אַרויסגעקראָכן אַ פרוי מיט אַ קינד אויף די הענט. זי איז געקראָכן אויף אַלע פיר. אין אירע גרויסע משוגע־געוואָרענע אויגן האָט זיך געשפּיגלט די רויטקייט פון פלאַם. אַ זאַלפּ פון אַ האַלבן צענדליק דייטשע ביקסן. די פרוי האָט זיך מיטאַמאָל אַוועקגעזעצט אויף דער ערד. דעם קאָפּ האָט זי אַנגע־בויגן צום קינד. ס'וואָלט געקאָנט אויסזען, ווי זי וואָלט זיך אויף אַ ווײַלע צוגעזעצט אָפּרוען אין הויכן גראָז, ווען נישט דאָס ריטשקעלע בלוט, וואָס האָט געשטראָמט פונעם מויל און אַראָפּגעטריפט אויף דעם העלן קינדישן קעפּל.

פון דער אַנטקעגנאיבערדיקער זייט — פון פּוילישן צווינטער — האָבן זיך דערשראָקענע אויפגעהויבן די קראָען; זייערע פליגל האָבן מיט שוואַרצן פּאַך פאַרדעקט דעם הימל איבער די קעפּ. זייער אומהיימ־לעכער קראַ האָט מיט ווייסטער בשורה פאַרטויבט דעם אַרום.

דאָס פייער איז שטאַרקער געוואָרן.

דער מעכטיקער פלאַם האָט מיט אַ הייסער צונג געלעקט די היל־צערנע ווענט. אין די גליענדיקע ציין פון פייער האָט דאָס אַלטע האָלץ געטרעשטשעט, געקנאַקט. דאָס שטרוי פונעם דאַך האָט געגליט און זיך אָפּגעשיט מיט קופּעס רויטן צעזשאַרעטן אַש. די שווערע באַלקנס האָבן אַ רגע זיך געוויגט אין חלל אַן אונטערשפּאַר. דערנאָך זענען זיי ראַשיק געפאַלן און אויפגעהויבן סנאָפּעס פונקען, וועלכע האָבן זיך צעשאָטן ווי גליענדיקע שטערן. פלוצלונג זענען פון פייער אַרויסגעשפּרונגען צוויי ברענענדיקע קנוילן. זיי האָבן זיך אַ רגע געדרייט אויף אַן אָרט און געפאָכעט מיט די אָנגעצונדענע הענט. דערנאָך זענען זיי געפאַלן אויף דער ערד, באַלד זיך ווידער אויפגעהויבן, ברענענדיקערהייט גע־לאָפן עטלעכע שפּאַן און זיך אָנגעשלאָגן אין די שטעכיקע דראָטן, וועל־כע האָבן אַרומגעצוימט דעם שייער. אויף די שטעכיקע דראָטן זענען

זיי געבליבן הענגען. אַזוי הענגענדיק האָבן זיי שוין דערברענט און אויסגעטליעט אין הייסן אַש, אין שוואַרצן קויל...

די זון האָט זיך געהאַלטן ביים זעצן. זי האָט, ווי אַ שיכורע, דורך רויך און פלאַם זיך געגומען קייקלען צווישן רויטע אָנגעגליטע וואָלקנס אַלץ נידעריקער און נידעריקער, אַראָפּ צום ווייטן וואַלד. עס האָט שבעל געגומען ווערן נאַכט.

נאָר אין דער אָנגעוואַקסענער פינצטערניש האָט פונסניי אויפגע־לויכטן מיט פרישן פלאַם דער נאָך נישט דערברענטער שייער. שוואַרצע וואָלקנס רויך האָבן זיך געטראָגן צום הימל און זענען אַוועק איבער די אָוונטיקע פעלדער אין דער ווייט.

פונקען האָבן געבלאָנדזשעט אין דער לופטן ווי די פאַלנדיקע שטערן. פון מאָל צו מאָל האָט אַ רויטער פלאַם זיך אויפסניי אויפגע־וויגט און ליכטיק געמאַכט דעם אַרום. עס האָט זיך געדוכט: אָט דער פלאַם וויל באַגייס מאַכן טאָג... וויל נישט דערלאָזן, די נאַכט־פינצטער־ניש זאָל מיט בלויען חושך פאַרדעקן דאָס שטעטל. דער אויפגעוויגטער שיכורער פלאַם וויל פון שטעטל נישט לאָזן אַוועקגיין דעם טאָג. היינט איז אַן אַנדערער טאָג... היינט איז אַנדערש ווי אַלע מאָל. אַ שטעטל ברענט... וואָס־זשע קלינגען נישט די שריפה־גלאָקן? וואָס איז היינט פאַר אַ טאָג?

— דער ערשטער טאָג.

אין די טאַלגאַרער בערג

...איצט איז דער זייגער שוין פיר און ביז צו קאַטשאַקום, וויפל איז אינגאַנצן? זיבן מיט אַ האַלבן וויאָרסט. נו, איז וואָס? ביז נאַכט וועט ער דערגיין... אפילו ווען ער זאָל פויזען ווי אַ טשערעפּאַכע — אַ שעה אַן אייל, אפילו מיט אַ טראָט פון אַ כלה־מיידל אויפן שבתדיקן שפּאַציר־גאַנג... זיבן מיט אַ האַלבן וויאָרסט זאָל ער, אלי־מאָטע, ביז נאַכט נישט דערגיין?

אמת איז, אַז דער וועג זיינער איז נישט קיין לייכטער, וואָרים ער פירט דורך די טאַלגאַרער בערג; היפּשע בערג, אויף וועלכע עס קומט ערטערווייז אויס צו שטאַפּלען ווי אויף אַ שטאַרק משופּעדיקער לייטער. דערצו — אָט נאָר צו זען זעצט זיך די ווינטערדיקע זון און סע ווערט פינצטער... נאָר גיין וועט ער סיי ווי סיי... ער וואָלט, פאַרשטייט זיך געקאָנט איבערנעכטיקן אָט אָ־דאָ אינעם קליינעם ראַיאָן־שטעטל און מאָרגן קאַיאָר זיך לאָזן אין וועג. ביי טאָג איז דער גאַנג אַן אַנדערער. דער וועג דורך די בערג — אַפילו אַ געשמאַקער. און דערלאַנגט ער אַ גוטן שפּרייז, ווערן די וויאָרסטן פאַרפאַלן. די ערד אַנטלויפט ממש פון אונטער די פיס. נאָר פון דעסט וועגן וועט ער ביז מאָרגן נישט וואַרטן. ביז מאָרגן? אַהאָ! היום הרת עולם! — ער האָט נישט ליב אָפּצולייגן אַזעלכע זאַכן אין דער לאַנגער באַנק אַריין. ביי אים איז פון תמיד אַן אַ טבע: געפּאַנגען און געהאַנגען.

אַן אַנדערש מאָל וואָלט ער שוין איצט לאַנג געווען ביי זיך אין אַאול. מעשה שטן אָבער האָט דאָס גרינע אויטאָמאָבילעכל פון מ־תושלכס צייטן, דאָס פּרימוס־מאַשינדל, ווי מען רופט עס אין שפּאַס, וואָס ברענגט די פּאָסט אינעם שטעטל, געדאַרפט גראָד היינט פאַרשפּעטיקן. אַ טאָג אַ גאַנצן האָט ער, אלי־מאָטע, צוליב דעם געפּטרט. אַלץ

געוואָרט און געוואָרט, אַזש אויפֿן האַרצן איז אים איבלדיק געוואָרן וואַרטנדיק. די חברה זיינע — די ברויוטרעגער פֿון די דערנעבנדיקע אַאולן און קישלאַקן זענען זיך טאַקע צעקראָכן, נישט דערוואַרטנדיק זיך אויף דער פּאָסט. ווער פֿון זיי ס'איז אַוועק מיט אַ היימיש שליטעלע, וואָס האָט זיך אַקוראַט אומגעקערט פֿון דער שטאָט אין דאָרף אַריין און ווער ס'האָט סתם פֿאַרהויבן די פֿאָלעס אין ווינט און היידאַ — אַוועקגעשפּאַנט אַהיים, אָפּעסן דעם אָרעמען „שטשי", נאָר אים, אַלי־מאַטען, האָט עס עפּעס נישט געלאָזט אַוועקגיין. עפּעס האָט אים דאָס האַרץ געצויגן צו בלייבן. וואָרעם צוריק געשמועסט: וואָס איז אויף אים די איילעניש? ווייב און קינדער וואַרטן דאָך נישט אויף אים אין דעם קאַזאַכישן אַאול, ווו ער איז אַ בריוו־טרעגער. ווייב און קינדער... אַז אָך און ווי צו אים! ווער ווייס ווו זיי זענען ערגעץ? ווער ווייס וואָס מיט זיי איז געוואָרן דאָרט, אינעם פּאָלעסיער שטעטעלע אַרום פּינסק? וואָס האָט ער זיך צו איילן? וואָס האָט ער אַזוי קיין צייט נישט צו וואַרטן?

נאָר ווען דאָס גרינע פּאָטשט־מאַשינדל האָט זיך באַוויזן אויף דעם שיפּן באַרג־אַראָפּ־וועג, וואָס פֿאַלט אַריין אין שטעטל מיט בהלהדיקן אימפּעט, איז שוין אַ האַלבער טאָג געווען אויף יענער זייט בערג. אַ ווינטערדיקער טבֿת־טאָג, ווי גרויס איז ער מישטיינס געזאָגט אינגאַנצן? איידער מען קוקט זיך אַרום איז נאָך אים. ער האָט אפֿילו געטראַכט אָפּ־צונעמען דאָס ביסל גאַזעטן, וואָס די לייט פֿונעם אַאול שרייבן אויס מער צוליבן פּאַפּיר אויף צו רייכערן זייערע מאַכאָרקעס ווי אויף צו לייענען, און אַוועקגיין איבערנעכטיקן צו זיינעם אַ באַקאַנטן פּליט, טאַקע דאָ אינעם שטעטל. האָט זיך אָבער אונטערגערוקט דער בריוו. און צוליבן דאָזיקן בריוו האָט ער, אַלי־מאַטע, באַשלאָסן נאָך היינט צו גיין קיין קאַ־טשאַקום. נאָך היינט אים אָפּצוגעבן צו דער האַנט... נישט אַנדערש, נאָר נאָך היינט!

און ער גייט.

דאָס ראַיאָן־שטעטל איסיק, איז שוין געבליבן הינטער אים. ער כאַפּט אַ קוק אויף צוריק און דערזעט, אַז — נישקשה! — ער האָט שוין

היפּשלעך אָוועקגעשפּאַנט. די שטעטלדיקע הייזלעך — מיטן אויג שוין נישט צו דערזען. קוים, קוים זעט זיך נאָך די פאָן אויפן העכסטן שטעטל־דיקן בנין — אויפן דאַך פון ראַיאָנעם סאָוועט, וואָס איז פריער געווען אַ מעדרעס... דאָרט, אין דעם ראַיאָנעם סאָוועט האָט מען דאָס אים גע־מאַכט פאַר אַ בריוטרעגער. דאָרט, אין דעם בנין, האָבן די לייט פון דער „פּאַרטיע״ אָפּגעפּסקנט, אַז אַזאַ ייד ווי ער, טאָר נישט בלייבן אין שטעטל, נאָר מוז זיך אַרומשלעפּן איבער די מסוכנע וועגן און טראָגן בריוו מיט גאַזעטן פון דער פּאָטשט אין איסיק צו דעם פאַרוואָרפענעם דאָרף קאַ־טשאַקום... פאַרוואָס? פאַר ווען? גיי פרעג זיי.

רשעים — טראַכט ער, קוקנדיק אַ ווייל אויף דער פאָן פון סאָוועט, וואָס זעט פון דער ווייטנס אויס ווי אַ פאַרביק וואָלקנדל אויפן הימל — מער ווי צו רשעותן קענען זיי זיך נישט דערטראַכטן... וואָס אַ שטייגער וואָלט זיי געאַרט, ווען זיי לאָזן אים איבער אין דעם שטעטלדיקן שוס־טער־אַרטעל, ער זאָל אַרבעטן ביי זיין פאַך — שוסטעריי? נאָר ניין. אים דעם שוסטער, אלי מאָטען, האָט מען געשיקט ווערן אַ בריוטרעגער און דעם נאַשעלסקער דאָרף־גייער, משה מענדלען, האָט מען אָוועקגע־זעצט פאַרריכטן שיך... אַ פאַרקערטע וועלט... נו, מילא, נישט אומזיסט איז דאָך אַ ייד אין גלות... נישט אומזיסט.

ער כאַפּט אַ קוק אויפן הימל און דערשרעקט זיך אַזש: איי אַ רויט־קייט! איי אַ הימל! גאָרנישט דער זעלביקער וואָס ביי זיך אין דער היים. ביי זיך אין דער היים, אין זיינע קאַנטן, איז אַזאַ הימל גאָרנישט געווען בנימצא. אַזאַ גליענדיקע רויטקייט איז גאָרנישט געווען צו זען. אַ הימל אַביסל... איי, איי... רויט צעגליט, ערטערווייז טונקל און דראָ־ענדיק, אין טיפע באַס־קולות פון אומעטיקן פיאָלעט און אויף אַנדערע ערטער רויט־צעגליטער, שרייענדיקער קופּער. ביי זיך אין דער היים, אינעם קליינעם שטעטל אַרום פינסק, האָט אַזאַ רויטער, געקאַרבטער הימל, אָנגעזאָגט אויף מאָרגנדיקע ווינטן, נאָר דאָ אין די בערג, איז עס כלל קיין סימן נישט. דאָ, אין דער באַרגיקער קאַזאַכסטאַנישער געגנט, קאָנען די ווינטן אַ קום טאָן אומגעריכט, לגמרי נישט צו וויסן־טועגדיק וועגן זיך מיט קיין שום סימנים. אָט דאָס טאָקע וואָלט געווען שלעכט...

וואָרעם לויט ווי עס זעט זיך אין דעם פייכטלעכן נעפּל, וואָס פאַרהילט די שפּיצן פון די בערג, וועט אינגיכן נעמען פאַלן אַ שניי. און אַ שניי מיט ווינטן איז שוין כמעט אַ גאַנצע זאַווערוכע. נישט קיין מאכלדיקע זאַך אַ זאַווערוכע אין די בערג...

ער שפּרייזט פון דעסטוועגן פאָרויס. דער גאַנץ פרי אַרויסגעפאַלענער שניי, וואָס בלענדט מיט אַזאַ בלוילעכער רחבות, ענטפערט מיט אַ פראָסטיקן סקריפּ אויף יעדן טראָט זיינעם. דער פראָסט איז אגב איצט ווידער שטאַרקער, ברענענדיקער געוואָרן. ער האָט זיך טאַקע דערוואַרעמט בעתן גיין, אָבער אויף דער שפּיץ נאָז און אויף די שפּיצן פון די אויערן האָט זיך עמעצער אָנגעזעצט מיט קליינע, נאָר גליענדיקע דרעטעלעך. יאָ, דער פראָסט האָט איצט אַ נעם געטאָן. די לופט, דוכט זיך, איז שטייף און שאַרף און שניידט מיט אַ בלאַנקן בלויען מעסער. אפשר האָט ער טאַקע נישט געדאַרפט זיך לאָזן אין וועג אַריין אין אַזאַ אַ, קרירה? ס'אַ איינשטעלעניש... מ'איז חיות נישט זיכער אין אַזאַ פראָסט, אויף אַזאַ וועג אַליין. וואָס האָט אים דער נישט גוטער געטראָגן איינצושטעלן לייב און לעבן צוליב אַ בריוו? ער וועט מסתמא נישט זויער ווערן, דער בריוו, ביז מאָרגן אויף. געקאָנט איבערזיצן ביז מאָרגן אין דער וואַרעם. זיך מוסר נפש צו זיין צוליב אַ בריוו... אַ נאַרישקייט, אַ גרויס נאַרישקייט...

זיינע טריט ווערן שטילער, שטילער. אָט באַלד וועט ער זיך איינגאַנצן אָפּשטעלן. און שטעלט ער זיך אָפּ — דאָס ווייסט ער אויף זיכער — וועט ער שוין ווייטער נישט גיין, דאָס הייסט, גיין וועט ער, נאָר צוריק אינעם שטעטל אַריין וועט ער גיין, צו זיין שטעטלדיקן באַקאַנטן, דעם לעמבערגער פליט... נאָר בעת זיין לעצטער שטילער טראָט גיט זיך אַ שטעל אויפן פאַרפרוירענעם שניי, שיער נישט אַזוי שטיל און לייכט ווי אַ סאַמעטענער גלעט, גיט ער זיך מיטן גאַנצן גוף אַ ריס פאָרויס. ניין! גיין האָט ער געמוזט, גיין מוז ער! דעם בריוו מוז ער דאָך אָפּגעבן, אָפּגעבן היינט... און טאַקע איר אַליין אין די הענט אַריין. אַ קלייניקייט! די שׂמחה, וואָס ביי איר וועט זיין... נישט אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק טרעפט זיך אַזאַ בריוו אָפּצוטראָגן. אין דער

האַלב־יעריקער בריוטרעגערישער פּראַקטיק זיינער האָט ער נאָך מיט אַזאַ חשק קיין שום בריוו נישט געטראָגן. פרעמדע בריוו, פרעמדע באַשריבענע פּאַפּירלעך. נישט זיין פרייד, נישט זיין טרויער... נאָר דעם דאָזיקן בריוו, וואָס ער טראָגט איצט — דאָס ווייס ער, דאָס פילט ער — דאָס איז נישט סתם קיין בריוו, דאָס איז אַ בשורה, אַ בשורה טובה, וואָס וועט איר, דער אָרעמער שרהן, ממש אַ נייע נשמה אַריינזעצן.

ער אַליין, בעת ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם דרייעקיק פאַר־קלעפּטן שטיקל פּאַפּיר, אויף דעם קלעצלדיקן, נישט געניטן כתב. „צו סאַראַ מיכיילאָווגאַ לעמקינאַ און אויף דעם צוריק־אַדרעס „פּאַר בן ציון סאַלאָמאָנאָוויטש לעמקין", האָט ביי אים דאָס האַרץ אַזש אַ צאַפּל געטאָן. ער לעבט — האָט ער שיער נישט אויסגעשריגן הויך אויף אַ קול, דאָרט, אויף דער פּאָטשט — ער לעבט בן ציון... און אויף אַ מינוט איז אים באַפאַלן אַ גוואַלדיקער חשק אויסצודערציילן אַט די פריילעכע נייעס דעם קאָזאַכישן מיידל, וואָס זיצט דאָרט ביים טעלעגראַף, נאָר באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אַז זי, דאָס מיידל ביים מאָרזע־אַפּאַ־ראַט, פון וואַנען עס שיטן זיך כסדר די אָפּגעהאַקטע טרוקענע קלאַנ־גען, קער אים אוודאי גאָרנישט קענען, בן ציון לעמקינען, און אויב זי קען אים יאָ, ווייסט זי דאָך, אַז ער איז אַ פאַרשיקטער... און וועגן אַזאַ איינעם — דאָס ווייסט ער שוין — איז בעסער נישט צו ריידן... נישט צו ווייזן, אַז מען האָט מיט אים מחזקות... אַז מען פרייט זיך מיט זיינע בריוו...

צוריקגעשמועסט קען ער אים אַליין אויך נישט, דעם דאָזיקן בן ציונען. וואָרעם ווי אַזוי זאָל ער אים קענען, אַז יענעם האָט מען פאַר־שיקט נאָך איידער ער, אלי מאָטע, איז אָנגעקומען אַהערצו, אין אָט דעם ווילדן קאָזאַכישן אָרט פאַר אַ בריוו־טרעגער.

ער געדענקט, אלי־מאָטע, דעם האַרבסטיקן רעגן־טאָג, ווען ער איז אָנגעקומען אין אָט דער געגנט מיט דעם עוואַקואַציע־עשאַלאָן. ער האָט געוואָלט בלייבן אינעם ראַיאָן־שטעטל ווו עס האָבן זיך געפונען עטלעכע היימישע יידן — פּליטים פון פּוילן און ליטע. מען האָט אים אָבער דאָרט נישט געלאָזט בלייבן און מען האָט אים געשיקט אין דעם

ווייטן קאָזאַכישן אַאול זיין אַ בריוונטרעגער. איינער אַליין איז ער דעמאָלט דערקראָכן אין אָט דעם ווילד־פרעמדן קאַטשאַקום, צווישן די בערג אויף וועלכע עס האָבן זיך שווער געדראַפּעט ליימיקע הייזלעך. אַ רעגנדיקער בלאַטיקער הימל איז נידעריק געהאָנגען איבער זיין קאָפּ און אַ ליימיק־צעווייקטע ערד האָט זיך מיד געווייקט אונטער זיינע פיס. אויפן טרעפּל פון דער דאָרפישער „פּראַוולעניע” איז ער דאַמאָלט דאָרט געזעסן, אַן אויסגעווייקטער, אַ צוגעקילטער און אַן אויסזען איז ביי אים געווען ווי ביי אַ פאַרגעסן פערד אין אַ חשונדיקן דרויסן, דעמאָלט, ווען דער שמייסער האָט זיך פאַרשיכורט אין קרעטש־מע. די קליינע דאָרפישע קאַטשאַקומער גאַס איז געלעגן אַן אָבלדיקע און ליידיקע און האָט זיך שוין געהאַט מיאש געווען, אַז עמיצער זאָל אויף איר זיך באַווייזן. און ווייל דער „פּראַוולעניע” פאָרזיצער איז ערגעץ ווו געהאַט אַוועקגעפאָרן, צי סתם אים נישט געוואָלט אויפ־נעמען, איז ער, אלי מאַטיע, געזעסן אַזוי אויפן טרעפּל און מיט קעלט אין אַלע אברים געפּיבערט אַ שעה נאָך אַ שעה. און ס'האָט זיך אים דעמאָלט אויסגעדוכט, אַז דאָס זענען שוין זיינע לעצטע שעהן, נאָך וועלכע סע קומט נאָר איינס — דער טויט. און אים איז אַזוי ביטער געווען דעמאָלט אין דעם רעגנדיקן פאַרנאַכט, אַז עס האָבן זיך אים אַזש געשטעלט טרערן אין די אויגן און ער האָט געשאָלטן דעם ביטערן גורל, וואָס האָט אים באַשערט אויסצוגיין ערגעץ ווו די וועלט עקט זיך שוין... ערגעץ צווישן בערג, צווישן ליימיקע בלינדע הייזלעך פון וואַנען עס זעט זיך נישט קיין לעבעדיקער מענטש, אין אַ ווילד־פרעמדן אַאול, וואָס ווערט שיער נישט פאַרזונקען אין דער אייגענער בלאָטע.

און אַזוי שלעכט איז אים דעמאָלט געווען, אַזוי ביטער אויפן האַרצן, אַז ער האָט אַ לאַנגע צייט אפילו נישט באַמערקט, ווי עמער־צער — דאָרט אויף דער אַנדער זייט גאַס — האָט זיך אָפּגעשטעלט און קוקט אויף אים לאַנג, לאַנג און דער קאָפּ דאָרט, ביי דעם, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער אַנדער זייט גאַס, שאָקלט זיך אַרויף און אַראָפּ. ערשט שפּעטער האָט ער זי דערזען: אין גרויסע צעריסענע שטיוול, מיט אַ זאַק פאַרהילט די פּלייצעס, איז זי געשטאַנען אַנטקעגן

איבער אים און איר קאָפּ האָט אין פאַרשטיקטן שלוכצן זיך געטרייסלט, דער רעגן האָט געשטראָמט פון איר אין דינע בלאָטיקע ריטשקעלעך און אים, אלי־מאָטען, איז אין יענער רגע אויסגעקומען, אַז דאָס שטייט אַזוי זיין ווייב און באַוויינט אים מיט אַ טרויעריקן ניגון פון מענה־לשון און אים איז דערפון, וואָס עמיצער געפינט זיך נעבן אים און באַוויינט אים, דווקא לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן און סע האָט אים אַזש דערפרייט דאָס, וואָס אין אָט דער וויסטער פרעמדעניש געפינט זיך נאָך עמיצער, וואָס באַדויערט אים.

ווען ער איז שפּעטער אַוועק צו איר אַהיים, האָט ער שוין אויפן וועג זיך דערוווּסט, אַז זי, שרה, די איינציקע יידישע פרוי אין דעם אַזיאַטישן אַאול, באַוויינט נישט בלויז אים, נאָר אויך איר מאַן, וועלכן מען האָט שוין אַ מעשה פון ווען אַרעסטירט און פאַרשיקט און זייט דאַן איז פון אים נישטאָ קיין שום ידיעה. זי האָט אים מיט פּשוטער אָפנהאַרציקייט געזאָגט, אַז דערזעענדיק אים, אַ דערשלאָגענעם אין הפקר פון האַרבסטיקן רעגן, האָט זי זיך דערמאָנט אין איר מאַן, וואָס ווער ווייסט, ווו ער איז און צי ער לעבט נאָך בכלל? צי זיצט ער נישט אַמאָל — האָט זי געקלאָגט — פּונקט ווי ער, אלי־מאָטע, איז איצט געזעסן אַן עלנטער, אַ פאַרגעסענער און האָט נישט קיין טיר, וואָס זאָל זיך פאַר אים עפענען?

אלי־מאָטע האָט, הערנדיק אירע וויינענדיקע רייד, מיטאַמאָל פאַרגעסן אין זיין אייגענעם אומגליק און דער פּיין פון דער פרעמדער יידישער פרוי איז אים אַ גיי געטאָן צום האַרצן און אַרויסגעשטויסן דעם אייגענעם.

די פיס זיינע באַוועגן זיך גיכער בעת ער טראַכט וועגן דעם. איי, אַ גאָלדענע נשמה, די שרה. פון אַן אייגענער שוועסטער קען מען זיך אויף קיין בעסערס נישט ריכטן. און וואָס איז זי אים סוף־כל־סוף? נישט קיין קרוב, נישט קיין פריינד. אַ פּשוטע יידישע טאָכטער, וואָס איז מגולגל געוואָרן אַהערצו פון דער פעטער אוקראַינע, נאָך די ערשטע יאָרן פון דער גזירה, וואָס הייסט: קאָלעקטיוויזאַציע... עך, ווו יידן זוכן זיך אַלץ אָפּ, ווו עס פאַרטראָגט זיי אַלץ! ווען נישט די מלחמה

— ער וואָלט זיינע יאָרן אויסגעלעבט און וואָלט אַפילו נישט געוווּסט, אַז אַזאַ שרה איז פאַראַן... נו, מילא, האָט גאָט געוואָלט, אַז ער זאָל יאָ וויסן. האָבן זיי זיך געטראָפן אַזש אין דעם מקום, וווּ דער טייוול אַליין זאָגט שוין אַ גוטע נאַכט.

ער שפּאַנט גיכער. ער איז אומגעדולדיק, אַלי־מאָטע. ער שטעלט זיך פאָר די מינוט בעת ער וועט אַנקלאַפּן אין קליינעם פאַרפרוירענעם פענצטערל פון שרהס הייזקע... פון אָט דעם פאַרשטעלעניש, ווערט אים אַזש וואַרעם און סע גייט אויף אין אים עפּעס אַזאַ זיס־נאָגנדיקער טרויער. ער זעט זיך אַריינקומען אין שטוב און מאָלט זיך אויס אין דמיון, ווי אַזוי ער וועט איר, שרהן, איבערגעבן דעם בריוו. ער וועט צום ערשט גאָרנישט זאָגן, ניין, גאָרנישט זאָגן, נאָר הייסן אָנצינדן ליכט. עס וועט דויערן אַ שטיקל צייט ביז זי וועט אין דער פינצטער געפינען די שוועבעלעך, נאָר ער — ווי נישט אים מיינט מען, און ערשט דערנאָך וועט ער איר דערלאַנגען דעם בריוו. איי איי, וועט דאָס זיין אַ שמחה. אַ קלייניקייט! אַזויפיל יאָרן — פון דער ערשטער מינוט זייט מען האָט אים פאַרשיקט — האָט זי פון אים קיין איינגעטונקענע פען נישט דערהאַלטן. זי הערט אים טאַקע נישט אויף צו באַווייגען, דעם מאַן אירן, וואָרעם זי איז זיכער — וואָלט ער געלעבט — וואָלט ער פאָרט געלאָזט הערן פון זיך, שווייגט ער — איז אַ סימן, אַז ער איז טויט. געפאַלן דאָרט ערגעץ אויף דער קאַטאָרגע, און וויפל מען רעדט נישט צו איר, לאָזט זי זיך נישט טרייסטן, וואָס שיט איר מיר זאַמד אין די אויגן, ר׳ אלי — זאָגט זי צו אים און די אויגן גייען איר איבער פון טרערן — ער איז נישטאָ מער אויף דער וועלט צווישן די לעבע־דיקע.... אָן אים, וואָס טויג מיר מיין לעבן, ר׳ אלי.

ער לאָזט אַרויס אַ טיפן זיפץ. דאָרט, אין זיין היים... זיי קערן אים אויך האַלטן פאַר אַ פאַרפאַלענעם, פאַר אַ געשטאָרבענעם. זיין ווייב טענהט מסתמא אויך צו די שכנים, אַז זי איז געבליבן אַ פינצטערע אלמנה און די קינדער, נעבעך, לעבעדיקע יתומים. איי, איי, ווען ער קאָן אַזוי אַריינטראָגן אַ בריוו צו זיך אין שטוב, צו זיין ווייב, צו זיינע קינדער...

ער גיט אַזש אַ שמייכל. אַט אַ נאַרישער געדאַנק, טראַכט ער. נאָר באַלד כאַפּט ער זיך: זיין שטעטל, זיין ווייב, זיינע קינדער זענען דאָך ביים דייטש, און דאָרט, זאָגט מען איז נאָך ערגער... ווער ווייס צי זיי לעבן בכלל? וויניק האָט ער זיך דען אָנגעהערט וועגן דעם, וואָס היטלער, ימח שמו, טוט מיט די יידן? ווער ווייס, וואָס מיט זיי איז געוואָרן?

ביז איצט ווייס ער נישט ווי אַזוי דאָס איז געשען. ווי אַזוי איז ער אַליין אַנטלאָפן און זיי נישט מיטגענומען? אַזוי אומגעריכט איז דאָס אומגליק אויף אים געקומען. ער אַליין, אלי־מאַטע, בעת ער איז אַרויס פון שטוב האָט ער געמיינט, ס׳אַ מעשה אויף געציילטע טעג. נאָר אויסגעקומען איז אַנדערש. ער איז פאַרוואָרפן געוואָרן אַזש ביז קאַזאַכסטאַן. פון קליינעם ווייס־רוסישן שטעטל האָט עס אים פאַרטראָגן קיין אַזיע. נישט געחלומט אפילו קיינמאָל דערפון. אַזיע גאָר... קאַזאַכסטאַן... אַ בריוונטרעגער אין אַ קאַזאַכישן אַאול... מען וואָלט עס אים פריער געזאָגט, וואָלט ער דעם זאָגער די אויגן אויסגעדראַפּעט...

ביי די דאָזיקע געדאַנקען דערזעט ער פּלוצלינג, אַז עס איז שוין גוט פינצטער און ער דערפילט, אַז די לופט שמעקט מיט פייכטקייט. דער פראָסט האָט נאָכגעלאָזט און סע נעמט פאַלן אַ געדיכטער שניי. עס ווערט וואַרעמער. נאָר גיין איז דווקא נישט לייכטער. דער וועג הויבט זיך אַלץ העכער און העכער צווישן די בערג און דער שניי ווערט טיפער. מען מוז זיך אַ רגע אָפּשטעלן, כדי צו אָפּכאַפּן דעם אָטעם. קיין כוחות נישטאָ...

אָפּגעגאַנגען איז ער שוין דווקא אַ היפש שטיק וועג. אויף לינקס זעען זיך שוין די פייערן פון שכנותדיקן קישלאַק. ס׳דאַרף שוין זיין נישט ווייט ביז צו אים אַ היים. אַ וואַסערע דריי וויאָרסט אינגאַנצן, נאָר אָט די דאָזיקע דריי וויאָרסט טאַקע זענען די שווערסטע. סאַמע באַרג אַרויף. דערצו פירט דאָס שמאָלע סטעזשקעלע נעבן אַ פאַרפרוירענעם טייך, וואָס לויערט טיף אונטן. איין פאַלשן טראָט — און ער באַוויזט שוין אפילו נישט צו זאָגן ווידוי. און פינצטער איז דאָ! אוי, אַ פינצטערניש! סע קומט אויס מיט די הענט צו טאַפּן די קאַלטע

שטיינערנע באַרג־וואַנט, וואָס ציט זיך אויף דער רעכטער זייט. אַך, אַ שווער שטיקל וועג.

דערצו איז אויבן אויף די בערג עפּעס נישט זייער שטיל: עס וואָיעט דאָרט אַ ווינט. אָט באַלד, באַלד וועט ער זיך אַראָפּלאָזן. דער ווינט, אַהערצו, אויף דעם וועג צווישן די בערג. מיט אַ טויבן ברומען טראָגט ער זיך, דער ווינט, און עס דוכט זיך: ער זוכט זיך אַן עפענונג דורך וועלכער ער זאָל קענען אַרויס פון דער באַרגיקער שטייג. עטלעכע מאָל האָבן זיך שוין פון די הייכן אַראָפּגעשאָטן הורבעס שניי. ווען אָט אַזאַ הורבע שניי, וואָס דער ווינט טרייבט אַראָפּ פון די בערג פאַלט אויף אים, אלי־מאָטען, וואָלט עס אים געוועזן צוגעדעקט, אַז מען וואָלט אפילו נישט געוווסט, ווו זיין געביין איז אַהינגעקומען. שלעכט טראַכט ער — נישט געדאַרפט זיך אַרויסלאָזן אין אַזאַ וועג אַליין, און דערצו נאָך אין אַזאַ הינטישן וועטער. נאָר בעת מעשה גיט ער אַ טאַפּ דאָס זעקל, ווו עס ליגן די גאַזעטן און דער עיקר דעם בריוו פאַר שרהן און אין דער דאָזיקער באַוועגונג געפינט ער, דוכט זיך, אַן ענטפער אויף דעם, פאַרוואָס ער האָט זיך יאָ אַרויסגעלאָזט אין וועג — אין אַזאַ פוילן וועטער...

דעם בריוו מוז ער נאָך היינט אָפּגעבן. נאָך היינט...

נאָר ער בלייבט פון דעסט וועגן אַ רגע שטיין. פון באַרג־דורכגאַנג איז ער אַרויס אויף אַ לײדיק פעלד. אַ שאַרפער ווינט גיט אים מיטאַמאָל אַ כאַפּ אַרום פון אַלע זייטן. ער פאַרמאַכט אַזש אויף אַ ווײלע די אויגן פון דער ווייסקייט און ווען ער עפנט זיי צוריק אויף, זעט ער פאַר זיך אַ ווייסן וואָלקן שטויב, וואָס ווירבלט זיך און שרויפט זיך אַרויף אין דער הויך. אלי־מאָטע ווייס וואָס דאָס באַטייט: עס צעשפּילט זיך דער שניי־שטורעם אין די בערג. ער הויבט אויף דעם קאָפּ און דערזעט: אין דער נאַכטיקער טונקלקייט שטייען פינצטערע בערג און פון זייערע קעפּ רייכערט זיך אַ ווייסער רויך. געדיכטע ווייסלעכע נעפּלען הענגען צווישן הימל און ערד און פלוצלונג לאָזן זיך די נעפּלען אַראָפּ אַלץ נידעריקער און נידעריקער. זיי דערגרייכן שוין כמעט צו זיין קאָפּ. אַ ווייסע דראָענדיקע שניי־לאַווינע טראָגט זיך מיט האַס־

טיקן וויכער אויף אים, אַלי־מאָטען און פון די בערג שיטן זיך אַן אויפ־הער פלאַסטן שניי. עס הערט זיך בעת מעשה: צום ערשט אַ שטילער שאָרך ווי פון אויפגעפעכערטן זייד, וואָס גייט ביסלעכווייז איבער אין אַ ווילדן טראַסק פון געפלאַצטן גלאָז. און דער ווינט — עפּעס גאָר מוראדיק... אָט פליט ער אַן מיט אַ וואָיענדיקן קוויטש און אָט צעברומט ער זיך מיט אַ דונערדיקן געפּויק... און דער עכאָ אין די בערג מאַכט אָט די פאַרשידענע קולות פון ווינט נאָך שרעקלעכער, נאָך אימהדי־קער. עס ווערט אויף אַן אמת אומהיימלעך.

ער נעמט שנעלער שפּאַנען. נאָר דער ווינט רייסט דעם שניי פון אונטער די טריט. דער וועג ווערט נישט צו דערקענען. גאָרנישט דער זעלבער מיט וועלכן ער גייט תּמיד. ערטערווייז איז ער ליידיק און הויל ווי אָפּגעקערט מיט אַ בעזעם. אויף אַנדערע ערטער ווידער, הויר־בען זיך שניי־בערגלעך — צונויפגעטריבענע פון וויכער. נישט צו דערקענען מער, וווּ ס׳איז פעלד און וווּ ס׳איז וועג. ער גייט אַ געבוי־גענער אין ווינט און שלעפּט שווער די שטיוול צו וועלכע עס קלעפּט זיך דער שניי. יעדער שטיוול — ווי אַ ראָד און וועגט אַ פּוד אַ גאַנצן. בייַן, ווייטער גיין איז נישט פאַר זיינע כוחות.

און די זאָווערוכע צעשפּילט זיך ערשט. עס שטעלט זיך דער אמתער שניי־שטורעם אין די בערג.

און אָט אַזוי שלעפּנדיק די פיס, אַ געבויגענער אין ווינט, דער־פילט ער פּלוצלינג ווי די ערד אַנטלויפט פון אונטער זיינע פיס. ער גיט זיך אַ וואַקל און פאַלט. ער בלייבט שטעקן ביז אין דער העלפט פאַרזונקען אין אַ שניי־גרוב. אָך, פּאַסקודנע — זאָגט ער צו זיך אַליין — כ׳בין איינער אַליין אין די בערג. קיינער וועט מיין געשריי נישט הערן. איך וועל אפילו צו קבר ישראל נישט קומען... אָט וועט ער זיך אַ ווייַלע נאָר אָפּרוען, קומען צו זיך און מיט פרישע כוחות זיך אַ נעם טאָן אַרויסדראַפּען פון דעם גרוב. נאָר די אויגן פאַלן צו און אין קאָפּ איז אַזאַ בלייענע היץ, אַ רגע דוכט זיך אים אויס, אַז ער שפּאַנט איבערן פעלד צו די פייערן פון שכנותדיקן קישלאַק. ער הערט שוין דאָס געביל פון די הינט און אין נאָז גיט אַ שלאָג דער ריח פון

בהמהשן מיסט און פון ביטערן רויך: דער גערוך פון אַ מענטשלעכן ישוב. אָט נאָך אַ טראָט, אָט נאָך אַ טראָט און ער קלאַפּט אָן אין אַ טיר, אין אַ פענצטער מיט היימלעכן פייער.

נאָר אין אָט דער רגע עפנט ער די אויגן און די ערשטע זאַך, וואָס ער זעט איז דאָס זעקל מיט דעם בריוו, וואָס ליגט נעבן אים אין שניי. ער בלייבט נאָך אַזוי אַ מינוט אומבאַוועגלעך אַרומגעבעט מיט שניי און דער שאַרפער ווינט שויבערט די האָר אויף זיין אַנטבלויזטן קאָפּ. ער שליסט אפילו אויף נאָך אַ ווייל די אויגן, נאָר טיף־אינערלעך איז ער שוין אינגאַנצן וואַך. עפּעס מאַטערט אים מיט אַ דריקנדיקן עול. עפּעס טאָרעט אים, וועקט אים און גיט אים קיין רו נישט. דאָס זעקל, וואָס ער האָט נאָר־וואָס דערזען נעבן זיך אויפן שניי, ווען ער האָט אויף אַ ווייל געעפנט די אויגן, נעמט איצט אָן אין האַלב דרימלדיקן דמיון, די פאָרמען פון אַ פרויען־געשטאַלט. דאָס געשטאַלט גייט אויף אויפן פאָן פון ווייסן שניי־פעלד, אַ טונקעלע, אַ טרויעריקע. אפשר איז עס שרה? — לויפט דורך אַ געדאַנק — און אפשר זיין ווייב, אין קליינעם ווייסרוסישן שטעטל אַרום פּינסק? דאָס געשטאַלט גייט אויף אַזוי שאַרף און דייטלעך, אַז ווען ער עפנט די אויגן איז ער גרייט צו שווערן, אַז זי איז נאָר וואָס פאַרבייגעגאַנגען. זיינע הענט גיסן זיך אָן מיט אַ פּלוצלינגדיקן כוח און אין איין אויגנבליק דראַפּעט ער זיך אַרויס פון שניי־גרוב. אויף אַלע פיר פויזעט ער עטלעכע שפּאַן און פאַרוואַרפט אויף די אַקסל דאָס זעקל מיט די בריוו. דערנאָך גלייכט ער זיך אויס און זוכט אויף דאָס היטל. מיטן היטל אין די הענט בלייבט ער שטיין אַ רגע און קוקט זיך אַרום. אויף לינקס, נישט ווייט פון אים, זעען זיך דורכן שניי־נעפל די פייערן פון שכנותדיקן דאָרף. נאָר ער טוט אָן דאָס היטל. ציט עס אַראָפּ איבער די אויערן און לאָזט זיך גיין רעכטס צו זיין אַאול, צו שרהן, וועמען ער דאַרף אָפּגעבן דעם בריוו.

און בעת ער הויבט זיך ווידער מיט דעם שמאָלן שטעגל באַרג אַרויף און בעת ער הערט, ווי דער ווינט שרייט דוכט זיך, צו אים: אלי־מאָטע, סע שמעקט מיט סכנות, ענטפערט עפּעס אינעווייניק אין

אים אַ קול, וואָס געהערט נישט אים, נאָר אַ פרעמדן גרייז־גרויען זיידן, און דאָס קול זאָגט:

שלוחי מצווה אינם ניזוקין...

און ער גייט. ער שטייגט, אין געווירבל פון שניי און שטורעם, אַלץ העכער און העכער אויף דעם משופּעדיקן באַרג־אַרויף. ער גייט איינער אַליין אין די בערג, דער ייד פון פּאָלעסיער שטעטל, דער מלחמה־פּליט אין דעם ווייטן באַרגיקן קאַזאַכסטאַנער דאָרף.

אין דער פרעמד

פונקט אַזוי — ממש טאַקע פונקט אַזוי — איז דער טאַטע זיינער, דב בעריש כייקין, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַרויס פון שפּי־טאַל, ווו ער איז אָפּגעלעגן דריי חדשים צייט צוליב דער ווונד, וואָס ער האָט געקריגן אויפן עסטרייכיש־רוסישן פראָנט. מיט דער הילצער־נער קוליע אונטערן אָרעם — אַ קאַליקע אויף איין פוס, — האָט ער דעמאָלט אַריבערגעשפּרייזט די שפּיטאָל־שוועל און איז געבליבן שטיין אויף דער דרויסנדיקער קאַלטער שטיינערנער טרעפּ פון לאַזאַרעט־בנין אין דער פרעמדער רוסישער שטאָט. דער טאָג איז דעמאָלט פונקט ווי היינט געווען אַ רעגנדיקער און אין דעם דורכויסיקן לאַנגן און קרומלעכן רעגן האָט די פרעמדע רוסישע שטאָט וואָס דאָס ווערטל זאָגט אויף איר, אַז זי גלייבט נישט קיין טרערן, אים אויפגענומען מיט אַזאַ אָנגעכמורעטן ברוגז, אַז עס איז אים, דב בעריש כייקינען, אַזש קאַלט געוואָרן אויף דער נשמה מיט יענער אומהיימלעכער קעלט, וואָס קומט נישט פון דרויסן, נאָר פון אינעווייניק, פון אייגענעם לייב און פון די אייגענע ביינער.

ער האָט דערפילט זיך זייער עלנט, דב בעריש כייקין, אין יענעם רעגנדיקן נאַסלעכן טאָג, ווען ער איז אַרויס פון שפּיטאָל. עלנט און פאַרלוירן אין דער פרעמדער רוסישער שטאָט, וואָס האָט געקוקט אויף אים מיט רוגזהדיקן שטומען גלאַנץ פון פאַררעגנטע צערקווע־קופּאָלן און מיט בלינדן חשד פון פאַרלאָפענע פענצטער־שויבן. אין זיינע אויגן האָט זיך דעמאָלט אָפּגעזעצט אַ גלאַנציקע פייכטקייט, וועלכע ער האָט פאַמעלעך אויסגעווישט מיט דער גאַנצער האַנט־פלאַך. אים, דב בע־רישן, האָט זיך דעמאָלט שיר נישט אויסגעוויזן אַז דאָס וואַרטן אויפן טויט, דאָרט אין פינצטערן אָקאָפּ, איז גאָרנישט אַזוי שרעקלעך גע־

וועןּ; אַז ערגער, פיל ערגער איז דאָס בלייבן אַ קאַליקע איינער אַליין אין אַ ווילד־פרעמדער שטאָט, ווו יעדער מענטש, וואָס קומט דיר אַנט־קעגן, גלאָצט אויף דיר מיט נעפלדיקע פאַרשוווּמענע אויגן, וואָס קוקן דיך אָן און זען דיך נישט, און יעדער איילט זיך, איילט זיך, אַהין, ווו ער וועט דיך בשום אופן ואופן נישט מיטנעמען. „

— עך ביטער, ביטער, — האָט דב בעריש כייקין, דער ווערטל־זאָגער, צו זיך געברומט, ווען דער רעגן האָט שוין געהאַט דורכגע־ווייקט זיין האַלב־זעלנערישע, האַלב־אינוואַלידישע הלבשה, — מען דאַרף זיך דערפרעגן אויף אַ בית־מדרש, אויב נישט, וועט אויסקומען אויף איין פוס אַוועקצוהינקען אויפן בית עלמין... איינער אַליין אויף דער אייגענער לוויה... ,

...מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, אויך אין אַזאַ רעגנדיקן טאָג, האָט משה כייקין, דב בעריש כייקינס זון, אַריבערגעטראָטן די שפּיטאָל־שוועל ערגעץ־ווו אין דעם וויטן מיטלאַזיאַטישן סטעפּ. פּונקט ווי זיין טאַטע אַמאָל, איז ער אַ היפּשע ווײַלע געשטאַנען אויף דער דרויסנדיקר קאַל־טער שטיינערנער טרעפּ און געקוקט אויף דעם וועג, וואָס האָט מיט געלער ליימיקער בלאָטע און שיטערע טעלעגראַף־סטויפּעס פויל זיך געשלעפּט אין נאָענטסטן שטעטל אַריין, פּונקט ווי זיין טאַטע, האָט ער אין דעם דאָזיקן טאָג צום ערשטן מאָל דערפילט דעם עלנט פון זיין אין דער פרעמד. און פון אָט דעם עלנט איז ער געווען שטאַרק דער־שלאָגן, אַזוי דערשלאָגן, אַז ער האָט אַזש, פּונקט ווי זיין טאַטע, מיט דער גאַנצער האַנט־פלאַך געווישט די זאַלציקע טרערן, וואָס האָבן פאַרנעפּלט זיינע אויגן און ווען ער איז אַוועק מיט דעם ליימיק־געלן וועג צום נאָענטסטן שטעטל האָט ער די גאַנצע צייט געהאַט אַ געפיל ווי ער וואָלט עפּעס פאַרגעסן, פאַרלוירן, און וואָס — קאָן ער זיך בשום אופן נישט דערמאָנען.

נאָך אַ צוויי־שעהדיק טאָפּטשען איבער דער ליימיקער געלער בלאָטע האָט משה כייקין מיטאַמאָל דערזען דאָס פרעמדע שטעטל, וואָס האָט זיך באַהאַלטן פונעם גרויסן אומענדלעכן סטעפּ אין אַ בלאָטיקן טאָל. פאַר זיינע אויגן איז געלעגן דער פרעמדער מיטל־אַזיאַטישער

אַאול מיט דער גאַנצער אומהיימלעכקייט פון ליימענע נידעריקע הייז־לעך אין גרויען אומעט פון כסדרדיקן רעגן. און שוין ביים ערשטן טריט איבער די קליין־שטעטלדיקע גאַסן האָט זיך משה כייקין — דב בעריש כייקינס זון — דערמאָנט דאָס. וואָס ער האָט די גאַנצע צייט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אייגנטלעך, האָט ער דאָך אין דעם דאָזיקן שטעטל נישט קיין איין פריינד. קיין איין באַקאַנטן, צו וועלכן ער זאָל קאָנען אַריינגיין, זאָגן אַ גוט־מאָרגן, אָדער אויסטרינקען אַ גלאָז הייסע טיי. און פון אָט דער פרעמדקייט, וואָס ווייט אויף אים פון אַלע פיר שטעטלדיקע זייטן, איז אים געוואָרן אַזוי אומהיימלעך, אַז ער איז לאַנג געשטאַנען ערגעץ־ווו אויף אַ גאַס און זיך נישט געקאָנט באַשליסן אין וועלכער זייט צו שטעלן זיין איינ־ציק־פאַרבליבענעם פוס.

— אַ מזל ביי די כייקינס, — האָט ער צו זיך אַליין אַ קרומען שמייכל געטאָן, דערמאָנענדיק זיך דעם טאַטנס אומאויפהערלעכע מעשות וועגן יענער צייט, — ס'אַ ירושה־זאַך, זעט אויס, דאָס מזל ביי די כייקינס...

ווען עמיצער אַ שטעטלדיקער, אַ פרעמדער איז לעבן אים פאַר־בייגעגאַנגען האָט משה כייקין צוגעשטעלט זיין האַנט־פלאַך ווי אַ דעכל צו די אויגן. פאַר דעם פרעמדן שטעטלדיקן פאַרבייגייער האָט עס גע־קאָנט הייסן, אַז ער קוקט עמיצן אויס, עמיצן וואָס דאַרף אָנקומען פון יענער בלאָטיק־צעשווומענער וועג. בעת מעשה אָבער הערט אים אויף איין רגע נישט אויף צו עגבערן איין איינציקע פראַגע: ווו טוט מען זיך אַהין אין אַ ווילד פרעמדער שטאָט מיט ליימענע הייזלעך, אין וועלכע עס וווינען מענטשן, וואָס נישט זיי פאַרשטייען זיין שפּראַך און נישט ער פאַרשטייט זייער לשון?

— אין אַ פרעמדער שטאָט, — הערט ער, דאַכט זיך, דאָס קול פון דעם טאַטן זיינעם, דב בעריש כייקין, — אין אַ פרעמדער שטאָט איז די ערשטע זאַך אַן אַדרעס... אָן אַן אַדרעס ביסטו אַ פאַרלוירענער...

נאָר ווו זאָל ער נעמען אָט דעם אַדרעס... דער טאַטע האָט כאָטש געקאָנט זיך דערפרעגן צו אַ בית המדרש... דאָ אין מיטל־אַזיאַטישן אַאול קען ער וועגן אַזאַ זאַך אפילו נישט חלומען...

אַ גאַנץ לעבן, אַ לעבן ביז דער מלחמה און עוואַקואַציע קיין רוס־לאַנד, איז ער משה, געוווינט געווען זיך צו באַוועגן אין קרייז פון אייגענע מענטשן. דאָרט, אין קליינעם וואָלינער שטעטל, האָט ער יעדערן געקאָנט און יעדער האָט אים געקאָנט. דאָ, ווער קען אים? ווער ווייסט אים? אַ לעבן האָט ער אָפּגעלעבט אין זיין שטעטל און קיין־מאָל, כמעט קיינמאָל איז אים נישט אויסגעקומען צו נעכטיקן אויף אַ פרעמד בעט. איינמאָל איז ער געפאָרן אין אַ גרויסער שטאָט. די שטאָט איז אים אויך געווען פרעמד, האָט ער גענעכטיקט אויף אַן אכסניה און דערפאַר באַצאָלט געלט. דאָ אָבער — נישט ער האָט געלט און נישט ער ווייסט צי ס׳איז פאַראַן אַזאַ מקום וווּ מען לאָזט איבער־נעכטיקן פאַר געלט... פון דעסטוועגן — רעדט ער צו זיך אַליין מיט אַן אַנוואַקסנדיקער ביטערניש — פון דעסטוועגן וואָלטן די נאַטשאַלניקעס פון שפּיטאָל געמעגט אַ טראַכט טאָן איידער זיי שרייבן אויס אַן אינ־וואַליד און הייסן אים גיין צו אַלדי רוחות... באשר זיי האָבן אים גע־געבן עפּעס אַ פּאַפּירל צום ראַיאָנעם מיליטער־קאָמענדאַנט זענען זיי שוין פּטור? כסדר און כסדר רעדט מען נאָר וועגן דעם, אַז מען דאַרף אַרומרינגלען מיט זאָרג די מענטשן, וואָס האָבן זיך געשלאָגן פאַרן פאָטערלאַנד... ער, משה כייקין, האָט אין די שלאַכטן אַ פוס פאַרלוירן און דאָס איז די זאָרג און די אויפזיכט מיט וועלכן מען רינגלט אים אַרום?... ער גיט אָבער ביי די דאָזיקע געדאַנקען צו זיך אַליין אַ קרומען שמייכל און דער דאָזיקער שמייכל באַדייט: איי, משה, משה, נאַרישער משה, געטראָפן דאָס אָרט צו זוכן יושר. זיי האָבן שוין מער נישט וואָס צו טאָן, די נאַטשאַלניקעס, ווי צו טראַכטן וועגן אַן אינוואַליד... און אַ ייד דערצו...

נאָר ווו זאָל ער פאָרט גיין? ווו זאָל ער פאָרט זיך אַהין טאָן? געשלאָגן זיך פאַרן פאָטערלאַנד, אַ פוס פאַרלוירן און פון דעם גאַנצן פאָטערלאַנד איז נישט פאַראַן איין שטוב, וואָס זאָל פאַר אים עפענע; אַ טיר, וואָס זאָל אים געבן אַן אָרט אונטער אַ דאַך אין אַזאַ וויסטן, מבולדיקן רעגן.

ערגעץ ווו האָט זיך אַ הונט צעבילט און אין דעם צעצויגענעם

הינטישן געביל, אין דעם פּייפנדיקן געוואָי פון ווינט איז צו משה כייקינען אַ גיי־געטאָן די גאַנצע אומהיימלעכקייט פון זיין איצטיקן מעמד. די אומהיימלעכקייט פון זיין אין דער פרעמד אין אַזאַ אָוונט, ווען דער רעגן גיסט, ווי אויף להכעיס און אַלע טירן זענען פאַרשלאָסן און אויב ערגעץ ברענט אַ היימלעך שטוביק פייערל איז עס נישט פאַר דיר, נישט פאַר דיר.

ווו זאָל ער אים נעמען דעם אַדרעס ? ווו זאָל ער דאָ געפינען דעם טאַטנס בית המדרש ?

*

דער רעגן האָט נישט אויפגעהערט. דער רעגן איז געגאַנגען און געגאַנגען מיט אַן עקשנות, וואָס קאָן, דאַכט זיך, אונטערשווענקען וועלטן.

אַ גרויער, אַ פייכטלעך־אַנגעשוואָלענער חושך האָט פאַרשלונגען דאָס ליימענע שטעטל. אין דער רעגנדיקער פינצטערניש האָבן די קליינע ליימענע הייזלעך געגליווערט, צעשוווּמענע און פאַרמלאָזע ווי פאַר בראשיתדיקע שטיקער תוהו ובוהו.

זעלטן־ווו האָט אַ רויטלעך פלעמעלע אַרויסגעבלאַנדזשעט פון אַ פענצטערל אין דער נאַכטיקער פינצטערניש אַריין, ציטערנדיק אומזיכער געטאַפּט דעם חלל און, דאַכט זיך, חרטה געהאַט אויף דעם אַרויסכאַפּן זיך פון דער וואַרעמער שטוב אין נאַסן דרויסן.

אַ מיידעלע פון אַ יאָר אַכט אָדער צען, אין גרויסע קאַלאָשן, וואָס האָבן צעשפּריצט אַרום זיך די שיטערע בלאָטע, האָט דורכגעשפּריזט דעם וועג. אין קאַרגן שיין פון לאָמטערן, וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט, האָט משה כייקין דערזען אויף איר קאָפּ דעם זאַק, פון וועלכן עס האָבן געשטראָמט שמאָלע בלאָטיקע ריטשקעלעך. ער האָט געזען די שפּורן, וועלכע די אָפּגעטראָגענע קאַלאָשן — אַראָפּגענומענע, זעט אויס פון דער מאַמעס פיס און אַרומגעבונדענע מיט דינע שטריקלעך אַרום אירע דינע פיסלעך, — האָבן איבערגעלאָזט אין דער בלאָטע. די בלאָטע איז מיט וואַסערדיקן פליעסק אַנטלאָפן פון אונטער אירע טריט. דאָס מיידעלע האָט זיך דערווייטערט. איר בלינצלדיקער לאָמטערן האָט

אָוועקגעטראָגן דאָס קאַרגע ביסל שיין אין וועלכן דעם אָרום האָט אויס־געזען זייער נעפלדיק און צעדריבלט ווי אַ זיפּ.

אויף אַ שטיינערנער פּריזבע, צוגעדריקט צו אַ לאַנגער בלינדער ליימענער וואַנט, איז משה כייקין געזעסן אַ דורכגענעצטער אין שפּעטן רעגנדיקן אָוונט. דער הילצערנער דאַך, וואָס האָט נאָר אַ ביסל אַריבערגעשטאַרט די וואַנט, האָט ווייניק פאַרשטעלט זיין גוף פון די פאַלנדיקע רעגן־טראָפּנס. די טראָפּנס זענען געפאַלן קרומע און גע־דיכטע אויף זיינע קני, אויף זיינע אַקסל און אויף זיין פוס. עס האָט אים דורכגענומען אַן עסנדיקע פוילע קעלט פון וועלכער די ציין זענען אַזש איילִיק געוואָרן און דער קאָפּ האָט גענומען שווער ווערן.

די לאַנגע בלינדע ליימענע וואַנט האָט אים נאָר פאַרשטעלט פון וואַיעדיקן ווינט, נאָר אויך דער ווינט פלעגט זיך אָפּט איבערקליגן און אַ פאַרפלי טאָן אַהער מיט אַ רעש, ווי ער וואָלט זיך געגרייט עמיצן עוקר־מן־השורש צו זיין.

ער איז געזעסן און געוואַרט, משה כייקין.

דאָ נישט ווייט פון דער לאַנגער ליימענער וואַנט, ווו ער זיצט, געפינט זיך די ראַיאָנע מיליטער־קאָמענדאַטור. ער, משה כייקין איז מיט אַ שעה פריער דאָרט געווען. נאָר דאָרט האָט ער שוין קיינעם נישט געטראָפן און דער אויגורישער וועכטער, וואָס דרייט זיך אַרום אין די גרויסע גומענע שטיוול, פאַרשטייט נישט, וואָס מען רעדט צו אים, און אויף אַלע רייד האָט ער נאָר צוויי רוסישע ווערטער, וואָס ער חזרט איבער מיט זיין אויגורישן אַקצענט:

— סאָפּטאַראַ, טאַפּאַריש... סאָפּטאַראַ...

דערביי קייט ער די צוויי רוסישע ווערטער מיט אַזאַ הנאה און שמייכלט אַזוי ברייט און צופרידן, גלייך מיט דעם הייסן קומען מאָרגן, וואָלט ער געגעבן אַן אַנדייט אויף מי־יודע וואָסערע גליקן.

משה כייקין איז פון דעם ברייטן צופרידענעם שמייכל פון פעט־לייביקן אויגור אַזוי טרויעריק־פאַרדראָסיק געוואָרן אויפן האַרצן, אַז ער האָט אין דער דאָזיקער רגע פאַרגעסן דעם רעגן אין דרויסן און אויך פאַרגעסן אַז ביז מאָרגן וועט אים אפשר אַ נאַכט אויסקומען זיך אַרומ־

צושלעפּן ווי אַ הפקר־הונט. ער האָט אַ פאַרצווייפלטער אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר און זיך אַוועקגעאיילט כדי מער נישט אָנצוקוקן יענעמס פּעט און צופרידן פּנים.

ווען ער איז אַרויס פון דער וואַרעמער קאָמענדאַנטור־געביידע האָט אים ווידעראַמאָל אַ כאַפּ געטאָן דער הפקר פון אַ היימלאָזן. אפשר צוריקגיין צו דעם פּעטלייביקן אויגור אים אַלץ אויסטייטשן? ער וואָלט אפשר געלאָזט אין קאַרצער איבערנעכטיקן? נאָר ניין, ס'וועט אומזיסט זיין דאָס בעטן... יענער, דער אויגור, וועט אים באַלד דערציילן אַ מעשה, אַז ס'איז מלחמה־צייט און מלחמה־צייט מוז מען היטן די דיסציפּלין. ער וועט נאָך הנאה האָבן דערפון וואָס ער קען אים, משהן, אָפּזאָגן, אַרויסטרייבן. ער, משה, וועט נאָר בלייבן אַ פאַרשעמטער. מיט די־אָ געדאַנקען האָט ער זיך געטראָגן ווייטער אין דער נאַכט אַריין. שפּעטער, ווען ער האָט ביי דער ליימענער וואַנט דערזען די שטיינערנע באַנק, האָט ער זיך מיד אַראָפּגעלאָזט און איז אין דער ערשטער מינוט אפילו צופרידן געווען וואָס דאָס ביטערע מזל זיינס האָט פאַר אים צוגעגרייט אַן אָרט, ווו ער קאָן כאָטש אַ רגע זיך אָפּרוען.

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האָט זיין גוף, אַן אַדורכגענעצטער, אַן אַדורכגעווייקטער פונעם רעגן, גענומען פיבערן, אין קאָפּ האָט זיך געשטעלט אַ שווערע בלייענע היץ. פון מידקייט איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ דרימל. דער דרימל איז געווען אַ שווערער, אַ מאַטערנדיקער. אין קאָפּ האָבן זיך גענומען מישן פאַרשידענע געדאַנקען, צעריסענע, צעפּיצלטע געדאַנקען און בילדער. דער טאַטע, דב בעריש, האָט אין פרעמדן פאַרוואָרפענעם שטעטל אים געבראַכט אַ ווייס פּאַפּיר: ט'האָסטו דעם אַדרעס, — האָט משה כייקין דייטלעך געהערט דעם טאַטנס שטימע — אָן דעם אַדרעס ביסטו אַ פאַרלוירענער...

ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און זיך אויפגעכאַפּט. וואָס זיצט ער דאָ? אַהאַ! ער האָט נישט ווו צו גיין? פאַרוואָס זאָל ער נישט צוריקגיין אין שפּיטאָל? פאַרוואָס האָבן זיי אים אַרויסגעלאָזט אַ קראַנקן אויף הפקר? ער איז אַן אינוואַליד... ער האָט רעכט אויף אַ בעטל אין אַ

גאָסטיניצע... פאַרוואָס האָבן זיי אים קיין פּאַפּיר דערויף נישט געגעבן? און אַז ער איז אַ ייִד איז וואָס? ער האָט זיך געשלאָגן אויפן פראָנט נישט ערגער, ווי יעדער אַנדערער... ער איז טאַקע פון פּוילן... אַנט־לאָפן קיין רוסלאַנד פון היטלערן... געשלאָגן זיך אויף די פראָנטן קעגן דייטשלאַנד...

יאָ, ער וועט צוריקגיין אין שפּיטאָל... אָט שוין וועט ער צוריקגיין. זאָלן זיי אים פּרוּוון פון דאָרט צו פאַרטרייבן. דאָרט ווייסן זיי דאָך יאָ, אַז ער האָט אַ פוס פאַרלוירן...

און ער גייט. די ערשטע עטלעכע טריט זענען נישט צו פאַרזינ־דיקן. ער גייט, דוכט זיך, גאַנץ נישקשה. מיט אַזאַ גאַנג וועט ער אין צוויי שעה אַרום זיין דאָרט. אָט איז שוין די הילצערנע קלאַדקע אויפן שמאָלן טייכל. אָט זעט ער אין דער פינצטער דעם איינציקן בוים אין סטעפּ. ער געדענקט אים, משה, דעם דאָזיקן בוים נאָך פון אַהער־צו־וועגס. ער געדענקט אים, אי דערפאַר, וואָס ער איז איינציק און אַליין אויף אַזאַ גרויסן און אומענדלעכן סטעפּ, און אי דערפאַר, וואָס ער וואַקסט עפּעס משונה, און סע דאַכט זיך אויס, אַז ער וויל מיט זיינע צווייגן צוריק אַריינוואַקסן אין דער ערד. ער גייט, משה, ער גייט ווייטער, נאָר די טריט ווערן וואָס אַמאָל שוואַכער, שטילער און פאַר־מעלעכער. די ליימיקע בלאָטע זויגט איין די טריט און וויל בשום אופן נישט אָפּגעבן צוריק דעם פוס, וועלכן מען האָט אין איר אַריינגע־שטעלט. סע קומט צו שלעפּן דעם פוס מיט געוואַלד, און דערפון ווערט סיי דער קאָפּ, סיי דער גאַנצער גוף שווערער, שווערער.

דער פריערדיקער פיבער קומט צוריק. ער וויגט זיך, משה, אויף זיין איינציקן פוס, מיט דער קוליע אונטערן אָרעם, ווי אַ שיכורער.

אים גלוסט זיך דרעמלען.

אָט איז ער געפאַלן. ער פאַרמאַכט די אויגן און אין אַ רגע אַרום דאַכט זיך אים אויס, אַז ער גייט ווייטער... ווען ער עפנט צוריק אויף די אויגן זעט ער ווי איבער אים בייגט זיך אַ מענטש... אַ מענטש... אַ באָרד... אַ לאַמטערן...

נאָר אויך דעמאָלט פאַרמאַכט ער צוריק די אויגן און פאַלט ווידער

אַריין אין דרימל. דאָס מאָל איז דער דרימל אַ לייכטער, אַזאַ געשמאַ־קער, אַזאַ ווילער...

*

אויף די געהויקערטע ווענט האָט די ווייסקייט פון קאַלך געשימערט מיט אַ היימלעכן בלויען גלאַנץ. ער האָט אַזש צוריק פאַרמאַכט די אויגן פון דעם בלויען ליכט, וואָס האָט געפּלייצט צו אים פון די ווענט.

דערנאָך האָט ער ווידעראַמאָל געעפנט די אויגן און גענומען קוקן אויף דער וואַנט, וואָס לעבן בעטל.

פלעקן פון אָפּגעריבענעם קאַלך האָבן פון לאַנגן איינקוקן זיך אין זיי אָנגענומען משונהדיקע פאָרמען: אַ הייזל מיט אַ שיפּן דאַך האָט זיך געטונקלט צווישן ברייט צעצווייגטע ביימער. אויף אַ וועג, וואָס פירט ערגעצוו אין דער ווייטקייט אַריין, האָט געשפּאַנט אַן איינגע־בויגענע פיגור פון אַ מענטש מיט אַ זאַק אויף דער פּלייצע.

דער מענטש האָט געטראָגן אַ לאַנגן כאַלאַט. די פּאָלעס זענען גע־ווען צעפּלאַטערט.

עס האָט אַ שמעק געטאָן מיט דער ווייטער קינדהייט, מיט דער ווייטער היים.

אַזוי שאַרף איז אין אָט דער רגע געווען די דערמאָנונג פון דער קינדהייט, פון דער ווייטער היים, אַז משה האָט זיך דערפילט קליין און אים האָט זיך געדאַכט, אַז אין דער טיר, וואָס צעעפנט זיך איצט, האָט זיך באַוויזן די שטילע מאַמע זיינע.

נאָר אין דער טיר איז געשטאַנען אַ פרעמדע פרוי. פון דעם שמייכל אויף איר פּנים זענען, דאַכט זיך, די אויגן זיך צעלאָפן מיט אַ פריילעכן בלינצל אין דער ברייט.

איידער משה האָט צייט געהאַט צו פאַרשטיין, וואָס דאָס אַלץ באַ־דייט, איז די פרוי פאַרשוווּנדן און דערנאָך זיך באַוויזן מיט אַ קוואָרט אין דער האַנט. זי האָט זיך דערנענטערט צום בעט, האָט מיט אַ ברעג פון פאַרטעך אָפּגעווישט דעם טאַבורעט, וואָס איז געשטאַנען לעבן בעט, און אַוועקגעשטעלט אַ קוואָרט הייסע פרישׁ פאַרפאַרעטע טיי.

און ווידעראַמאָל איז משה גרייט געווען צו שווערן, אַז די פרוי,

וואָס ווישט מיטן ברעג פאַרטעך דעם טאַבורעט, איז נישט עמיצער אַנדערש ווי זי, דאָס קליינע מאַמעלע זיינס, די שטילע יידענע מיטן נאָך שטילערן שמייכל אויפן קינדערשן געראונצלטן פּנים...

ער האָט געוואָלט זיך אויפהייבן פון בעט, נאָר די פרעמדע פרוי איז שוין געשטאַנען לעבן אים:

— ניע נאַדאָ, — האָט זי גערעדט צו אים מיט אַ שלעכטן רוסישן לשון, — דו ליג, נישט טו זיך אָן.. דו קראַנק... דו ליג...

ער האָט געפאָלגט. אים איז אַזוי גוט געווען צו פאָלגן די פרעמדע מאַמע. ער האָט צוריק פאַרמאַכט די אויגן און אַזאַ אַנגענעמע וואַרעמ־קייט האָט אים אַרומגענומען. ער האָט זיך געגומען וויגן אויף סאַ־מעטענע כוואַליעס און איז ערגעץ־ווו אַוועקגעשווומען...

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז אויפן דיל לעבן בעט געזעסן אַן אַלטער מאַנצביל מיט אַ גרויסער ווייסער באָרד. דער מאַנצביל איז געזעסן די פיס אונטער זיך און האָט זיך פרום געשאָקלט.

משהן איז ווידער אַמאָל אויסגעקומען, אַז ערגעץ אַמאָל איז מיט אים שוין פאָרגעקומען דאָס זעלביקע וואָס איצט, ערגעץ אַמאָל איז ער אַזוי געלעגן אויפן בעט און אויפן דיל לעבן בעט איז געזעסן אַ מאַנצ־ביל מיט אַ ווייסער באָרד און זיך פרום געשאָקלט, געשאָקלט אין ריטם פון אַ ווייטן שלוש־סעודותדיקן ניגון.

דערזען, אַז משה האָט געעפנט די אויגן, האָט דער מאַנצביל מיט דער ווייסער באָרד אויפגעהויבן די האַנט, צוגעלייגט זי צום האַרץ און זיך פאַרנייגט אויפן אַלט־מזרחדיקן שטייגער.

משה האָט געוואָלט זיך אויפזעצן.

— דו ליג, — האָט דער אַלטער געזאָגט, — דער דאָקטאָר גע־זאָגט, דו ליגן דאַרפסט...

— דער דאָקטאָר?

— דאַ־דאַ, דער דאָקטאָר... — האָט דער אַלטער ווייטער גערעדט מיט זיין צעקאַליעטשעט רוסיש לשון — נעכטן ביינאַכט אים גערופן... סמאַטריעל, דו קראַנק ביסט... גערופן אים, דעם וראַטש.

משה האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויסע, פאַרוווּנדערטע אויגן.

— ער האָט דיך אין שפּיטאָל געוואָלט, דער וואָטש... נאָר מיר נישט געוואָלט... דו בעסער אין שטוב ליג... אונדזער ווייב דיך אַרומ־גיין... דו גיכער געזונט זיין... — אין שפּיטאָל — ביי זיי מענטש גאָר־נישט... ביי זיי מענטש ניטשעוואָ...

ער האָט מיט דער גאַנצער האַנט־פּלאַך אַ וויש געטאָן איבער די ליפּן, און די באָרד איז פון דער דאָזיקער באַוועגונג געבליבן אַ פּאָר־קוועטשטע אין זיין פויסט.

— נעכטן ביינאַכט, איך אַהיים גיי פון שטעטל... איך אַהיים גיי שפּעט ביינאַכט, איך קוק, אַ מענטש אין בלאָטע ליגט... אַהאָ, נישט גוט אַ מענטש אין בלאָטע ליגט... איך קוק, קוק, אַ פאַרוווּנדעטער ליגט... אַהאָ, נישט גוט, פאַרוווּנדעטער ליגן... איך נאָך איינמאָל קוק — איך דיך סראַזו דערקענט... דו יהודי... יהודי... אשכנזי, אמת?

משה האָט פּלוצלינג דערפילט אַ קנויל אין האַלדז און אין זיינע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן.

אַפּוואַרטנדיק אַ מינוט האָט דער אַלטער ווידער געפרעגט:

— און דו, ווי אַזוי אין בלאָטע ליגסט? דו נישט שיכור און אין בלאָטע ליגסט?...

משה האָט נאָך אַלץ נישט געענטפערט.

דער אַלטער האָט אויף זיין אופן פאַרשטאַנען זיין שווייגן:

— דו נישט געדענק? דו קראַנק געווען... נישט געדענק... אָט נעכטן דיר הייס, שטאַרק הייס געווען... דו גערעדט פון היץ... איך דיך דערקענט... דו יהודי... דו ברודער... אַלע יהודים ברידער... כל ישראל... ברידער... כל ישראל ירושלים...

משה האָט אָנגענומען דעם אַלטן ביי דער האַנט. ער האָט שטאַרק חשק געהאַט דעם דאָזיקן זקן צו דערציילן די מעשה מיט זיין טאַטן, דעם טאַטנס רייד וועגן אַן אַדרעס און בכלל... ער האָט אָבער פון זיך נישט געקענט אַרויסקריגן קיין קלאַנג און בלויז געמאַכט מיט די ליפּן ווי אַ פיש אויף דער טריקעניש. ס'איז צוגעקומען די אַלטע מיט אַ הייסער לעפּיאָשקע אין האַנט. די לעפּיאָשקע האָט פאַרשפּרייט אַ רייצנדיקן ריח און משה איז ווידער אַריינגעפאַלן אין שלאָף...

אַלמאַ אַטאַ 1943.

מצות

אַז דער הימל האָט גענומען טונקלען און די אָוונטיקע שאָטנס האָבן מיט אַ דריקנדיקער מרה שחורה גענומען איינהילן די יידישע הייזער אין דעם דראָט־אַרומגעצוימטן געטאָ־שטח, האָט דער הויכער אריה, אַ ייד אין די טיפע זעכציקער, אַן עפן געטאָן די טיר צו זיין שכן און כמעט מיט פאָרוווּרף געפרעגט:

— נו, ר׳ מיכל, שוין אפשר צייט?

ר׳ מיכל, וואָס איז געזעסן אויף אַ נידעריק הילצערן קעסטל, האָט אַ הייב־געטאָן דעם קאָפּ ווי אַ מענטש, וואָס מען האָט איבערגעוועקט פון דרימל. באַלד האָט ער צוריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף דער ברוסט, און ס׳האָט אויסגעזען, ווי אָט־אָט וועט ער זיך צעברומען מיט דעם קינה־ניגון פון תשעה באבדיקן איכה.

דער הויכער אריה, געשטרעקט און פינצטער ווי אַ שאָטן, איז שוין אָבער געשטאַנען נעבן אים און מיט אַ מאָנענדיקער עקשנות געטאָרעט ביים אַקסל:

— איר האָט פאַרגעסן ר׳ מיכל? מען האָט דאָך עפּעס אָפּגערעדט... ניין?

ר׳ מיכל האָט זיך אויפסנייז אַ טרייסל געטאָן. ער האָט אַ הייב גע־געבן דעם קאָפּ צו דעם הויכן ייד, וואָס איז געשטאַנען איבער אים, האָט אַ כאַפּ געטאָן די באָרד אין דער דלאָניע, דערנאָך צעעפנט די פויסט און מיט צוויי דאַרע ביינִיקע פינגער גענומען באַטאַפּן די גאָמבע. זיין שטערן האָט זיך דערביי שטאַרק געקאָרבט און די ווייס איבער די אויגן האָבן דריבנע געציטערט:

— איר מיינט עס אין דער אמתן, ר׳ אריה?

— וואָדען? אויף געלעכטער מיין איך עס, ר׳ מיכל?

— ס׳איז דאָך אָבער... איר פאַרשטייט... ס׳איז דאָך מסירת נפש... איר פאַרשטייט? נישט קיין קלייניקייט...

— כ׳פאַרשטיי... פאַרשטיי — האָט דער הויכער אריה אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט צוריקגעוואָרפן יענעם ווערטער — אוודאי מסירת נפש... אוודאי נישט קיין קלייניקייט... מצה אויף פסח איז אָבער אויך נישט קיין קלייניקייט... ס׳איז אַ מצוות עשה מדאוריתא... אפשר נישט?

ר׳ מיכל האָט נישט געענטפערט.

— און ווען איז יידישקייט אָנגעקומען גרינג — האָט דער הויכער אריה ווייטער גערעדט — יידישקייט איז אַלעמאָל מסירת נפש... אַלע־מאָל — נישט קיין קלעצל צוקער אויפצועסן... נו, איז באשר בכן? זענען יידן נישט געווען קיין יידן?

ר׳ מיכל, וואָס איז אַ סך עלטער געווען פון דעם הויכן אריה, האָט אַ צענעם געטאָן די הענט, ווי ער וואָלט שוין מער נישט געהאַט קיין רייד. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט אַ פאַרשולדיקט קול געזאָגט:

— נו, זאָל זיין... אַז איר ווילט, ר׳ אריה...

דער הויכער ייד האָט נישט געענטפערט. ער איז צוריק אַריין צו זיך אין חדרל און באַלד דערנאָך איז ער צוריקגעקומען מיט אַ קליין טאָרבעלע אין האַנט.

— אָט דאָס איז עס אינגאַנצן, — האָט ער געזאָגט — אויסבאַהאַלטן ס׳ביסל מעל אַ גאַנצן ווינטער... מ׳שטיינס געזאָגט, וויפל ס׳איז דאָ פאַראַן צו באַקן. אַז ס׳וועט זיין אויף אַכט מצות וועט זיין אַ נס.

ר׳ מיכל איז צוגעגאַנגען צום הילצערנעם קעסטל אויף וועלכן ער איז פריער געזעסן, עפּעס לאַנג דאָרט געגראַבלט און לסוף אַ פאַרשעמ־טער געזאָגט:

— כ׳האָב אויך געהאַט באַהאַלטן אַ ביסל מעל... נאָר די קינדער... געפונען, זעט אויס, און אויפגעגעסן...

— גיט פון דעסטוועגן נאָך אַ מאָל אַ זוך — האָט דער הויכער אריה אים געמונטערט.

ר׳ מיכל האָט נאָך אַמאָל זיך איינגעבויגן און מיט לויזע שלאַבע־

ריקע פינגער געגומען טאַפּן די ליידיקייט אין קעסטל. אויף זיין הויכן פּאַרמעט־געלן שטערן זענען אויפגעלאָפן בלויע אָדערלעך און דאָס מויל האָט זיך ביי אים אַביסל געעפנט, ווי ביי אַ פיש, ווען ער שלינגט לופט אויף דער טרוקעניש.

— נישטאָ — האָט ער לסוף געזאָגט — נישטאָ ר׳ אריה.

— איז מילא — האָט דער הויכער ייד געענטפערט — וועט מוזן זיין געגוג דאָס וואָס ס׳איז דאָ — דאָ האָט ער אַ הייב געטאָן דאָס טאָר־בעלע וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט און ווייטער גערעדט — אין דער תורה שטייט געשריבן מצות תאכלו... אַ ייד דאַרף פסח עסן מצות... נאָר וויפל, איז נישט שייך... וויפל ס׳איז דאָ אַזויפיל עסט מען.

דער פאַרשעמטער מיכל האָט אָפּגעאָטעמט און איז געוואָרן רירעוו־דיקער. מיט געמאַכטן קוראַזש האָט ער געזאָגט:

— גערעכט כ׳לעבן... נו, דאַרף מען זיך שטעלן באַקן. כ׳האָב אָבער מורא, אַז מיר וועלן נישט באַוויזן, ווייל אָט־אָט קומען די קינדער פון דער אַרבעט.

— וועט מען זיך צואיילן — האָט אריה געענטפערט — אונדזערע אבות אין מצרים האָבן זיך אויך געאיילט... איר געדענקט דאָך ר׳ מיכל, ולא יכלו להתמהמה, וגם צדה לא עשו להם...

*

ווי פאַרברעכער וואָס גרייטן זיך אָפּצוטאָן אַ גרויסע זינד האָבן ביידע אַלטע לייט, אין איינער פון די געטאָס אין פוילן, זיך גענומען גרייטן אויסצובאַקן אַ ביסל מצות אויף פסח.

די פענצטער פאַרהאַנגען. די טיר פאַרשלאָסן. ר׳ מיכל האָט מיט ציטערדיקע הענט געקנעטן דאָס טייג אין אַ געשייערטער שיסל און ר׳ אריה האָט געהייצט דאָס קיכל און עס געכשרט. די אַרבעט איז געגאַנ־גען גיך, גיך. מען האָט נישט גערעדט צווישן זיך און אין דער שטילקייט האָט זיך נאָר געהערט אַ מין ברומען, וואָס איז געווען חצי־געזאַנג און חצי־געוויין. דאָס האָט ר׳ אריה ביים רעדלען די מצות זיך צוגעברומט פסוקים פון הלל מיטן ניגון פון ראָוועך רבין. מיטן ניגון, וואָס מען האָט

אַמאָל, אין די גוטע צייטן, דאָרט געזונגען ביים באַקן מצה שמירה.

אין שטוב האָט אַ קליין ליכטל זיך געראַנגלט מיט דער פינצטער־ניש. פון צייט צו צייט האָט דער אויפשיין פון אַ רויטלעך פלעמל פון קיכל אַרויס אַ לעק געטאָן דעם שיטערן חושך און אַ בלאַנדזשע געגעבן איבער די ווענט. אין רויטלעך־בלויען אויפשיין פון פלעמל האָבן די שאָטנס פון די צוויי אַלטע לייט זיך צעשאָקלט מיט אויסטער־לישקייט און מיט מעשׂות פון אַנוסים אין די אינקוויזיציע־צייטן. די פינצטערניש אין שטוב האָט זיך באַוועגט און זי איז אַלעמאָל אויפסניי באַפאַלן די צוויי זקנים, וואָס האָבן אָפּגעריכט אַן אומגעוויינלעכע עבודה...

*

מ׳האָט פּלוצים אָנגעקלאַפּט אין טיר.ביידע אַלטע לייט זענען גע־בליבן פאַרשטאַרט אין חושך — צוויי פאַרגליווערטע שאָטנס.

מען האָט נאָך אַמאָל אָנגעקלאַפּט און פון יענער זייט טיר האָט זיך דערהערט אַ קול:

— זיידע, דו שלאָפסט?

— ס׳איז מנחם — האָט דער אַלטער מיכל אַ צאַפּל געטאָן און דער־ביי אָפּגעזיפצט מיט אַ זיפץ פון שרעק און דערלייכטערונג צוזאַמען.

— לאָזט אים אַריין — האָט דער הויכער אריה געזאָגט.

דער שליסל אין טיר האָט אַ הייזעריקן קרעכץ געטאָן. די טיר האָט זיך מיט אַ סקריפּ געעפנט. אין שטוב האָט פאַרשמעקט מיט דרויסנדיקן ווינט. אַ פאַרוואונדערט יונג קול האָט געפרעגט:

— וואָס איז דאָס אַזוינס, זיידע? דאָס קיכל אויסגעהייצט און עס פילט זיך טשאַד?

דער אַלטער מיכל האָט נישט געענטפערט, נאָר דער הויכער אריה איז אין דער פינצטער צוגעגאַנגען צו דעם אַריינגעקומענעם און אים אַרויפגעלייגט אַ ציטערדיקע האַנט אויפן אַקסל:

— מנחם — האָט ער געזאָגט, דו ביזט דאָך אַ ייד, האַ?

— וואָס? — האָט דער וועלכן מען האָט גערופן מנחם, אין דער פינצטער אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן — וואָס פּאַר אַ שאלה איינמיטן דערינען?

— אָבער ענטפער — האָט אריה נישט אַראָפּגענומען די האַנט פון יענעמס אַקסל — אַ ייד ביסטו? נו, און אַז ס׳גייט צו פסח ווייסטו? און פסח... ווייסטו דאָך... זענען יידן... אַלע יידן... מחויב צו עסן מצות...

— אַהאַ, איך פאַרשטיי... איר באַקט, הייסט עס מצות, פעטער אריה? דער דייטש האָט פאַרבאָטן און איר באַקט... נו, און ווען דער רוח זאָל געווען אַנטראַגן „אַ פּאָליצײ״? וואָס וואָלט דעמאָלט געווען?

— כ׳האָב געזאָגט, אַז ס׳איז מסירת נפש — האָט דער אַלטער מיכל זיך פאַרענטפערט.

— מסירת נפש — האָט דער הויכער אריה אים נאָכגעקרומט, — אַ וואַזשנער מסירת נפש... צוויי זקנים... אונדזערס אויף דער וועלט שוין אָפּגעטאָן — אונדזערס שוין אָפּגעלעבט... די איינשטעלעניש שוין נישט אַזוי גרויס... אָט ער, זעסטו... נאָך יונג... און פון דעסטוועגן...

ער איז אַ ווײַלע געבליבן שטיל און זיך אָנבויגנדיק צו מנחמען געזאָגט:

— כ׳מיין די זאַכן וואָס דו באַהאַלטסט אויפן בוידעם... אויך מסתם אַן איינשטעלעניש, האַ?

מנחם האָט זיך פּלוצים צעלאַכט מיט אַ יונג געלעכטער:

— עך, פעטער אריה, זייט איר, זייט איר... ער האָט נישט געענדיקט, געוואָרן ערנסט און געזאָגט:

— אַזוי טויג נישט. מען דאַרף אָנצינדן מער ליכט. אַז ס׳איז פינצטער אין שטוב קען מען פון מען דרויסן גיכער באַמערקן.

— אמת, אמת, נישט איינגעפאַלן — האָט ר׳ מיכל צוגעבאָמקעט — אַ גלייכע זאַך און נישט געהאַט דעם שכל דערצו.

מען האָט אָנגעצונדן נאָך אַ חלבן ליכט און מנחם האָט דערזען אויפן הילצערנעם קעסטל זעקס דאַרע מצות. די מצות האָבן געבלייכט פונעם ווינקל און זייער וואַרעמקייט האָט גערייצט דעם אַפּעטיט.

דער הויכער אריה האָט דערזען זיין הונגעריקן בליק און זיך אָנ־גערופן:

— נאָך פאַראַן אַ שטיקל מיירע... אויב דו ווילסט קענסטו דיר אויסבאַקן אַ פלעצל.

— חלילה — האָט מנחם געענטפערט — באַקט, באַקט, צום סדר וועט איר מיך מכבד זיין. ווי ער וואָלט נישט געוואָלט שטערן די אַלטע לייט האָט ער זיך אויסגעצויגן אויפן בעטל און שטיל צו זיך גערעדט:

— פעטער אריה, אַ שיינער יום־טוב פסח... דער יום טוב פון באַ־פרייונג... מעבדות לחרות... אַ שיינער יום טוב...

ס'איז ווידער געוואָרן שטיל. אינמיטן באַקן די לעצטע מצה האָט דער אַלטער מיכל זיך צוגעבויגן צו אריהן און שטיל געשעפטשעט:

— גאָט זאָל מיר מוחל זיין. כ'האָב משקר געווען... נישט די קינ־דער... כ'האָב אַליין אויפגעגעסן דאָס ביסל מעל... נישט גובר געווען דעם יצר הרע.

און זיך שטיל און דריבנע פונאַנדערגעכליפעט.

מנחם האָט פלוצלונג אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ פון קישן, געוואָלט עפּעס זאָגן און דער קאָפּ זיינער איז שווער אַ פאַל געגעבן צוריק. אויף זיין פנים איז אַרויס אַ גרינע בלייכקייט פון ערב טויט.

ביידע אַלטע לייט זענען צו אים האַסטיק צו. גענומען אים רייסן ביי די הענט.

— געחלשט — האָט מיכל אַרויסגעפישטשעט מיט אַ פרעמד דין קול — געחלשט פון הונגער.

דער הויכער אריה איז אַוועק צו זיך אין חדרל און איז באַלד צוריק־געקומען מיט אַ קליין פלעשל, וואָס ער האָט צוגעלייגט צו די ליפּן פון דעם יינגל.

ס'האָט געדויערט אַ ווײַלע ביז דער בחור איז געקומען צו זיך. ווען ער האָט געעפנט די אויגן האָט ער אַ פאַרווונדערטער אַרויסגעשטאַמלט:

— וויין? אייער וויין. אַנגעגרייט אויף פסח? אויף קידוש?

— שאַדט נישט — האָט דער הויכער אריה אים געגלעט איבערן

קאָפּ — ליג רויִק. וויין איז נישט קיין חיוב... אין דער תורה רעדט זיך נאָר וועגן מצות...

אין שטוב איז ווידער שטיל געוואָרן. ר׳ מיכל האָט זיך אַוועקגע־זעצט אויפן בעט און מיט זיינע שוואַכע, ציטערדיקע הענט אונטערגע־האַלטן דעם בלאַסן מנחם. דער הויכער אריה האָט צונויפֿגעזאַמלט די אָפּגעבאַקענע מצות, זיי איינגעוויקלט אין אַ ווייס האַנטוכל און בעת ער האָט זיי געטראָגן צו זיך אין חדרל אַריין, האָבן זיינע טריט געהילכט מיט נצחונדיקער פרייד, כאָטש זיינע זקנישע אויגן האָבן געטריפט מיט זאַלציקע, אָבלדיקע טרערן...

דער זשורנאַליסט

א

ס׳טרעפט אַ מאָל אַ טאָג ווען אַלע אויסטערלישקייטן ווערן נאַטיר־לעך, אַלע פֿאַנטאַזיעס ווערן וואָר און אַלע זאַכן וואָס זעען אין דער פֿרי אויס אוממעגלעך — קומען דיר אין אָוונט אַנטקעגן ווי פֿאַקטן וואָס גאָט אַליין קאָן זיי שוין נישט אויסמעקן פֿון זיין בוך פֿון געשעען.

אין איינעם אַזאַ הייסן דרום־אַמעריקאַנישן טאָג האָט דער זשורנאַ־ליסט יוסף יצחקי זיך אויפֿגעכאַפּט מיט אַ שטאַרקן קאָפּווייטיק, מיט אַן איבלדיקן טעם אין מויל און מיט אַ פֿיבערדיקער ברעכעניש אין אַלע ביינער. ביז ער האָט גענומען אָפּמעסטן די טעמפּעראַטור האָט מען אים דערווייל אַריינגעבראַכט אַ בריוו און ער האָט זיך פֿאַרטיפֿט אין לייענען. דער בריוו איז געווען פֿון זיינעם אַ יוגנטפֿריינד אין ישראל. מחמת איבער דער וועלט האָבן דעמאָלט זיך צעטראָגן די שמועות וועגן אַנטי־סעמיטישע געשעענישן אין יצחקיס מקומות, האָט אים דער יוגנטפֿריינד, אַן אומרויִקער, אָנגעפֿרעגט, צי דאָס אַלץ וואָס מען שרייבט וועגן דער יידן־שׂינאה אין די דרום־אַמעריקאַנער לענדער איז טאַקע אמת, און אויב יאָ — וואָס טראַכט ער, יצחקי, צו טאָן? „איך וויל דיר נישט שיטן קיין זאַלץ אויף די וווּנדן — האָט דער חבר געשריבן — אָבער ווי איינער וואָס האָט זיך געראַטעוועט פֿון דעם גרויסן פֿייער, ביסטו מחויב צו טראַכטן וועגן דעם וואָס ס׳קאָן געשען. בפֿרט נאָך ווען אַלע ווייסן, אַז דאָרט ווו דו געפֿינסט זיך זענען פֿאַראַן חמרים אַנטלאָפֿענע מלחמה־פֿאַרברעכערס און יידן־מערדערס וואָס קיינער טשעפּעט זיי נישט און זיי לעבן פֿראַנק-און־פֿריי. און אפֿשר — האָט דער חבר געפֿרעגט — אפֿשר איז דאָס אויך איבערגעטריבן? ווער קאָן היינטיקע צייטן וויסן וואָס ס׳איז אמת און וואָס נישט?”

באַלד נאָך דעם איז יצחקין אויסגעקומען עפּעס נאָכצוזוכן אין אַן אַלטער אויסגאַבע פון גבית־עדותן וואָס די היסטאָרישע קאָמיסיע אין פּוילן האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1947. אָט אַזוי זוכנדיק האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גבית־עדות וואָס ער אַליין האָט זי געהאַט אויפגענומען און פאַרשריבן אין יאָר 1946, אין לאָדזש. די עדות־דערקלערונג האָט געהאַט אָפּגעגעבן אַ געראַטעוועטע פון זיין שטעטל וועלכע האָט דערציילט פאַרשידענע פּרטים וועגן דעם אומקום פון די שטעטלדיקע יידן און געמאָלן מאוימדיקע בילדער וועגן דעם טויט פון אַ ריי מענטשן וואָס זענען אים געווען נאָענט. יוסף יצחקי איז דעמאָלט געהאַט אויפגעגרוילט געוואָרן פון אירע שילדערונגען און אַ טייל פון דעם דאָזיקן גרויל האָט ער געפילט נאָך איצט, ביים לייענען די שורות וואָס ער האָט אַזוי פיל יאָרן צוריק געהאַט פאַרשריבן.

מחמת דעם וואָס ער האָט זיך געפילט שלעכט און איז נישט בכוח געווען צו מאַכן זיין טעגלעכע אַרבעט פאַר דער צייטונג, האָט ער באַשלאָסן זיך אַרויסצוהעלפן מיט דער אָפּגעפונענער גבית־עדות־פאַרצייכענונג. ער האָט פון איר אַרויסגענומען אַ פראַגמענט, געמאַכט אַ געהעריקע צושריפט און זי אַוועקגעשיקט אין רעדאַקציע. אין דעם זעלביקן טאָג האָט ער פאַר דער צייטונג נאָך געדאַרפט אָנשרייבן אַ לייט־אַרטיקל. אַזוי ווי דער קאָפּ האָט זיך אים געדרייט, האָט ער שוין געוואָלט מודיע זיין, אַז ער איז נישט געזונט און וועט היינט נישט קאָנען קומען אין רעדאַקציע. האָט ער זיך אָבער דערמאָנט אַז סך מיטאַרבעטער זענען זיך צעפאָרן אויף וואַקאַציעס און אויף די גע־בליבענע חברים וועט בפירוש פאַלן צו שווער די לאַסט אים צו פאַר־טרעטן. דערפאַר האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט צו וואַרטן ביז אָונט. אפשר וועט אים ביז דעמאָלט בעסער ווערן אַזוי איז דער טאָג אַוועק און פאַר נאַכט צו האָט ער זיך אויפגעהויבן פון בעט, זיך אָנגעטאָן און געפאָרן אין רעדאַקציע — דאָס מאָל מיטן כוח פונעם עול וואָס איז אויף אים געלעגן; ווייל ס'איז שוין געווען צו שפּעט מודיע צו זיין אַז עמעצער אַנדערש זאָל אָנשרייבן דעם לייט־אַרטיקל און, כידוע, קאָן דאָך די צייטונג אָן אַ לייט־אַרטיקל נישט דערשיינען.

ב

ווי ס׳טרעפט אָפט אין די דרום־אַמעריקאַנער מקומות, האָט די היץ אין יענעם פאַרנאַכט זיך געשטאַרקט אַנשטאָט זי זאָל מיטן זונפאַרגאַנג קלענער ווערן.

איצט, אָוונטצייט, איז אָבער די חמימה שוין נישט געקומען, ווי אין מיטן טאָג, פון הויכן הימל, נאָר זי איז געגאַנגען מיט געדיכטע כוואַליעס פון די אָנגעגליטע מויערן און פון דעם ווייך געוואָרענעם אַספאַלט. באַזונדערס איז אַצינד שווער געוואָרן אַריבערצוטראָגן די היץ מחמת דער פייכטקייט אין דער לופט וואָס האָט זיך פאַרגרעסערט מיטן צופאַלן פון דער נאַכט.

געוויינטלעך ווערן די אָוונטיקע גאַסן און געסלעך באַלעבט און טומלדיק נאָכן הייסן זומערדיקן טאָג. איצט זענען זיי אָבער געווען פוסט און עפּעס ווי באַטויבט. דאָס עלעקטרישע גאַסנליכט האָט געבלענדט, די פּילקאָליריקע נעאָן־רעקלאַמעס האָבן געמיניעט, אָבער אפילו די הויפּטגאַסן פון שטאָט זענען געווען ליידיקלעך און די כמעט פוסטע אויטאָבוסן האָבן זיך געשלעפּט פויל און פאַרשלאָפן. פון מאָל צו מאָל האָט פון ים אַ בלאָז געטאָן אַ הייסער ווינט וואָס איז געווען נאַס און קלעפּיק און האָט געשמעקט מיט טוכלער באַדפאַרע. זיין הייסער אָטעם האָט אויף אַ רגע אַרודער־געגעבן דעם שטויב וואָס איז געלעגן אויף די דעכער־טעראַסן פון די אַלט־קאָלאָניאַלע הייזער און די ביימער מיט זייערע זילבער־גרויע, פאַרדאַרטע בלעטער, ווי אויסגעשניטן פון האַרטן בלעך, האָבן זיך קוים באַוועגט און באַלד צוריק פאַרשטאַרט געוואָרן. דער פאַרנער ים־ווינט האָט נישט אָפּגעקילט די לופט, נאָר זי נאָך הייסער געמאַכט. יעדעס מאָל ווען ער האָט זיך דורכגעטראָגן מיט זיין איבלדיקן פיש־ריח איז דאָס אָטעמען געוואָרן שווערער און דאָס האַרץ האָט גענומען העכער קלאַפּן.

יצחקי איז געגאַנגען פאַמעלעך און וואַקלדיק. דער דינער דאַמפּנעפּל וואָס האָט זיך געוויקלט מיט שלייערן אַרום די עלעקטרישע גאַסנלעמפּ האָט ביי אים צוגענומען די זע־זיכערקייט און דער ווייכער, צעשמאָלצענער אַספאַלט אונטער די טריט האָט אים רק געגעבן דאָס געפיל

אַז ער פֿאַרלירט די גלײַכװאָג, אַזוי אַז די פּיס האָבן געטראָטן נישט זיכער און דער גוף האָט זיך שיכורלעך געהוידעט. ער איז געגאַנגען, געגאַנגען און דער נישט ווייטער וועג פֿון אויטאָבוס ביז דער רעדאַקציע האָט זיך גאָרנישט געוואָלט ענדיקן.

ג

און אָט זיצט ער שוין בײַ זײַן שרײַבטיש אין רעדאַקציע־צימער און לייענט די קאָרעקטור פֿון דעם פֿראַגמענט וואָס ער האָט בײַ טאָג געשיקט אין דער זעצערײַ. דער קאָפּ שווינדלט אים און די אותיות טאַנצן פֿאַר די אויגן. אָט לעשן זיי זיך און אָט גיסן זיי זיך צוזאַמען אין איין שוואַרצן פֿלעק. נו, טראַכט ער, אפֿנים אַז איך בין אויף אַן אמת קראַנק. לאָמיך נאָר ענדיקן די קאָרעקטור, וועל איך אָנשרײַבן דאָס לייט־אַר־טיקל און דערנאָך קאָן איך מיר גיין אין בעט אַרײַן... און אפֿשר — רעדט ער צו זיך אַליין — אפֿשר וועל איך פֿאָרט גובר זײַן די קרענק? ס׳טרעפֿט, מען פֿאַרטוט זיך אין עפּעס און די קרענק פֿאַרגייט נישט צו וויסן וווּאַהין. אַזוי צי אַזוי — דערווײַל דאַרף מען זיך נעמען צו דער אַרבעט. ער בייגט זיך איבער די לאַנגע קאָרעקטור־שפּאַלטן און לייענט:

„אָשר, דעם רבס אייניקל וואָלט זיך זיכער געווען געראַטעוועט. שוין דאָס צווייטע יאָר ווי ער איז געלעגן באַהאַלטן בײַ אַ פּויער אין שטאַל. דער פּויער האָט אים געטראָגן עסן בײַ נאַכט און קיין שום מענטש האָט פֿון זײַן באַהעלטעניש נישט געוווּסט. די גאַנצע סחורה פֿון זײַן שניטקראָם האָט אָשרס טאַטע געהאַט אָוועקגעגעבן דעם פּויער, ער זאָל ראַטעווען זײַן בן־יחיד. זעקס חדשים פֿאַרן סוף פֿון דער מלחמה האָט ער נאָך געלעבט, אָשר, געלעבט בײַם פּויער אין שטאַל.

אין דעם דאָרף גלוכאָוו איז עס געווען. אין דעם דאָרף, זיבן קילאָ־מעטער פֿון אונדזער שטעטל, האָט זיך געפֿונען די געגנט־אָנפֿירונג פֿון די פּוילישע פּאַרטיזאַנער. די דײַטשן האָבן מורא געהאַט אַרײַנצוקומען אין דעם דאָרף אַרײַן, סײַדן — אַ גרעסערע באַוואָפֿנטע מחנה און דאָס אויך נאָר בײַ טאָג. דער אָנפֿירער פֿון די פּאַרטיזאַנער איז געווען אַ שייגעץ פֿון אונדזער שטעטל. גערופֿן האָט מען אים: אַנטעק, אַנטעק

וואָוזשיניעץ. אַ יאָר צוויי פאַר דער מלחמה האָט ער זיך שוין געהאַט דערדינט צו ווערן אַ שטיקל עלטסטער ביי די שטעטלדיקע פייערלעשער. האַרט פאַר דער מלחמה איז ער געהאַט אַריינגעטראָטן אין דער פּאָליציי.

אָט דער אַנטעק וואָוזשיניעץ האָט אויסגעשנאַפּט אַז אָשר באַהאַלט זיך ביים פויער אין שטאַל. אין איינער אַ פראָסטיקער נאַכט איז ער געקומען צום פויער און אים געזאָגט:

— מיר ווייסן, אַ ייִד באַהאַלטסטו, אַ פיינד פונעם פאָטערלאַנד.

דער פויער האָט גענומען ציטערן, געפאַלן אויף די קני, געקושט דעם אַנטעקן די שטיוול.

— גוט, האָט אַנטעק געזאָגט, מיר וועלן דיר שענקען דאָס פאַר־שיווע לעבן וואָס דו האָסט פאַרקויפט פאַר ייִדיש געלט. אָבער די שטאַל וועלן מיר דיר אונטערצינדן. זאָל זי אויסברענען צוזאַמען מיט דעם זשיד וואָס דו באַהאַלטסט.

— טויזנט דאַנקען דיר פאַר דיין גוט, קריסטלעך האַרץ, האָט דער פויער געזאָגט און געקושט די פאָלעס פון זיין קורטקע, טו וואָס דיר איז ליב מיטן זשיד, אָבער די שטאַל איז אַ נייע. ערשט פאַר דער מלחמה זי געבויט. און ווו איידל־געבוירענער, וועל איך אַהינטאָן די קו וואָס האַלט זיך אָט־אָט ביים קעלבן?

אַנטעק האָט אים געוויזן זיין חסד. די שטאַל האָט ער נישט פאַר־ברענט. אָשרן האָט מען אַרויסגעפירט פון שטאַל און מען האָט אים אויסגעטאָן נאַקעט. דערנאָך האָט מען אים געבונדן און אַריינגעשטעלט אין אַ פאַס. ס'איז געווען אַ פראָסטיקע נאַכט. דער פויער און זיין גאַנצע משפחה האָבן געשלעפּט עמערס וואַסער פונעם ברונעם און אָנגעגאָסן אַ פולע פאַס. אין דער פרי איז אָשר געשטאַנען אין פאַס אַ דערפרוי־רענער. מען האָט געמוזט האַקן דאָס אייז מיט העק ס'זאָל אַרויסלאָזן פון קלעם זיין בלויען גוף.

נאָך דער מלחמה האָבן ייִדישע יונגע־לייט, געראַטעוועטע אין די שכנותדיקע דערפער און צוריקגעקומענע פון רוסלאַנד, געזוכט אַנטעקן אין שטעט און אין וועלדער. ער איז אָבער ערגעץ פאַרשוווּנדן און מען האָט אים נישט געקענט געפינען. איין מאָל האָט אים איינער פון שטעטל

דערקענט אין אַ פּליטים־לאַגער אין דייטשלאַנד. ער איז אָבער אויך פון דאָרט פאַרשוווּנדן און פון דעמאָלט אָן ווייסט מען נישט ווו זיין טריפה גבביין איז אַהינגעקומען. אַזוי האָט אַ רוצח אויסגעמיטן די שטראָף און געראַטעוועט זיין פינצטער לעבן. גאָט, פאַר וואָס? פאַר וואָס?"

יצחקי האָט פאַרענדיקט לייענען די קאַרעקטור און אין זיינע אויערן האָט אָפּגעקלונגען דאָס פאַרצווייפלטע געשריי פון דער געראַטעוועטער פרוי פון זיין שטעטל וואָס מיט איר ביטערער נישט פאַרענטפערטער שאלה האָט ער דעמאָלט, מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק, פאַרענדיקט די גבית עדות־פאַרצייכענונג פאַר דער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין לאָדזש.

ד

דער עלעקטרישער בלאָזער וואָס שטייט אויף זיין שרייבטיש זשומעט איינטאָניק און שלאָגט אים אין פּנים אַריין הייסע, פאַרנע לופטשטראָמען. יצחקי איז האַלב־אָנטבלויזט, צעכראַסטעט, דאָס העמד אויף זיין לייב איז נאַס. פון דער זעצעריי פרעגט מען ווען ער וועט שוין פאַרטיק ווערן מיט זיין אַרבעט? ער וויל זיך צעשרייען, צעבייזערן: וואָס איז די איילעניש אין אַזאַ הייסן אָוונט? ער ענטפערט אָבער קוים וואָס מען הערט: באַלד, באַלד...

ער קוקט זיך אַרום אין צימער: ביי זייערע אַרבעטסטישן זיצן זיינע חברים און ראַנגלען זיך, פּונקט ווי ער, מיט דער מידקייט וואָס קלעפּט זייערע אויגן. זייערע פּנימער אין גרעלן נעאָנליכט זענען גריג־לעך און שלאַבעריק. ער הערט ממש זייער קורץ אָטעמען. פון מאָל צו מאָל הייבט זיך איינער פון זיי אויף, גייט אַריין אין וואַש־צימער און שטעלט אַרונטער זיין קאָפּ אונטער דעם לעבלעכן וואַסערשטראָם פון קראַן. אָבער ביז ער קומט צוריק און זעצט זיך אַוועק צו דער אַרבעט האָט די מידקייט אים שוין ווידער באַוועלטיקט און זיינע אויגן שליסן זיך שוין באַנייס אין בלייענעם פאַרחלשטן דרעמל.

יצחקי לייענט און לייענט די אָוונט־צייטונגען, די נאָר וואָס דער־

האַלטענע טעלעגראַמעס פון דער נייס־אַגענטור און מעשה־שטן געפינט ער נישט עפּעס אַזוינס וואָס זאָל זיין שטאָף פאַר אַ לייט־אַרטיקל. מיט אַ מאָל דערזעט ער עס... ווי מאָדנע: די ידיעה איז פאַראַן מיט קידוש לבנה־אותיות אויף די פראָנטזייטן פון אַלע בלעטער. ווי אַזוי האָט ער זי ביז איצט נישט באַמערקט? ווי אַזוי האָט ער אַזאַ ידיעה נישט דער־זען?

„אַן איינראָפּעישע מלוכה פאָדערט ביי אונדזער רעגירונג מען זאָל איר אויסליווערן אַ באַקאַנטן מלחמה־פאַרברעכער".

„אַ פילפאַכער מערדער וואָס געפינט זיך אין אונדזער לאַנד ווערט געזוכט דורך דער יוסטיץ פון אַן איינראָפּעישער מלוכה".

יאָ, דאָס איז די טעמע. פאַר אַ יידישער צייטונג איז תמיד כדאי צו צו שרייבן, צו פאָדערן אַז די נאַצישע קריגספאַרברעכערס זאָלן אויס־געליווערט און באַשטראָפט ווערן. אין אונדזערע מקומות איז אַזאַ פאָ־דערונג תמיד אַקטועל. טשיקאַווע: שוין דאָס וויפלטע מאָל קומט אים היינט אויס צו טראַכטן און צו שרייבן וועגן די נאַציס, וועגן דער מלחמה, וועגן חורבן. היינטיקן טאָג דרייט זיך עפּעס אַלץ אַרום דעם.

ה

דער ערשטער אָפּזאַץ פונעם לייט־אַרטיקל איז אָנגעשריבן. אָבער באַלד נאָך די ערשטע עטלעכע זאַצן האָט זיך ביי אים עפּעס פאַר־האַקט און ס'איז אים אוממעגלעך ווייטער צו שרייבן. דער געדאַנק וואָס צו שרייבן איז פאַראַן; די ווערטער אַרויסצוברענגען דעם געדאַנק זענען אויך דאָ, אָבער עפּעס בינדן זיי זיך נישט. עפּעס שפּילן זיי איינס מיט דאָס אַנדערע אַ מאָדנע קידער־ווידער. לכתחילה דאַכט זיך אים אויס אַז די גאַנצע שוועריקייט באַשטייט אינעם צוקלויבן די ווערטער וואָס זאָלן פאָרמולירן דעם געדאַנק, אָבער זוכנדיק די פּאַסיקע אויס־דרוקן דערשפּירט ער מיט אַ מאָל אַז אַלע ווערטער זענען זיך צעפלויגן, האָבן זיך ערגעץ באַהאַלטן און דער קאָפּ איז געבליבן מוראַדיק ליידיק. ליידיק ווי אַ פאַס. ווי אַשרס פאַס. ניין, אַשרס פאַס איז געווען פול, פול מיט וואַסער וואָס איז געוואָרן פאַראייזט. יאָ, דער געדאַנק איז דאָ,

אָבער ער איז ווי דער דאַמפּנעפּל אַרום די גאַסנלעמפּ, צעשוווּמען און פאַרעמלאָזיק און מען קען אים בשום אופן נישט פאַנגען. באַלד שווימט דער נעפּלדיקער געדאַנק אויף ערגעץ ווו אַוועק און ס׳בלייבט פון אים בלויז אַ דין זכרון־פעדעמל וואָס ציט זיך פון אַ פינצטערן קנויל. צום דריטן, צום פערטל מאָל לייענט יצחקי די אָנגעשריבענע שורות. אפשר וועלן זיי אים צוריק אַרויפפירן אויפן וועג? אָט איז עס... אָט קומען די ווערטער צוריק און עס לייכט עפּעס אויף אין זיין מוח. אין דער רגע לויפט אים דורך אַ שטעכיקער ווייטיק פון אַקסל ביז צו דער ברוסט און ווידער אַ מאָל — אַ שאַרפער בליץ פון אַקסל ביז די שפּיצן־פינגער. וואָס האַמערט דאָס האַרץ אַזוי גיך? נישט שוין זשע וועט ער היינט נישט פאַרענדיקן זיין אַרבעט?

אַ רגע איז ער פאַרזונקען אין אַ דרימל. אין דרימל דערשפּירט ער ווי ער וואָלט זיך געשפּאָלטן אויף צוויי. צוויי מענטשן זיצן אין אים און יעדער טראַכט זיך זיינע באַזונדערע רעיונות. ער אַליין איז בלויז דער וואָס טראַכט מיט פאַרוווּנדערונג וועגן אָט דער באַזונדערקייט פון די רעיונות. ער טראַכט? ניין, דאָס איז נישט קיין טראַכטן. ס׳איז אַ מין פאַרדימיונטקייט וואָס איז ענלעך צו דעם אומזיניקן געדאַנקען־לויף וואָס טראָגט זיך אין קאָפּ בעת מען האָט היץ, אָדער ווען מען מאַטערט זיך ביי נאַכט אין האַלב־שלאָף. אייגנטלעך וואָלט כדאי געווען צו זאָגן אַז ער איז קראַנק. זאָל עמעצער אַנדערש פאַרענדיקן דעם לייט־אַרטיקל. האָט ער עס שוין געזאָגט? אין האַלב־דרימל זעט ער זיך שוין אין בעט. ער הערט אַרום זיך שטימען. עמעצער רעדט, ער הערט נישט וואָס, מיט אַ מאָל הערט ער זייער דייטלעך:

— ער האָט עס באַקומען בעתן שרייבן אַ לייט־אַרטיקל.

ער כאַפּט זיך אויף. אַך שוין ווידער דער אומזיניקער פּחד פאַר אַ האַרצאַטאַק. תמיד דאָס אייגענע: ווי נאָר עפּעס דאַכט זיך אים באַלד אַז ס׳וועט געשען. פאַר וואָס זאָל עס געשען? פאַר וואָס הענגט איבער אים די לעצטע צייט די אימה פאַר אַ קאַטאַסטראָפע? ניין, מען טאָר זיך נישט אונטערגעבן, מען מוז ענדיקן די אַרבעט. ס׳קומט אים אויס, אַז דאָס ענדיקן דאָס לייט־אַרטיקל איז אַ מין סגולה מען זאָל נישט

דאַרפֿן זאָגן אַז ס׳איז געשען דאָס, פּאַר וואָס ער האָט די לעצטע צייט אַזוי מורא. פּאַר וואָס האָבן די יידן־מערדערס נישט קיין מורא? וואָס לעבט איבער אַזאַ איינער ווען ער לייענט אין צייטונג אַז מען פֿאָדערט זיין אויסליווערונג? פּאַר וואָס קריגט קיינער פֿון זיי נישט קיין האַרץ־אַטאַק?

ער האָט זיך כמעט אַ ריס געטאָן פֿון אָרט, גענומען אַן אַספּירין־טאַבלעט און זיך דערפֿילט אַ ביסל בעסער. וואָלט נאָר דאָס וואַסער נישט געווען אַזוי עקלדיק וואַרעם! נו, איצט וועט ער ענדיקן שרייבן און אַהיים גיין. סוף־כּל־סוף איז עס דאָך נישט קיין שווערע טעמע. שוין אַ סך מאָל געשריבן וועגן דעם זעלביקן ענין. קיין מאָל איז אים אָבער דאָס שרייבן נישט אָנגעקומען אַזוי שווער ווי היינט. אפשר וועט ער פֿון היינט אָן שוין מער נישט קענען שרייבן? אַ, נאַרישקייטן, נאַרישקייטן. פּאַר וואָס זאָל ער נישט קענען מער שרייבן? מען דאַרף זיך נאָר נעמען אין די הענט. האָט ער עס געזאָגט אויפֿן קול? פּאַר וואָס האָבן די חברים אויסגעדרייט צו אים זייערע קעפּ?

זיינע חברים, זעט ער, האָבן זיך שוין „גענומען אין די הענט". זייערע פּענעס לויפֿן איבערן פּאַפּיר. פֿון דער זעצעריי איילט מען. די זעצערס זענען תּמיד אין כּעס ווען זיי דאַרפֿן צוליב די רעדאַקציע־מענטשן אַרבעטן אַ שעה לענגער. נישט קיין וווּנדער. אין זעצעריי איז נאָך הייסער ווי דאָ. נאָך גוט, טראַכט יצחקי, וואָס ער דאַרף אין אַזאַ הייסער נאַכט נישט אַרבעטן ביים לינאָטיפּ מיטן הייסן בליי. וואָס וואָלט ער געטאָן ווען ער דאַרף אין אַזאַ חמימה שטיין ביי אַ בעקער־אויוון? אין אַ גלאָזהוטע? נו, גענוג, גענוג מיט די פּוסטע הוריות. מען דאַרף שרייבן, שרייבן...

ער האָט אָנגעשריבן נאָך צוויי אָפּזאַצן. נישקשה. בלויז וואָס די אָנגעשריבענע אותיות צעשווימען אויפֿן פייכטן פּאַפּיר. די שוואַרצע פֿלעקן פֿון צעפֿלאָסענעם טינט גיסן זיך צוזאַמען מיט די געלע פֿליאַמעס פֿון אַראָפּגערונענעם שוויס. בּרר. עקלדיק... נאָך איין אָפּזאַץ געבליבן אָנצושרייבן: אַן אַפּעל צו די געפֿילן פֿון די מאַכטהאָבערס פֿון לאַנד, אין נאָמען פֿון די הומאַניסטישע טראַדיציעס פֿון פֿאָלק... אַז... כּדי...

זיין חבר פרעגט אים צי ס'איז אמת, אַז ביי אים אין לאַנד זענען פאַראַן חמרים אַנטלאָפענע קריגס־פאַרברעכערס? וואָס זאָל ער אים ענטפערן? ער איז שוין צען יאָר אין לאַנד און האָט נאָך קיין איינעם פון זיי נישט באַגעגנט. הייסט עס... האָ? וואָס הייסט עס? פון וואַנען ווייסט ער אַז ער האָט זיי נישט געזען, נישט באַגעגנט? אין קאָפּע ווו ער קומט אַריין איז פאַראַן אַ קעלנער וואָס רעדט אוקראַיִניש. פון וואַנען ווייסט ער צי ער איז נישט קיין מלחמה־פאַרברעכער, אַ יידן־מערדער? און וואָס ווייסט ער וועגן זיין שכן? אים האָט זיך איין מאָל אויסגעדאַכט אַז ער האָט אים געהערט רעדן צו זיין זון דייטש. ער זאָגט אַז ער קומט פון יוגאָסלאַוויע. פון וואַנען ווייסט ער ווער ער איז? די אַנטלאָפענע קריגס־פאַרברעכערס גייען נישט אַרום אין קיין אוניפאָרמען אַז מען זאָל זיי דערקענען. זיי זענען אָבער פאַראַן, זיי זענען פאַראַן אומעטום. זיי זיצן אין די מלוכה־ביוראָען ווו עס קומען אָן די פאָדערונגען מען זאָל זיי אויפזוכן און אויסליווערן. פאַר וואָס האָט מען ביז היינט נאָך נישט געפונען און נישט אויסגעליווערט כאָטש איינעם פון זיי?

וואָס פאַר אַ זינען האָט דאָס גאַנצע שרייבן? דאָס גאַנצע אַפּעלירן צו די יושר־געפילן? מען האָט שוין אָפּגעשריבן די פינגער וועגן גערעכטיקייט, מען האָט שוין געחנפעט די מאַכטהאָבער, געשפּילט אויף דער סטרונע פון זייער הומאַניזם. הו־מאַ־ניזם... דער איינציקער, קען זיין, וואָס וועט מאָרגן לייענען דעם לייט־אַרטיקל אין דער לאַנד־שפּראַכיקער איבערזעצונג, וועט זיין דער דאָזיקער וואָס מען פאָדערט זיין אויסליווערונג. ער וועט עס לייענען אין זיין ביוראָ, אין דער מיניסטעריאַלער געביידע. און פאַר אים מאַטערט ער זיך איצט צו געפינען איבערצייגנדיקע ווערטער, לאָגישע אַרגומענטן צו באַרעכטיקן די דאָזיקע פאָדערונג? אַך, ווי שרעקלעך, ווי אידיאָטיש דאָס אַלץ איז. ער שטעלט זיך אויף און וויל עפּעס זאָגן צו זיינע חברים, אָבער ער דערזעט זיי אַזוי אומרעאַל ווי דורך אַ פאַרהויכט גלאָז. אויך זייערע שטימען הערט ער ווי פון דער וויטנס, ווי פון זייער וויט. אָט וועט ער זיך אויף אַ ווילע אַוועקזעצן, זיך אָפּרוען. ס'איז גאָרנישט. ס'איז גאָרנישט...

ו

דער חבר וואָס מאַכט די קרימינעלע לאַנדנייעס האָט פּלוצעם אַ הייב געטאָן זיין קאָפּ פון די פּאַפּירן און געזאָגט מיט אַן אויפגעלעבט קול:

— חברה, איר הערט? ביים דרום־פּאָל האָט מען נעכטן געפונען אַ פאַרפרוירענעם.

דער עולם אַרום איז אָבער צו מיד צו רעאַגירן אויף דער נייעס. אייגנטלעך, וואָס איז דאָ דער וווּנדער? ווער ווייסט עס נישט אַז ביים דרום־פּאָל איז שאַרפער ווינטער, אפילו ווען דאָ איז אַ ברענענדיקע היץ? ווער ווייסט עס נישט אַז דאָרט איז אייביקער שניי? אייביקער פראָסט?

דער חבר פון די לאַנדנייעס לאָזט אָבער נישט אָפּ. עס קומט אויס שרעקלעך גראָטעסק צו שרייבן אין אַזאַ הייסער נאַכט וועגן אַ פאַר־פרוירענעם. אַ רגע פאַרטיפט ער זיך אין די נייעסבלעטלעך און באַלד שרייט ער ווידער אויס:

— איר הערט? ס'איז נישט סתם קיין פאַרפרוירענער. דאָס האָט מען אים... דאָס האָט מען אים אויף אַזאַ אופן דערמאָרדעט, דערהרגעט. איר הערט? ער איז געווען אַ וועכטער אין דער דאָרטיקער תפיסה, אין דער תפיסה אויפן פייערלאַנד־אינדזל. די אַרעסטאַנטן האָבן אים שטאַרק פיינט געהאַט. ער האָט זיי באַהאַנדלט אכזריותדיקער ווי אַלע אַנדערע וועכטערס. מיט צוויי טעג צוריק האָט ער געפירט אַ פּאַרטיע אַרעסטאַנטן אויף אַרבעט ביי די קאַנאַלן. דאָרט האָבן זיי אים אָנגע־וואָרפן, געבונדן, פאַרשטאָפּט דאָס מויל און אַריינגעזעצט אין אַ פאַס וואַסער. איר הערט? אין אַ פאַס וואַסער האָבן זיי אים אַריינגעזעצט און איבערגעלאָזט אין וואַסער ביז אין דער פרי. צו מאָרגנס האָט מען אים געפונען אַ פאַרפרוירענעם. מען האָט געמוזט צעהאַקן דאָס אייז כדי אים אַרויסצונעמען פון פאַס.

מיט איין שפרונג איז יוסף יצחקי געווען ביים טיש פונעם חבר פון די לאַנדנייעס. ער האָט זיך אָבער אַזוי פאַרקייכט, אַז ס'האָט געדויערט

אַ היפּשע ווײַלע ביז ער האָט געקענט פון זיך אַרויסקריגן די ווערטער:

— ווי... ווי האָט מען אים... ווי אַזוי האָט ער געהייסן דער... פּאַר־פרוירענער? אַנטעק? אַנטעק וואַוזשיניעץ? אַ פּאָליאַק?

דער חבר פון די לאַנדנייעס האָט גענומען זוכן צווישן די פּאַפּירן. יצחקיס נערוועזיטעט האָט זיך אים איבערגעגעבן. אָבער אין אַ רגע אַרום האָט זיך דערהערט זיין שטים:

וואַוזשיניעץ? אַ פּאָליאַק? ניין, ניין. דאָ רעדט זיך גאָר וועגן...

יוסף יצחקי האָט נאָר באַוויזן אַ קרעכץ צו טאָן און ער האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד.

I

צו מאָרגנס איז די צייטונג דערשינען מיטן נישט־פּאַרענדיקטן לייט־אַרטיקל.

אגב, האָט קיינער נישט באַמערקט אַז דער לייטאַרטיקל איז נישט פּאַרענדיקט. דער אַפּעל צום הומאַניזם פון די מאַכטהאָבערס האָט, אַ פּנים, קיינעם נישט אויסגעפעלט.

קיינער האָט אויך נישט באַמערקט די ענלעכקייט צווישן אָשרס טויט אין דעם דאָרף גלוכאָוו און דעם טורמע־וועכטערס טויט אויפן פייער־לאַנד־אינדזל. יצחקיס פּאַרצייכענונג איז געווען געדרוקט אויף אַן אַנדער זייט און די מעשה וועגן דעם דערמאָרדעטן וועכטער — אויף אַן אַנדער זייט.

נאָך יענער נאַכט איז יצחקי געלעגן צוויי וואָכן אין בעט אַ קראַנ־קער און ווען ער איז אויפגעשטאַנען און געגאַנגען צו דער אַרבעט האָט ער לכתחילה געטראַכט אָנצושרייבן עפּעס וועגן דעם מאָדנעם צוזאַ־מענפאַל פון די צוויי טויטן. ער האָט עס אָבער נישט געטאָן, ווייל אים אַליין איז נישט קלאָר געווען זייער סמיכות־הפרשה...

אַ משפּט צווישן לאַנדסלייט

זאָגן גענוי ווו די זאַך איז געשען קען איך נישט. כ׳קען אָבער יאָ זאָגן, אַז זי איז געשען ערגעץ אין אַ לאַטיין־אַמעריקאַנער לאַנד, ווו חנוכה פּראַוועט מען אין מיטן זומער און שבועות געפאַלט אין רעגנ־דיקע ווינטער־טעג. אין יענעם לאַנד איז פאַראַן אַ היפשער יידישער ישוב און די יידן דאָרטן זענען על פּי רוב געקומענע פון די שטעט און שטעטלעך אויף דער אַנדערער זייט ים.

ובכן איז עס געווען אַזוי: די זלאָטאָגורער לאַנדסלייט האָבן גע־קריגן אַ ידיעה, אַז פון זייער גאַנץ שטעטל האָבן זיך פון היטלער־פייער געראַטעוועט בלויז דריי יידן: צוויי מאַנסלייט און איין פרוי. בעת די דאָזיקע ידיעה איז אָנגעקומען צו די זלאָטאָגורער איז די גע־ראַטעוועטע פרוי שוין געווען אין ארץ־ישראל, ביי איר ברודער. די מאַנסלייט זענען אָבער נאָך געזעסן אין די דייטשע לאַגערן און זיי האָבן געוואַרט אויף וויזעס צו קענען ערגעץ ווו אַרויספאָרן.

די פרוי אין ארץ־ישראל האָט מען גערופן פאַני, פאַני גאָלדפלאַם. פון די צוויי מאַנסלייט האָט איינער געהייסן בנימין ווינטער און דער צווייטער — הלל וויין. די זלאָטאָגורער לאַנדסלייט האָבן אַלע דריי געראַטעוועטע גוט געקענט. וואָרים דער רוב פון די זלאָטאָגורער, אין דעם אָרט ווו די זאַך איז געשען, זענען געווען מענטשן וואָס האָבן עמיגרירט פון זייער שטעטל אין די דרייסיקער יאָרן און זיי זענען דע־מאָלט געווען יונגע מענטשן. די דריי געראַטעוועטע פון שטעטל זענען געווען אין זייער עלטער. חברים, קען מען זאָגן. נישט מער — זייערע וועגן האָבן זיך צעשיידט; יענע דריי זענען געבליבן אין פוילן און די דאָזיקע דאָ האָבן אויסגעוואַנדערט פון דאָרט און אַזוי אַרום ניצול געוואָרן פון חורבן.

די פרוי פאַני גאָלדפלאַם וואָס האָט זיך איצט באַזעצט אין ארץ־ישראל, האָט דאָ געהאַט יוגנט־חברטעס. זי האָט אָבער צו זיי וויניק געשריבן און ווען מען האָט זי איין מאָל אָנגעפרעגט צי זי וויל נישט עפּעס אַ הילף, האָט זי אין גאַנצן אויפגעהערט שרייבן. די חברטעס אירע האָבן זיך געוווּנדערט, וואָרעם מען האָט זי געדענקט ווי אַ באַשיידן און גוט מיידל וואָס בלאָזט נישט פון זיך און האָט נישט קיין טבע אַזוי ראַפּ־טום זיך צו באַליידיקן. נאָר מאַלע וואָס אַ מענטש איז געווען? די צייט בייט אַפילו דעם אויסזען פון אַ שטיין.

פון די צוויי מאַנסלייט וואָס זענען געווען אין דייטשלאַנד איז בנימין ווינטער גאָר באַזונדערס באַליבט געווען ביי אַלע זלאָטאָגורער אָפּשטאַמיקע. ער, בנימין ווינטער, איז בשעתו געווען דאָס שבת־שיינדל פון שטעטל. אַ יונגערמאַן פון תורה און יחוס. סמיכה אויף רבנות און אַ קענער פון פראַנצויזיש. מאַמעס אין זלאָטאָגורע האָבן זיך מיט אים גע־בענטשט און מיידלעך האָבן געחלשט נאָך זיינע טריט. אמת, די יונגע־לייט פון שטעטל האָבן אין אים געזוכט חסרונות, אָבער יעדער איז פאָרט געווען גליקלעך, אַז בנימין האָט מיט אים אויסגערעדט אַ וואָרט: אַ קליינינקייט: בנימין ווינטער!

אויך דער צווייטער געראַטעוועטער מאַן איז די זלאָטאָגורער געווען גוט באַקאַנט. אַ שאלה אַביסל! ווער האָט דען נישט געקענט דעם אויס־טערלישן הלל ווייַן? ער האָט שוין נישט געשטאַמט פון אַזאַ יחוס ווי בנימין ווינטער. — זיין מאַמע, אומאויסגערעדט זאָל עס זיין, האָט גע־האַנדלט מיט הינער און געוווינט אין קאָזשע־געסל. אויך אויפן אויסזען איז דער הלל נישט געווען אַזאַ וואַזשנער פאַרשוין: געהאַט אַ געשטופּלט מצה־פּנים און אַן עזותדיקן בליק פון אַ זאַמד־שגץ. ער איז טאַקע געווען אַ שגץ אויך — נישט געשווינט קיינעם און בכלל נישט אַרויסגעוויזן קיין דרך־ארץ פאַר עלטער און גרעסער. ס׳איז אָבער פאָרט געווען הלל ווייַן, אָט דער הלל ווייַן, וואָס האָט געהאַט אַ פייערדיקן קאָפּ און זיין נאָמען איז געגאַנגען איבער דער וועלט. דער הלל איז געווען אַ שריי־בער, און זיינע שרייבעכצן האָבן זיך געדרוקט אין די וואַרשעווער בלעטער און אַפילו אין זיינע אייגענע ביכלעך. אמת, אין שטעטל האָט

מען זיין שרייבן עפּעס נישט אַזוי פאַרשטאַנען, און קיין גרויסע פּרנסה האָט ער דערפון אויך נישט געהאַט. אָבער אין די וואַרשעווער בלעטער האָבן אפילו דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן אים געלויבט ביזן הימל אַריין, געזאָגט, אַז ער איז אַ רעכטע כלי. האָט מען טאַקע אין זלאָטאָגורע ווייניק זיך געחברט מיט הללן, אָבער שטילערהייט האָט מען זיך מיט אים געגרויסט און פּאָר פרעמדע האָט מען געמאַכט דעם אָנשטעל אַז מ׳איז מיט אים דוץ־ברידער. אפילו דאָ, אין דער נייער היים, אַז די זלאָטאָגורער זענען זיך צוזאַמענגעקומען מיט בעסערע מענטשן, מיט די לייט וואָס שרייבן אין די בלעטער, האָט מען מיט גדלות געזאָגט: „איר האָט געהערט פון זלאָטאָגורע? דער שרייבער הלל ווייַן שטאַמט דאָך פון אונדזער שטעטל. ער האָט אונדזער גאַנץ שטעטל מיט אַלע אירע מענטשן באַשריבן אין זיינע ביכער. אַהאַ, און איר האָט געמיינט, אַז מיר קומען פון הינטערן אויוון?"

*

די פּאַני גאָלדפלאַם האָט צו אירע זלאָטאָגורער יוגנט־חברטעס געשריבן עטלעכע בריוולעך און אויפגעהערט שרייבן. הלל ווייַן האָט אַפילו איין בריוול אויך נישט אָנגעשריבן. „שטייט אים נישט אָן" — האָבן די זלאָטאָגורער גערעדט צווישן זיך מיט פאַרדראָס — „נישט אומזיסט זאָגט מען: ווי איינער איז צו זיבן". אַנדערע האָבן צוגעגעבן: „וואָס מיינסטו? מ׳קען זיין אַ געלערנטער מענטש, אַ שרייבער און פון דעסטוועגן האָבן אַ שלעכטן כאַראַקטער... אַז מען שטאַמט פון הינדעלע דער קורעלאַפּניטשקעס גזע..."

דערפאַר אָבער האָבן די לאַנדסלייט פון זלאָטאָגורע געהאַט נחת פון בנימין ווינטער. ער האָט צו זיי געשריבן בריוו פול מיט איידלקייטן און בענקשאַפטן. ער האָט אין די בריוו נישט געזוכט צו מאַכן קיין רושם מיט זיינע איבערלעבונגען, אָבער מען האָט פאַרט געפילט, אַז דער מענטש איז איבערגעקומען עפּעס אַזוינס וואָס מען מוז דערפאַר האָבן דרך־ארץ. די זלאָטאָגורער האָבן נאָכגעפרעגט אויף זייערע קרובים און נאָענטע. ער האָט זיי געענטפערט גענוג קלאָר און דאָך — עפּעס

נישט דערזאָגט ביזן סוף. יעדער פון די זלאָטאָגורער האָט דעריבער געפילט אַ באַדערפעניש מיט אים אַליין זיך דורכצורעדן, ווייל ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז בנימין האָט נאָך עפּעס וואָס צו דערציילן, וואָס מען קען דאָס אין קיין בריוו נישט אַרויסשרייבן.

קיינער געדענקט נישט ווער ס'האָט דער ערשטער געבראַכט דעם געדאַנק, אַז מען זאָל בנימין ווינטערן אַראָפּברענגען אין דעם מעבר לים־לאַנד ווו די זלאָטאָגורער לאַנדסלייט האָבן זיך געפונען. סיי ווי — דער געדאַנק האָט זיך אָנגענומען און בנימין ווינטער האָט מסכים געווען צו קומען. די אָנפירער פון זלאָטאָגורער לאַנדסלייט־פאַראיין האָבן תיכף גענומען טאָן אין דער זאַך און כאָטש געטאָן האָבן זיי מיט אַ סך אייפער, נישט געזשאַלעוועט קיין מי, קיין צייט און קיין געלט, האָט דאָך דאָס באַקומען אַלע בייטיקע פּאַפּירן געדויערט אַ היפּשע צייט און געווען אפילו צייטן, ווען די אימיגראַציע־אינסטאַנצן האָבן געמאַכט אַזעלכע שוועריקייטן, אַז מען האָט זיך שוין מייאש געווען דאָס בנימין זאָל ווען עס איז קענען אַהערקומען.

נו, לסוף איז בנימין געקומען. ער האָט אויסגעזען פאַרעלטערט, אָבער לייט האָבן געשווירן, אַז ער האָט זיך ווייניק געביטן. „דער זעלביקער בנימין ווינטער" — האָבן זיי געזאָגט — „ווי ס'וואָלט גאָר קיין מלחמה נישט געווען". שפּעטער האָט מען איינגעזען, אַז ס'איז נישט אין גאַנצן אַזוי: ער האָט זיך יאָ געהאַט געביטן, בנימין. זיין טונקל־ברוין, אָריענטאַליש פּנים, האָט געהאַט צוויי שאַרפע קנייטשן אַרום די מויל־ווינקלען און די דאָזיקע קנייטשן האָבן דערציילט פון אַן עלנט וואָס מען קען אים מיט גאָרנישט דערפרייען. זיין ווייך־גליענדיקער בליק האָט זיך איצט גאָר אָפּט געלאָשן און עפּעס האָט זיך אין אים געטוקט אַ שאָטן וואָס מען באַגעגנט ביי די דאָזיקע וואָס ווייסן סודות, וועלכע זיי וועלן קיינמאָל נישט קענען אַנטפּלעקן. אויך אין זיין גאַנצער האַלטונג איז איצט אַ סך מאָל ניכר געווען אַ מין אָפּגעלאָזנקייט, וואָס קומט נישט פון מידקייט, נאָר פון רעזיגנאַציע. חוץ דעם איז אויך אין זיינע ווערטער געבליבן עפּעס טונקלס און פאַרהוילנס, וואָס האָט אָנגעווייעט אַן אומרו. לרוב האָט מען פון זיין דערציילן זיך מער נישט

דערוווּסט ווי פון זיינע בריוו און טיף אין זיך זענען די זלאָטאָגורער צוליב דעם געווען אַ ביסל אַנטוישט. מען האָט אָבער בנימינען אַרומגערינגלט מיט אַ סך היימישקייט און די זאָרג פאַר אים איז געווען ממש אין לשער.

בנמין איז פּאַרט געווען בנימין, דער איידעלער, זיידענער יונגערמאַן צו וועלכן אַ גאַנץ שטעטל האָט אַ מאָל אַרויפגעקוקט. ווען בנימין איז געקומען צו אַ זלאָטאָגורער לאַנדסמאַן צוגאַסט האָט יענער טיף אין זיך געדענקט, אַז אין דער אַלטער היים האָט נישט באַלד איינער דאָס געקענט דערגרייכן. מען האָט דעריבער בנימינען כסדר פאַרבעטן צו זיך אין די שטובן, געמאַכט גאַנצע אויפנעמעניש, אויף וועלכע מען איז געקומען אָנגעטאָן אין בגדי מלכות. אַ סך האָבן אפילו געקויפט ניי מעבל צוליב די דאָזיקע צוזאַמענקומען. אויף די אויפנעמען איז געווען געגנוג כיבוד. מען האָט געגעסן און געטרונקען. מען האָט אַפילו געזונגען און בנימין האָט איידל מיטגעברומט. מ'האָט זיך דערציילט, דערמאָנט, אויסגעפרעגט צום וויפלטן מאָל וועגן דעם און וועגן יענעם. יעדער איינער האָט, פאַרשטייט זיך, געגנוי געוואָלט וויסן וואָס ס'איז געשען מיט זיינע נאָענטע. אַז מ'איז געוואָרן מיט אים היימישער, האָט מען גענומען שטעלן פראַגעס. „צי ווייסט ער טאָקע אויף זיכער, אַז אַלע זענען אומגעקומען? האָט זיך טאָקע קיינער נישט געראַטעוועט? און פאַרוואָס זענען זיי עפּעס אַלע ווי איינער אומגעקומען? האָט מען נישט געקענט אַנטלויפן? זיך אויסבאַהאַלטן?”. איניקע האָבן געפרעגט פאַרוואָס מען איז נישט אַוועק קיין רוסלאַנד? „מיר האָבן געהערט, אַז רוסלאַנד האָט געעפנט די טויערן און אַריינגעלאָזט אַלע יידן”. אַנדערע האָבן נישט פאַרשטאַנען הלמאי מען איז נישט אַוועק אין די וועלדער, נישט געוואָרן קיין פאַרטיזאַנער? בנימין ווינטער האָט אַלעמען שטיל און געדולדיק געענטפערט און דאָך די אַלע פראַגן ווי נישט פאַרענטפערט. שפּעטער־צו האָבן אים די זלאָטאָגורער שוין גענומען אונטערן אָרעם, געפירט ווייזן די שיינע וווינונגען, די גרויסע פאַבריקן, די נייע אויטאָס. „ווען דער טאַטע אין דער היים, וואָלט עס דערלעבט” — האָבן די מאַנסלייט געזאָגט, מיט

צער, אָבער אויך מיט שלעכט־באַהאַלטענער גדלות. מ׳האָט בנימינען פאַרגעשטעלט זין — דאָקטוירים, איידעמס — אַדוואָקאַטן, אינזשיניערן, אַרכיטעקטן, טעכטער וואָס לערנען אין דער מיטלשול און אין יידישן לערער־סעמינאַר. „זעסט — האָבן זיי געזאָגט — מען האָט ס׳ביסל יידישקייט נישט פאַרגעסן; מ׳לעבט טאַקע נישט אין קליינעם שטעטל; מ׳גיט זיך אָפּ מיט עולם הזה, געשעפט, מסחר, געלט, אָבער מען טוט עפּעס פאַר עולם הבא אויך. מען איז טעטיק אין דער געזעלשאַפט, מען קויפט אַ יידיש בוך, מען קוקט אַמאָל אַריין אין אַ יידיש אות, מען שטיצט יידיש טעאַטער און אַ יידיש בלאַט קומט יעדן טאָג אין שטוב אַריין״.

די באַלעבאַסטעס האָבן בנימינען געקעכלט אי מיט מאַמישער גוטס־קייט, אי מיט פּרוויזשער צערטלעכקייט. זיי האָבן רק געטענהט, אַז ער עסט וויניק, ער טראַכט צופיל אַריין אין דעם וואָס ס׳איז געשען. „און וואָס איז דער תכלית?״ — האָבן זיי געפרעגט — „די טויטע וועלן שוין נישט לעבעדיק ווערן. ס׳איז טאַקע אַ ריס אין האַרצן, אָבער וואָס קען מען זיך העלפן?״ „מען ווייסט״ — האָבן אַנדערע געזאָגט — „אַז בנימין האָט אַ סך איבערגעליטן, אָבער אַז מען לעבט מוז מען פאַר־געסן״. שפּעטער צו האָט מען צו אים געטענהט: „וואָס מיינט ער, בנימין, מען האָט דאָ הי נישט געליטן? ס׳איז אָנגעקומען מיט גרינע ווערים ביז מען האָט צו עפּעס געגרייכט. ס׳איז אוודאי נישט קיין פאַר־גלייך, אָבער דאָך... ווען עס זענען אָנגעקומען די ערשטע ידיעות פון דאָרט איז מען נעכט נישט געשלאָפן. נאָס געמאַכט די קישנס פון טרערן, אָבער ער זעט דאָך, בנימין, מען לעבט, מען קען נישט מיט־שטאַרבן מיט די טויטע״.

און אָט אַזוי איז אַוועק אַ שטיק צייט. די לאַנדסלייט האָבן בנימינען איינגעאָרדנט אויפן בעסטן אופן. אָנשטאָט ער זאָל דאַרפן אָנקומען צו עמעצן, האָבן זיי געשאַפן אַ לייי־קאָאָפּעראַטיווע ביים פאַראיין זייערן און האָבן אים, בנימינען, געמאַכט פאַרן אַדמיניסטראַטאָר, מיט אַ שיינעם געהאַלט. בנימין האָט זיך אויסגעטויגט צו דער אַרבעט און בכלל געפונען זיין אָרט אין דער געזעלשאַפט. ווען דער פאַראיין האָט איינגעאָרדנט אַ

יזכור־פייערונג אין אָנדענק פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד און מען האָט בנימינען, ווי אַ געליטענעם, געגעבן דאָס וואָרט, האָט ער געמאַכט מיט זיינע רייד אַ רושם. מענער האָבן געקרעכצט און ווייבער האָבן גע־גאָסן באַכן טרערן. די רעדע איז געווען באַשריבן אין די יידישע בלעטער, ווו מען האָט בנימינען אָנגערופן „אינטעלעקטואַל" און „אָראַטאָר". די זלאָטאָגורער האָבן זיך אין זייער בנימינען נישט גענאַרט.

*

פּלוֹצים זענען געשען צוויי זאַכן כמעט מיט אַמאָל: דער פאַראיין פון די שרייבער האָט פאַרבעטן אויף אַ ציקל לעקציעס דעם באַרימטן דיכטער הלל ווײַן, וואָס האָט שוין דורך דער צייט באַוויזן צו זיין אין פאַריז און איצט האָט ער זיך געפונען אין ניו־יאָרק און ס'איז אָנגעקומען אַ בריוו פון דער פאַני גאָלדפלאָם, וואָס איז געווען אין ארץ־ישראל — איצט שוין מדינת ישראל — און אין דעם בריוו האָט זיך גערעדט וועגן בנימינען.

אויף וויפל די ידיעה וועגן הלל ווײַנס קומען האָט אָנגעפילט די זלאָ־טאָגורער לאַנדסלייט מיט אַ געוויסער גדלות, אויף אַזויפיל האָט דער בריוו פון דער פאַני גאָלדפלאָם זיי דערשלאָגן און דערדריקט. וואָרים אין דעם בריוו האָט זיך דערציילט אַ מעשה נורא. ס'האָט זיך דערציילט, אַז דער אַ בנימין ווינטער, דער איידעלער, זיידענער, יחוסדיקער און ווילקענעוודיקער יונגערמאַן איז שולדיק אינעם טויט פון זייערס אַ בת־עיר און נישט סתם אַזוי פון אַ ליאַדער בת־עיר, נאָר פון דער שיינקייט אסתר ווייסמינץ.

ווער ס'איז געווען אסתר ווייסמינץ און וואָס אַזוינס ס'איז געווען אסתר ווייסמינץ, — דאָס האָט נאָר געקענט וויסן אַ זלאָטאָגורער אָפּ־שטאַמיקער. ס'איז גוט — אסתר ווייסמינץ! אינעם אַרויסזאָגן דעם דאָ־זיקן נאָמען האָט מען געפילט אַ דרך־ארץ, וואָס קומט פון ליבע, פאַר־ערונג, קינאה און נאָך עפּעס וואָס ס'איז שווער עס אָנצורופן ביים נאָמען. קודם כל איז זי געווען די טאָכטער פון פרץ ווייסמינץ ע"ה, אַ ייד וואָס איז שבת און יום־טוב געזעסן אויבנאָן ביים בעכצעווער רבין און אין

דער וואָכנס געשפּילט מיטן אַפּטייקער אַ פראַנצויזישע דערדע. חוץ דעם איז אסתר געווען אַ שיינקייט, וואָס נאָר בילדער צו מאָלן. אַ דריבנע, ווי אַ ליאַלקע, האָט זי געהאַט אי גרינע אויגן און אי בלאָנדע האָר. אָבער פּונקט ווי אין אירע גרינע אויגן האָבן געטליעט צוגעדושעטע פייערן, אַזוי איז איר בלאָנדקייט געווען שטיל און האָט דערמאָנט אַ ווייצנפעלד אין אַ זומערדיקן נאָכמיטיק, ווען די זון באַהאַלט זיך הינטער אַ שיטער וואָלקנדל און די ערד פאַרציט זיך מיט אַ דינעם זיידענעם שאָטן. קליין און שלאַנק, רוחניותדיק און איידל־גופיק, ווי זי איז געווען, האָט זי אָבער באַרוישט די מאַנסלייט מיט דער פולקייט און אויסגעטאָקטקייט פון אירע פאָרמען ווי דאָס טרעפט אָפּט ביי דריבנע און צאַרטע פרויען וואָס זייערע מיניאַטור־גלידער פאַרמאָגן אַ מין ווייבלעכע מעכטיקייט וואָס מען דער־וואַרט נישט און זי ווירקט דעריבער ווי אַ פאַרשיכורנדיקע אַנטפּלעק־קונג. זענען טאַקע די בחורים אין שטעטל, און נישט נאָר אין שטעטל, געווען פאַרליבט אין אסתר וויסמינץ און זיך געדרייט אַרום איר מיט אַ בינענדיקער זשומעריי. נו, און וואָסער שטעטלדיק מיידל האָט דאָס נישט מקנא געווען אסתרן און נישט נאָכגעמאַכט איר גאַנג, איר הלבשה, איר רעדן, איר זינגען, איר לאַכן, וכדומה?

אַ חוץ שיין איז אסתר וויסמינץ געווען דאָס וואָס מען רופט אָן: אַ כאַראַקטער. זי איז אויסגעווען אַ וועלט. זי האָט אויך געהאַט עטלעכע ליבעס און וועגן די דאָזיקע ליבעס האָבן יונגעלייט און מיידלעך גערעדט מיט קינאה און מיט אַנטציקונג. אמת, זי האָט זיך עפּעס נישט דערשלאָגן צו קיין תכלית און די ליבעס האָבן זיך געענדיקט נישט אַזוי ווי מען האָט זיך געקענט פאַרשטעלן, אָבער אין דעם, האָבן אַלע געזאָגט, איז שוין שולדיק געווען איר כאַראַקטער, איר שטאָלצער כאַראַקטער, וואָס האָט זי קיין מאָל נישט געלאָזט פאַרגעסן, אַז זי איז אסתר וויסמינץ, פרץ וויסמינצעס אַ טאָכטער, אָדער ווי די אַנגעלייענטע יונגעלייט פון שטעטל האָבן געזאָגט: „אַ זלאָטאָגורער מירעלע פון בערגעלסאָנס „נאָך אַלעמען".

און אָט אין דער אסתר וויסמינצעס טויט איז דאָס שולדיק געווען נישט קיין אַנדערער ווי בנימין ווינטער. ווי אַזוי? פון פאַני גאָלדפלאַמס

בריוו האָט מען זיך דערוווּסט, אַז בנימין איז געווען אַ באַאַמטער אינעם זלאָטאָגורער יודענראַט. טאַקע נישט מער ווי אַ באַאַמטער, אָבער פאָרט — אַ מענטש פון יודענראַט. און ס׳איז געשען, אַז דער קאָמענדאַנט פון דער יודענראַט־פּאָליציי האָט געוואָרפן אַן אויג אויף אסתרן און אסתר איז נישט געווען וויליק צו טאָן זיין באַגער, האָט ער זי אַרעסטירט און שפּעטער צוגעשטעלט צו די דייטשן, וועלכע האָבן זי אַוועקגעשיקט אין אַ לאַגער פון וואַנען זי איז שוין מער נישט צוריק געקומען. די פאַני גאָלדפלאַם איז דעמאָלט געלאָפן צו בנימינען, ער זאָל אסתרן ראַטעווען. בנימין האָט זי געקענט ראַטעווען, ווייל ער האָט געהאַט אַ גוט אויג ביים פּרעזעס פון יודענראַט. אָבער בנימין איז צום פּרעזעס נישט געגאַנגען. דאָס הייסט: געגאַנגען איז ער, אָבער ערשט שפּעטער, שוין צו־שפּעט, מען האָט אסתרן שוין געהאַט רעגיסטרירט אויף די אויסזידלונגס־ליס־טעס פון דער געסטאַפּאָ און פון דער געסטאַפּאָ האָט מען זי שוין נישט געקענט אַרויסקריגן.

די פאַני גאָלדפלאַם האָט געשריבן, אַז זי האָט די גאַנצע צייט גע־שוויגן, ווייל בנימין האָט זיך גענוג אָנגעליטן און קיינער ווייסט מיט וואָס מען איז דאָרט, אין געטאָ, געפּרוּווט געוואָרן. אָבער צו איר איז דערגאַנגען די ידיעה, אַז בנימין איז אויפגעטראָטן אויף אַ פייערונג אין אָנדענק פון די קדושים און זי האַלט, אַז דאָס איז אַ פאַרשוועכונג פון זייער זכר. דעריבער שרייבט זי דעם דאָזיקן בריוו, „כדי דער קין־צייכן פון די זינדיקע זאָל קיין מאָל נישט אָפּגעמעקט ווערן פון זייער שטערן".

בנימין אַליין האָט די זאַך נישט געלייקנט. יאָ, ער האָט געאַרבעט אין יודענראַט, געווען דאָרט אַ באַאַמטער און געפירט די רשימות פון די וואָס מען האָט געשיקט אויף צוואַנגס־אַרבעט. פאַני גאָלדפלאַם וועט אָבער נישט זאָגן, אויב מען וועט זי אָנפרעגן, אַז ער האָט עמעצן שלעכטס געטאָן. דאָס מיט דער אסתרן איז וואָר. ער האָט זי אפשר געקענט ראַ־טעווען, ווען ער זאָל באַצייטנס גיין צום פּרעזעס פון יודענראַט. ער האָט אָבער אין דער ערשטער רגע זיך געוואַקלט, מורא געהאַט פאַר דער נקמה פון פּאָליציי־קאָמענדאַנט. ער האָט זיך אַ טאָג צייט געוואַקלט און ווען ער איז לסוף געגאַנגען צום פּרעזעס איז שוין געווען צו־שפּעט. יאָ, און

סיי ווי האָט זיך דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט אין אים נוקם געווען: אונ־טערגעשיקט די געסטאַפּאָ וואָס האָט אים ביינאַכט אַרויסגענומען פון בעט און אַוועקגעפירט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער.

די זלאָטאָגורער לאַנדסלייט האָבן געהערט, געשטוינט און נישט געגלייבט: „ס'הייסט? נישט געראַטעוועט אסתרן צוליב מורא פאַר דער אייגענער הויט? און ווער? בנימין? בנימין האָט געלאָזט אַ מענטש אומקומען צוליב מורא? וואָלסט עס געגלייבט?" — האָט איינער דעם אַנדערן געפרעגט. „בנימין ווינטער אַ הורג נפש? נישט געוואָלט זיך איינשטעלן פאַר אַ יידישער טאָכטער?" צווישן די זלאָטאָגורער לאַנדס־לייט האָט עס געקאָכט, געזאָטן. אייניקע זענען געווען שאַרף אין זייער אורטייל. אַנדערע האָבן געטענהט: „מען זאָל נישט געפּרווט ווערן... אַ מענטש איז נישט קיין מלאך". נאָך אַנדערע האָבן געזאָגט: „וואָדען? יעדער איינער וואָס האָט זיך דאָרט געראַטעוועט מוז עפּעס האָבן אויף זיין געוויסן. דער וואָס האָט נישט געקענט גיין איבער קברים איז אומ־געקומען... וואָרים וואָס עפּעס האָט ער זיך געראַטעוועט? מיין ברודער, מיין שוועסטער זענען אומגעקומען... ס'איז נישט אומזיסט".

וויפל מען האָט די זאַך נישט געוואָלט באַהאַלטן, איז זי אָבער אַרויס־געקומען אין גאַס אַריין און אין גאַס האָט מען שוין גענומען מורמלען פאַרשידנס. מען האָט זיך שוין נאָכדערציילט, אַז צווישן די זלאָטאָגור־רער געפינט זיך אַ קאַפּאָ, וואָס האָט אויף זיין געוויסן צענדליקער יידי־שע לעבנס. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דער פּרעזידענט פון דער יידישער רעפּרעזענטאַנץ־אינסטיטוציע אינעם דאָרטיקן ישוב האָט אַרויס־גערופן צו זיך דעם פּרעזידענט פון דער זלאָטאָגורער לאַנדסמאַנשאַפט און ביי אים פאַרלאַנגט אויפקלערונגען וועגן דער זאַך. „דאָס איז נישט בלויז קיין לאַנדסמאַנשאַפטלעכער ענין, — האָט ער געזאָגט — דאָס איז אַ כלל־ישראלדיק פּראָבלעם און ס'איז נוגע דעם גאַנצן ישוב".

ס'איז באַשטימט געוואָרן אַ געריכט, וואָס זאָל דעם ענין אויספאָרשן און משפטן. היות, מען האָט נישט געוואָלט פאַרשעמען די זלאָטאָגורער לאַנדסלייט, וואָס צווישן זיי האָבן זיך געפונען אייניקע אָנגעזעענע כלל־טוער, האָט מען אָפּגעמאַכט, אַז די ריכטער זאָלן זיין זלאָטאָגורער, באַ־

שטימטע פון זלאָטאָגורער לאַנדסלייט־פאַראיין. דער פאַראיין האָט טאַקע באַשטימט ווי ריכטער, דעם פּרעזידענט ראובן גרין, דעם סעקרעטאַר נפתלי ווייגאַט און דעם קאַסיר הערש העלפער. ס׳איז אָבער באַשלאָסן געוואָרן, אַז מצד דער געזעלשאַפטלעכקייט פונעם ישוב זאָל אינעם גע־ריכט אַריינגיין דער פּרעזידענט פון דער רעפּרעזענטאַנץ־אינסטיטוציע און נאָך איינער אַ „נייטראַלער”, ס׳הייסט: נישט קיין זלאָטאָגורער. „אין אַזאַ ענין דאַרף מען האָבן איינעם אָדער צוויי ניטראַלע מענטשן”. אפשר זענען זיי געווען גערעכט.

אין יענע טעג טאַקע איז אין דער שטאָט ווו די דאָזיקע זאַך איז גע־שען, אָנגעקומען דער שרייבער־גאַסט פון ניו־יאָרק, דער זלאָטאָגורער הלל ווײַן.

*

לא די, וואָס די זלאָטאָגורער לאַנדסלייט האָבן געהאַט עגמת־נפש, חרפּות און האַרצווייטיק פון דעם בנימין ווינטערן, האָבן זיי פון דעם צווייטן בן־עיר, הלל ווײַן, אויך קיין נחת נישט געהאַט. וואָס אַן אמת האָט מען טאַקע דעם הללן זייער גוט אויפגענומען אין שטאָט און ס׳האָט מיט אים גערעשט איבער אַלע בלעטער, אָבער צו די זלאָטאָגורער האָט ער זיך געהאַלטן קאַלט און פרעמד און נישט ער איז צו זיי געגאַנגען, נישט ער האָט זיי צופיל צוגעלאָזן צו זיך. דער הלל ווײַן איז בכלל גע־ווען אַ מאָדנער פאַרשוין. מענטשן וואָס האָבן אים ווייניק געקענט האָבן אים, מחמת זיין פאַרכמורעטקייט און נישט צוגעלאָזנקייט, געהאַלטן פאַר אַ בעל־גאווה. קיין בעל־גאווה איז ער אָבער נישט געווען. ער איז גיכער ווי אַלץ געווען אַ שווערער מענטש, אַ מרוק, אַזאַ איינער וואָס איז עקס־טרעם אין זיינע שטימונגען. אַזאַ איינער, אַז סע פליט אים עפּעס איבער דער נאָז, איז בעסער אים צו גיין אויסן וועג, ווייל אַ נישט קען מען פון אים דערהערן עפּעס אַזוינס וואָס פאַרגייט אין דער זיבעטער ריפּ. אויך מיט זיינע אייגענע חברים, די שרייבער, איז דער הלל ווײַן שלעכט אויסגעקומען. אייניקע האָבן דעריבער געזאָגט, אַז ער האָט אין זיך פרימאַדאָנישע שטיק און אַנדערע האָבן אים סתם געהאַלטן פאַר אַ

פּרא אָדם. אַ פּנים טאַלאַנט און איידלקייט זענען נישט תּמיד קיין פּאָר.

הלל ווײַן האָט אָבער געהאַט זײַנע סיבות וואָס צוליב זיי איז ער צערייצט געווען בעת זײַן באַזוך אין דער דאָזיקער שטאָט. דער אמת איז, אַז ער האָט זיך לאַנג געגרייט צו דער דאָזיקער נסיעה, אָבער אַז ער איז אַהערגעקומען און זיך דערוווּסט וועגן דעם גאַנצן קאָך מיט בנימין ווינטערן, איז אים די פרייד פון דער נסיעה פאַרשטערט גע־וואָרן. וויפל ער האָט זיך נישט געזאָלט האַלטן פון דער ווײַטנס פון זײַנע לאַנדסלײַט האָבן אָבער זייערע רייד צו אים געגרייכט און ער האָט ווידער דערפילט זיך פאַרפלאָנטערט אין דעם עבר פון וועלכן ער איז געלאָפן, אַנטלאָפן און נישט געקענט אַוועק. הלל ווײַן האָט געהאַט שווערע קינדהייט און יוגנט־חשבונות מיט זײַן שטעטל, מיט זײַנע לאַנדסלײַט און אַפילו דער גרויליקער חורבן האָט די דאָזיקע חשבונות נישט געקענט אָפּווישן. דאָס האָט אים אָבער געקרענקט און פאַרדראָסן. ער איז אין כּעס געווען אויף זיך אַליין און זיך דערבײַ נישט געקענט העלפן, וואָרעם ווי נאָר ער האָט זיך געטראָפן מיט זײַנע אַמאָליקע שטעטלדיקע באַקאַנטע, אַזוי האָט די שינאה צו זיי אין אים ווידער אויפגעפלאַמט און ער איז מער נישט בכּוח געווען זיך אָפּצוהאַלטן פון אַרויסווײַזן די פאַראַכטונג וואָס ער האָט צו זיי געפילט. אַ סך מאָל האָט הלל ווײַן זיך אַליין פאַרגעוואָרפן קליינלעכ־קייט... געטענהט צו זיך, אַז אַ מענטש וואָס קען נישט פאַרגעסן אַמאָליקע עוולות איז נישט ווערט מען זאָל מיט אים טאָן גוטס. „די וועלט איז פאַרפלייצט געוואָרן פון אַ מבול. בלוט און טרערן האָבן פאַרשוועמט אַ גאַנץ ייִדיש לעבן און איך געדענק נאָך און קאָן גאָר־נישט פאַרגעסן ווי מען האָט מיר אַמאָל אָנגעטרעטן אויף די הינער־אויגן פון מײַן אייטלקייט...". ניין, הלל ווײַן איז נישט געווען פון די מענטשן וואָס גיבן זיך אַליין גערעכט. אפשר נאָך מער ווי צו אַנדערע איז ער געווען ביטער צו זיך אַליין. אָבער נישט די דאָזיקע טענות צו זיך און נישט דער דערפאָלג וואָס ער האָט דאָ געהאַט האָבן אים געקענט ענדערן, מאַכן פרײַנדלעכער, העפלעכער צו מענטשן. ער האָט דערפון געליטן און דער אינערלעכער קריג מיט זיך אַליין האָט פאַר־

כאַפּט אַלע זיינע מחשבות און דערפון איז ער נאָך ביטערער געוואָרן צו די וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט און מחמת דרך ארץ אַ סך מוחל געווען.

אין דער ערשטער רגע, ווען הלל ווײַן האָט זיך דערוווּסט וועגן דער קאָכעניש מיט בנימין ווינטער האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס גלײַכסטע וואָלט געווען צו אַנטלויפן וואָס גיכער און זיך נישט מישן אין דער גאַנצער זאַך. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אוממעגלעך צוליב כמה טעמים. און אגב האָט מען טאַקע באַלד פון אַלע זייטן גענומען מיט אים רעדן, אַז ער זאָל זיך אַרײַנמישן אין דעם ענין. „וואָרים, ווער דען זאָל די דאָזיקע זאַך באַלײַכטן, אויב נישט ער, הלל ווײַן, דער שרײַבער, וואָס איז געווען אין געטאָ און קען וועגן בנימין און וועגן אסתרן דער־צײַלן דאָס וואָס קיין אַנדערער ווייסט נישט?”

מען האָט הללן גאַנץ אָפיציעל פאַרבעטן, אַז ער זאָל קומען און אָפּגעבן דערקלערונגען פאַרן געזעלשאַפטלעכן געריכט. ער האָט פאַר־שטאַנען, אַז ער קען דאָס נישט אויסמײַדן, אָבער ער האָט פאַרלאַנגט עטלעכע טעג צײַט און אין די עטלעכע טעג האָט ער פּלוצים צו זיך אין האָטעל אַרײַן פאַרבעטן אײניקע זלאָטאָגורער לאַנדסלײַט, דווקא נישט פון די גאָר חשובע און רײַכע, נאָר פון די פּראָסטע און אָרעמע, וואָס זענען קנאַפּ געקומען און ווייניק זיך געמישט אין די לאַנדסמאַנשאַפט־זאַכן און מיט זיי האָט ער געשמועסט, גערעדט, זיך אויסגעפרעגט כל־ערליי פּרטים וועגן דעם און יענעם, וואָס האָבן, דאַכט זיך, מיט דעם עצם־ענין גאָר קיין שייכות נישט געהאַט.

און אָט איז געקומען דער טאָג ווען הלל ווײַן האָט זיך געדאַרפט שטעלן פאַר דעם געזעלשאַפטלעכן געריכט, ווי אַן עדות, אָדער אַן עקספּערט אינעם פאַל בנימין ווינטער. מען האָט אים אַרײַנגעפירט אין זאַל פון דער רעפּרעזענטאַנץ ־ אינסטיטוציע און ער האָט דאָרט גע־טראָפן דרײַ זלאָטאָגורער לאַנדסלײַט און אויך די צוויי נישט־זלאָטאָ־גורער וואָס אײנער פון זיי איז געווען פּרעזידענט פון דער רעפּרעזענ־טאַנץ־אינסטיטוציע, אַ באַיאָרט־בכבודיקער מאַן, וועלכן הלל האָט שוין געקענט פון צו פריער.

דער בכבודיקער מאַן האָט הללן געפרעגט צי ער ווייסט וועגן וואָס

מען האָט אים גערופן. הלל אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ. אויף דער פראַגע „צי ער איז באַקאַנט מיט דער דראַמע מיט אירע העלדן?״, האָט ער געענטפערט, אַז סיי מיט דער געשעעניש און סיי מיט איר אָנ־טיילנעמער איז ער באַקאַנט מער ווי יעדער איינער. ס׳זענען געקומען נאָך עטלעכע פאָרמעלע פראַגן און הלל האָט אויף זיי געענטפערט גענוג קאָרעקט. ווען אָבער דער בכבודיקער מאַן האָט אים געבעטן, אַז „ער זאָל ווי אַ שרייבער און ווי אַן עדות פון דער טראַגעדיע, פאָרמולירן זיין מיינונג וועגן איר״, האָט ער פּלוצים מיט שאַרפקייט און ביטערקייט אין קול געזאָגט: „איך בין ביי דער מיינונג, אַז די זלאָטאָגורער ריכ־טער זענען נישט באַרעכטיקט צו משפטן וועגן דעם ענין״. די דריי זלאָטאָגורער לאַנדסלייט האָבן זיך ביי די ווערטער אַזש אַ הייב געטאָן פון די בענקלעך, געוואָרן רויט און דערנאָך ווייס. דער בכבודיקער מאַן האָט מיט דיפּלאָמאַטישער גענײטקייט אַלעמען באַרויִקט, געזאָגט עטלעכע זייער העפלעכע ווערטער און די געריכט־פאַרהאַנדלונגען האָבן זיך אָנ־געהויבן. דער זלאָטאָגורער הלל ווײַן האָט גענומען אָפּגעבן זיינע דער־קלערונגען.

*

— „קודם כל״, האָט הלל ווײַן אָנגעהויבן, „זאָל פאַר אייך זיין קלאָר אַז איך האָב אַ בייז האַרץ אויף בנימינען און דערמיט אַליין בין איך אַ נוגע בדבר און בין פּסול לעדות... חוץ לזה... אייך איז דאָך באַוווּסט אַז איך בין געווען נישט גלייכגילטיק צו אסתר ווייסמינץ. שייך צו זאָגן נישט גלייכגילטיק... דער אמת איז אַז ווען נישט זי וואָלט איך אויסגע־מיטן אַלע איבערלעבענישן אונטער די דייטשן, ווייל איך וואָלט נאָך פאַר דער מלחמה געהאַט אַוועקגעפאָרן קיין אויסטראַליע אָדער אין איינער פון די לאַטיין־אַמעריקאַנער מדינות. כ׳בין געבליבן אין פּוילן צוליב אסתרן און אסתר — דאָס האָב איך גוט געוווּסט — האָט ליב געהאַט בנימינען... איצט פאַרשטייט איר שוין?

„פון דעסטוועגן״, האָט הלל ווייל ממשיך געווען, „ווי באַלד איר ווילט דווקא הערן מיין מיינונג וועגן דעם ענין, און דער עיקר, וועגן

דעם צי בנימין איז שולדיק אין אסתרס אומקום, וועל איך אייך אָפן און אומצווײדײטיק זאָגן אַז אין איר אומקום זענען אַלע דרײ ריכטער פון דער זלאָטאָגורער לאַנדסמאַנשאַפט פונקט אַזוי שולדיק ווי ער. איך מײן אַז דאָס וועט מיר אָנקומען נישט שווער צו דערווײזן".

— „כ'פאַרשטײ נישט", האָט דער פאָרזיצער זײער פאַרזיכטיק זיך אָפּגערופן, „אויף וויפל מיר איז באַוווּסט זענען אַלע די דרײ געווען דאָ הי מלחמה־צײט. ווי אַזוינע האָבן זײ געקענט האָבן אַ שײכות צו אסתר ווײסמינצס אומקום ?"

— „גוט, איך וועל אייך דערויף ענטפערן", האָט הלל ווײן געזאָגט, באַמיענדיק זיך אַז זײן קול זאָל זײן רויִק און באַהערשט און מען האָט געקענט זען אַז דאָס קומט אים אָן גאָרנישט גרינג, „בנימין ווינטער ווערט דאָך נישט באַשולדיקט אַז ער האָט בכיוון און באַוווּסט גורם געווען אסתרס טויט. ער ווערט בלויז באַשולדיקט אַז ער האָט אומדי־רעקט, נישט אינטערווענירנדיק דעמאָלט ביים פאָרזיצער פון יודנראַט, געברענגט צו דעם אַז מען זאָל זי אַרויסשיקן פון געטאָ אין לאַגער ווו זי איז אומגעקומען. קײנער ווײסט נישט און קײנער קען נישט גאַראַנ־טירן אַז ווען אסתר וואָלט געבליבן אין געטאָ וואָלט זי געבליבן לעבן. עס איז טאַקע אמת אַז צווישן די וואָס זענען אָנגעקומען צום שפּעטסטן אין די לאַגערן איז דער פּראָצענט געראַטעוועטע אַ גרעסערער ווי צווישן די וואָס זענען אָנגעקומען פריער און תיכף געגאַנגען „אין אויוון אַרײן"... אָבער קײן כלל איז דאָס נישט. אויך צווישן די שפּע־טער אָנגעקומענע האָט זיך די מערהײט נישט געראַטעוועט.. עס גע־דענקט זיך אַ פאַל מיט צוויי ברידער אין געטאָ — ס'האַנדלט זיך וועגן די צוויי ברידער שמואל און זלמן פעלדער, די אײניקלעך פון פלטיאל סופר — וועלכע האָבן זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט און זײ האָבן געזאָלט אַרויסגעשיקט ווערן פון געטאָ. דעמאָלט האָט בנימין פאַר זײ יאָ זיך אײנגעשטעלט ביים פאָרזיצער פון יודענראַט און ער האָט גע־פועלט אַז מען זאָל נאָר אײנעם פון די ברידער אַרויסשיקן און דעם צווײטן איבערלאָזן אין געטאָ. און וואָס איז געווען דער סוף ? דער אַרויסגעשיקטער שמואל פעלדער וואָס איז אַרײנגעפאַלן אין אוישווי־

צער לאַגער, דערצו נאָך אין בירקענאו, איז געבליבן לעבן און דער אין געטאָ־פאַרבליבענער זלמן האָט זיך נישט געראַטעוועט... איז דאָס נישט אַזוי ?"

דער פאָרזיצער האָט אָנגעשטעלט אַ פרעגנדיקן בליק אויף די דריי זלאָטאָגורער לאַנדסלייט און יענע האָבן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַ סימן אַז דער פאַקט איז זיי באַוווסט און איז אמת. דער פאָרזיצער האָט דעמאָלט ווייטער געפרעגט:

— „אָבער וואָס ווילט איר דערמיט דערווייזן, פריינד ווײַן? וואָס פאַר אַ שייכות האָט דער דאָזיקער פאַקט צו אונדזער ענין ?"

— „עס האָט אַ שייכות", האָט הלל ווײַן געענטפערט שוין אַ היפּש ביסל דענערווירט. — „עס האָט אַ שייכות ווייל עס דערווייזט, אַז אויב בנימין ווינטער קאָן באַשולדיקט ווערן אין גורם זיין אסתרס טויט, קאָן מען דערין אויך באַשולדיקן אַלע דריי ריכטער פון דער זלאָטאָגורער לאַנדסמאַנשאַפט וואָס קלייבן זיך בנימינען צו משפּטן... אויב בנימינס נישט אינטערוועניר בײַם פּרעזעס פון יודענראַט האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף אסתרס גורל דורך דעם וואָס מען האָט זי אַרויסגעשיקט פון געטאָ, טאָ וואָסער פאַטאַלע ווירקונג אויף אסתרס גורל האָבן געהאַט די דאָזיקע, וועלכע האָבן געבראַכט דערצו אַז זי זאָל זיך געפינען אין געטאָ ?"

— „וואָס מיינט איר דערמיט ?", האָט ווידער אַמאָל אויסגערופן דער פאָרזיצער און מיט אַ העכערן טאָן אַ זאָג־געטאָן: „פריינד ווײַן, אפשר וואָלט איר ענדלעך געזאָגט אין וואָס עס גייט? עס זעט אויס ווי איר וואָלט אונדז געשטעלט פאַר דער אויפגאַבע צו לייזן רעטענישן..."

— „רעטענישן", האָט הלל ווײַנס פּנים זיך ביטער אַ קרום געטאָן. „נו גוט, כ'וועל רעדן אָן רעטענישן... כ'וועל אָנרופן די זאַכן מיטן פולן נאָמען..."

*

אַ מינוט האָט הלל ווײַן געשוויגן און דערנאָך האָט ער געזאָגט:

„איך וועל אָנהייבן מיט דעם יינגסטן פון די ריכטער, מיט הערש

העלפער. ער איז דער קאַסיר פון דער זלאָטאָגורער לאַנדסמאַנשאַפט. ער, הערש" — האָט ער זיך פּלוצים געווענדט אין זיין זייט, — „האָט זייער גוט געקענט אסתר ווייסמינץ. ער איז יינגער געווען פון איר מיט עטלעכע יאָר און ווען ער איז נאָך געווען אין זלאָטאָגורע איז ער געווען אין איר פאַרליבט. ער איז געווען אַ יונגער בחור, האָט געהאַט אַ פול מויל מיט רייד וועגן דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. ער איז געווען אַ גאַנצער מאַכער אין דער באַוועגונג וואָס האָט געזאָלט אויסלייזן די וועלט. אסתר ווייסמינץ איז שוין דעמאָלט געווען אַ רייפע, דערפאַרענע פרוי. אָבער איר האָט אימפּאָנירט זיין יוגנטלעכער אידעאַליזם און זיין פלאַמיקע פאַרליבטקייט אין איר. זי האָט אים געלאָזט גיין אַרום זיך און זי האָט אים פון צייט צו צייט אפילו אַרויסגעוויזן צערטלעכקייט. דערנאָך איז ער אַוועקגעפאָרן פון פוילן. ס'האָט אים געדראָט אַ פּראָצעס, תפיסה. ער איז אַנטלאָפן. ער האָט זיך געזעגנט מיט אסתרן און איר געזאָגט, אַז ער וועט זי אַריבערנעמען אַהערצו. ער האָט אפילו פון דאַנען איר געשריבן פלאַם-פייערדיקע בריוו, פול מיט רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס און אייביקער פאַרליבטקייט. איז דאָס אַ ליגן?".

„ניין, דאָס איז אמת" — האָט הלל נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער ווייטער גערעדט: „ס'זענען אַוועק עטלעכע יאָר. אין יאָר 1938, ווען מען האָט שוין אין פוילן גענומען זייער ערנסט רעדן וועגן אַ מלחמה וואָס וועט אויסברעכן אין אייראָפּע, האָט אסתר ווייסמינץ צו אים אָנגעשריבן אַ בריוו אין וועלכן זי האָט זיך געבעטן, אַז ער זאָל זי אַראָפּנעמען, זאָל קריגן פאַר איר פּאַפּירן. זי האָט אים געשריבן, אַז זי האָט אַ פאָרגעפיל, דאָס זי וועט די דאָזיקע מלחמה נישט איבערלעבן, אויב זי וועט זיך באַצייטנס נישט ראַטעווען. דאָך האָט ער, הערש העלפער, נישט דערפילט איר בקשה, און האָט גאָרנישט געטאָן צו דעם, אַז ער זאָל זי ראַטעווען"..

„מען האָט שוין דעמאָלט נישט אַריינגעלאָזט קיין אימיגראַנטן דאָ אין לאַנד" — האָט הערש העלפער אַרויסגעברומט, — „איך האָב געוואָלט, נאָר נישט געקענט איר העלפן".

„אַ ליגן" — האָט הלל וויין אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש — „פאַר

געלט האָט מען נאָך דעמאָלט אויך געקענט קריגן אַ וויזע. און דו", האָט ער זיך מיטן ווייז־פינגער געווענדט צו העלפערן, „האָסט דעמאָלט שוין געהאַט געלט. ביסט שוין געווען אַ שותף צו דיין שווערס פאַבריק. ווילסט איך זאָל דיר זאָגן פאַרוואָס דו האָסט אסתרן נישט געראַטעוועט? יאָ, איך וועל עס דיר זאָגן אָפן און קלאָר: האָסט זיך געשעמט פאַר איר. האָסט נישט געוואָלט, אַז זי זאָל דאָ קומען און זען, ווי דער אַמאָליקער רעוואָלוציאָנער, דער פאַרליבטער אידעאַליסט האָט אַזוי שנעל רעזיגנירט און געוואָרן אַ באַלעבעסל... האָסט נישט געוואָלט, אַז אסתר ווייסמינץ זאָל דיך זען ווי דער מאַן פון אַ ווייב, מיט וועלכער דו האָסט חתונה געהאַט נאָר דערפאַר, ווייל איר טאַטע איז געווען רייך און האָט דיך אין איין ,שמע ישראל' געמאַכט פאַר אַ רייכן פאַבריקאַנט".

„ס'אַ חוצפה!" — האָט הערש העלפער אויסגעשריגן און דערביי נאָך בלייכער געוואָרן ווי ער איז געווען.

„ס'איז אָבער דער אמת" — האָט הלל ווייַן אָפגעשניטן זיין דער־ווידער ווי מיט אַ מעסער.

הערש העלפער האָט זיך ביי די דאָזיקע ווערטער ווי צונויפגע־קנוילט און זיינע ליפּן האָבן זיך באַוועגט ווי ביי אַ פיש אויף דער טריקעניש. קיין קול האָט ער אָבער פון זיך נישט געקענט אַרויסברענ־גען. ער האָט מיט די נערוועזע הענט אַרומגעכאַפּט זיין קאָפּ און איז אַזוי געבליבן זיצן.

ביי הלל ווייַן האָבן זיך די פּאָקן אויף זיין געשטופּלט פּנים שוין געהאַט צעברענט. מאָדנע! דאָס גאַנצע פּנים זיינס איז געווען גרינלעך־בלייך און נאָר די פּאָקן־גריבלעך האָבן געגליט מיט כעסיקן פייער.

ער האָט אַ רגע געשוויגן און דערנאָך, ווי געטריבן פון עפּעס אַ משוגענעם דראַנג, גענומען בייטשן מיט זיינע ווערטער דעם צונויפגע־קאָרטשעטן הערש העלפער.

„מעגסטו, הערש העלפער, משפטן בנימין ווינטערן דערפאַר וואָס ער האָט נישט געראַטעוועט אסתרן?"

נאָך די דאָזיקע אויסגעשריגענע פרעג־ווערטער האָט הלל ווייַן אַ שווערן שלונג געטאָן. דער גאָרגל־קנאָפּ האָט אַ טאַנץ געטאָן אַראָפּ און

אַרויף און אין זיינע אויגן האָבן זיך באַוויזן דער בלענד פון באַזע־סנקייט. דער בכבודיקער מאַן האָט זיך אַ ביסל דערשראָקן פאַר זיין אויסזען און ער האָט העפלעך זיך אָנגערופן:

„נעמט אַ ביסל וואַסער, פריינד ווײַן. און אויב ס'איז אייך צו שווער, קענען מיר די איבעריקע דערקלערונגען איבערלאָזן אויף מאָרגן, אויף איבערמאָרגן. מיר פאַרשטייען... ס'זענען שווערע איבערלעבונגען, אפשר צו פיינלעכע זכרונות"...

הלל ווײַן האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און דער דאָזיקער ענערגישער און כעסיקער האַנט־זשעסט האָט עפּעס אַזוי ווי אַוועקגע־שאַרט פון זיך די העפלעכע רייד פון דעם בכבודיקן מאַן. און ער האָט ווי געזאָגט: ניין, ס'זענען טאַקע פיינלעכע זכרונות, אָבער, אַז מען האָט שוין אָנגעהויבן, דאַרף מען פאַרענדיקן. הלל ווײַן איז געוווינט צו שווערע איבערלעבונגען און ער שרעקט זיך נישט פאַר פיינלעכע זכרונות.

„לאָמיר גיין ווייטער", האָט הלל געזאָגט. „אין דעם יאָר 1938 איז אסתר ווייסמינץ געווען אין פּוילן. זי האָט זיך פון פּוילן נישט געקענט אַרויסקריגן און איז דאָרט אומגעקומען. אָבער אין די יאָרן 1930—1933 איז אסתר ווייסמינץ געווען אין פּאַריז און שטודירט מעדיצין. יעדער פאַרשטייט, אַז ווען זי וואָלט פאַרבליבן אין פּאַריז און נישט צוריק־געפאָרן קיין פּוילן, וואָלט זי געהאַט אַ סך מער שאַנסן זיך צו ראַטעווען און נישט אומצוקומען. דאָס איז אַ פאַקט. פאַרוואָס איז זי אָבער צוריק געפאָרן קיין פּוילן?

„איר ווילט איך זאָל אייך זאָגן וואָס עס האָט זי געצוווּנגען דערצו? גוט, איך וועל עס אייך זאָגן. נפתלי ווײַנגאָט, סעקרעטאַר פון דעם זלאָ־טאָגורער לאַנדסלייט־פאַראיין, דערמאָנסטו זיך, אַז אין יענע יאָרן ביסטו נאָך געווען אין וואַרשע און ביי דיר אין געשעפט האָט דעמאָלט געאַר־בעט אסתרס ברודער, אבאַ ווייסמינץ? דערמאָנסטו זיך אויך צוליב וואָס דו האָסט אים דעמאָלט אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט און ער איז געבליבן אַרבעטסלאָז? אַ יאָ דו דערמאָנסט זיך? ער האָט נישט גע־וואָלט קיין חתן ווערן פאַר דיין שוועסטער און דו ווייסט פאַרוואָס...

האָסטו אים אָפּגעזאָגט פון פּאָסטן און ער האָט קיין אַנדער שטעלע נישט געקענט קריגן. ווייסטו אָבער, אַז אַבאָ ווייסמינץ האָט מיט דעם געלט, וואָס ער האָט פאַרדינט ביי דיר אויסגעהאַלטן זיין שוועסטער אין פּאַ־ריז? יאָ, דו ווייסט. האָסט עס דעמאָלט אויך געוווּסט. האָסט אים אָבער צוגענומען דעם פאַרדינסט און ער האָט זיין שוועסטער נישט געקענט מער שיקן איר אויסהאַלט. פרץ ווייסמינץ איז שוין דעמאָלט געווען אַ שוכן עפר. פון זיין פאַרמעגן איז גאָרנישט געבליבן. אייגנטלעך איז ער קיין מאָל קיין גביר נישט געווען. ס׳איז געווען בלויז אָנשטעל, בלויז פּאַראַד... אסתר ווייסמינץ איז דעמאָלט געצוווּנגען געווען צוריקצופאָרן קיין פּוילן, ווו עס האָט נאָך געלעבט איר אַלטע מוטער. קען זיין, אַז ווען זי וואָלט דעמאָלט נישט געמוזט צוריקפאָרן קיין פּוילן וואָלט זי נאָך היינט געלעבט. קען עמעצער פון אייך זאָגן, אַז דאָס איז נישט אַזוי?

דער דיקלעכער נפתלי וויינגאָט האָט באַהאַלטן זיינע הענט אונטערן טיש. זיין פּנים איז געווען רויט און גרויסע קיילעכיקע טראָפּנס שווייס האָבן זיך געקייקלט פון זיין שטערן און ווען זיי האָבן דערגרייכט די באַקן האָבן זיי אויסגעזען ווי טרערן. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער הלל ווייץ האָט אים צומאָל נישט געלאָזט דאָס מויל עפענען. ער האָט אַ געשריי געטאָן:

„איך ווייס, איך ווייס. דו האָסט נישט פאָרויסגעזען, אַז דאָס אָפּזאָגן אַבאָן וועט האָבן אַזעלכע קאָנסעקווענצן... אָבער די קאָנסעקווענצן זע־נען קלאָר. אַ יאָ, זיי זענען קלאָר?

נפתלי וויינגאָט האָט געשוויגן און נאָר זיין האַסטיק אָטעמען האָט דערציילט וועגן זיין אויפרעגונג און צערודערונג.

גלייך און געשטרעקט איז די גאַנצע צייט פון הלל ווייצ רעדן גע־זעסן דער פּרעזידענט פון די זלאָטאָגורער לאַנדסלייט. ער איז געווען דער עלטסטער פון די ריכטער און זיין באַזילבערטער האָר־שויבער האָט צוגעגעבן זיין אויסזען סאָלידקייט און חשיבות. ער איז געווען בלייך, אָבער באַהערשט און בלויז דאָס נערוועזע פּויקן מיט די פינגער אין טיש האָט אויסגעזאָגט וועגן זיין אינערלעכער אויפגערודערטקייט.

ווען הלל ווײַן האָט זיך האָסטיק אַ ריס געטאָן אין זײַן זײַט, האָט דער פּרעזידענט פון די זלאָטאָגורער אַזש אַ צאַפּל געגעבן. לכתחילה האָט ער געהאַט בײַ זיך אָפּגעמאַכט, אַז אויב דער הילקלע וועט זיך נעמען טשעפּען צו אים, זאָל ער אים בײַ די ערשטע ווערטער איראָניש אַ פרעג טאָן: „זאָגט מיר, מײַן ליבער ווײַן, זײַט איר אַ דיכטער, אָדער אַן אַקטיאָר?״. הלל ווײַן האָט זיך אָבער אַזוי ראַפּטום אויף אים אַ וואָרף געטאָן מיט זײַנע רייד, אַז ער האָט פאַרלוירן דאָס איראָנישע שמייכעלע און איז אין גאַנצן צעטומלט געוואָרן.

הלל ווײַן האָט געשטורעמט און זײַנע ווערטער זענען געפאַלן ווי שטיקער האָגל:

„און איצט, חשובער פּרעזידענט פון דער זלאָטאָגורער לאַנדסמאַנשאַפט, ראובן גרין. איז עס אמת, אַז איר האָט גאָרנישט קיין שום שום שייכות צו אסתר ווייסמינץ? אפשר וואָלט איר אונדז לכל הפּחות דערציילט ווי אַזוי איז אסתר ווייסמינץ געקומען קיין פּאַריז? די זלאָטאָגורער לאַנדסלײַט ווייסן דאָך אַז אסתר ווייסמינץ איז גאָר אין יאָר 1928 אַוועק קיין ארץ־ישראל ווי אַ חלוצה. וואָלט זי פאַרבליבן אין ארץ־ישראל, וואָלט זי געוויס זיך געראַטעוועט. פאַרוואָס אָבער איז זי אַוועק פון דאָרט? ווער איז שולדיק געווען דערין?

ראובן גרין, דער באַיאָרטער פּאָרזיצער פון דער זלאָטאָגורער לאַנדסמאַנשאַפט האָט אויסגענוצט די פּויזע כדי צו זאָגן:

— „קיינער, לויט מײַן מיינונג, קיינער... דאָס הייסט: קיינער איז נישט שולדיק געווען אין דעם. ווער עס האָט געקענט אסתר ווייסמינץ, דער ווייסט אַז זי איז געווען זעלבשטענדיק און האָט תמיד געטאָן נאָר דאָס וואָס זי האָט געוואָלט... איז דאָס נישט אַזוי?״

ביידע ריכטער פון זלאָטאָגורע האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ כדי צו באַשטעטיקן דעם אמת פון זײַנע ווערטער.

הלל ווײַן האָט זיך אָבער נישט געלאָזט אָפּשלאָגן פון וועג. „דאָס וואָס איר זאָגט וועגן אסתרס זעלבשטענדיקייט, דאָס איז הונדערט פּראָצענט אמת. דאָס איז געווען דער ווערטפולסטער שטריך אין איר כאַראַקטער, אָבער דאָס איז אויך געווען איר אומגליק. אַלע צרות אירע

האָבן זיך גענומען פון איר צופיל דעמאָנסטרירטער זעלבשטענדיקייט. און דאָך איז אמת, אַז די סיבה פון איר אַרויספאָרן פון ארץ ישראל זייט איר געווען, הער ראובן גרין. דער שולדיקער זייט איר געווען, הער פאָדזיצער פון דער זלאָטאָגורער לאַנדסמאַנשאַפט. איר זייט דאַן געווען אַ וויכטיקער מענטש אין דער אָרגאַניזאַציע און ווען איר זייט געקומען קיין ישראל האָט איר באַווירקט אסתרן אַז זי זאָל אַרויסטרעטן פון קיבוץ און איר האָט איר געגעבן אַ פּאָסטן ווי אייער סעקרעטאַרין. פאַרוואָס האָט איר אסתרן אַרויסגענומען פון קיבוץ, הער גרין?"

„איך האָב זי נישט אַרויסגענומען פון קיבוץ, הער וויין", האָט ראובן גרין געענטפערט, „אויב איר האָט אַזוי גוט געקענט די ווייס־מינצעס, דאַרפט איר דאָך וויסן אַז זיי האָט מען נישט אַרויסגענומען און נישט אַריינגענומען... ס'הייסט..."

— „יאָ, דאָס איז אמת, אמת", האָט הלל וויין אים איבערגעשלאָגן, אָבער איר וועט דאָך נישט זאָגן אַז אסתר איז צו ערשט אַרויסגעטרעטן פון קיבוץ און ערשט נאָך דעם האָט זי באַקומען פון אייך דעם פּאָסטן אַלס סעקרעטאַרין...

— „איך געדענק נישט", האָט גרין געענטפערט, „ווער קאָן בכלל געדענקען אַזעלכע קלייניקייטן אין משך פון אַזאַ לאַנגער צייט? זיכער איז אַז אויב איך האָב אפילו צוגעלייגט אַ האַנט צו דעם אַז אסתר זאָל פאַרלאָזן דעם קיבוץ, האָב איך עס געטאָן ווייל איך האָב רחמנות גע־האָט אויף איר... געוווּסט אַז אין קיבוץ וועט זי זיך איינברעכן..."

— „און בלויז צוליב דעם דאָזיקן רחמנות האָט איר זי שפּעטער מיט גענומען מיט זיך קיין פּאַריז, דעמאָלט ווען איר האָט פאַרלאָזט ארץ ישראל?

— „וואָס באַדייט אייער פראַגע? האָט ראובן גרין אַן אויפגעצאָרנ־טער און באַליידיקטער געפרעגט, „אויף וואָס זייט איר מרמז?"

— „איך בין נישט מרמז — האָט הלל וויין פלוצים אויפגעהויבן דאָס קול — איך בין נישט מרמז... איך זאָג אָפן און דייטלעך... אסתר האָט מיר נישט איינמאָל דערציילט וועגן דעם וואָס איר זייט אויסן געווען מיטן אַרויסנעמען זי פון קיבוץ... מיטן אַרויספירן זי פון לאַנד...

מיטן אָנשטעלן זי ווי אייער סעקרעטאַרשע... ווילט איר איך זאָל זאָגן אין וואָס עס גייט? ווילט איר איך זאָל רעדן אָן רמזים?"

דאָ האָט זיך דער פּאָרזיצער אַריינגעמישט און געזאָגט:

— „נישט נייטיק, פריינד ווייִן, נישט נייטיק. אייערע אַלוזיעס זענען גאַנץ קלאָר. לאָמיר זיין פּאָרזיכטיק און שוינען דעם כבוד פון די אומגעקומענע...

— „איך בין מסכים מיט אייך, פריינד פּאָרזיצער", האָט הלל ווייִן געזאָגט, „אָבער מיר דאַרפן פון דעסטוועגן קומען צו געוויסע שלוסן פון דעם אַלעם וואָס דאָ איז יאָ און נישט גערעדט געוואָרן... מיינט איר נישט אַזוי?"

*

ס׳איז געוואָרן שטיל און דאַן האָט דער בכבודיקער מאַן מיט אַ פּאַרשטיקט, עטוואָס הייזעריק קול געזאָגט: „איר ווילט אָנדייטן, פריינד ווייִן, אַז די אייגנטלעכע שולדיקע אין אסתרס אומקום זענען די דריי ריכטער פון דער זלאָטאָגורער לאַנדסמאַנשאַפט וואָס משפטן בנימינען?

„ניין, דאָס וויל איך בשום אופן נישט זאָגן — האָט הלל ווייִן זיך אַ הייב געטאָן פון בענקל אויף וועלכן ער האָט זיך געהאַט אַוועקגע־זעצט, — איך ווייס אַז זיי האָבן נישט מכוון געווען דאָס וואָס ס׳איז שפּעטער געשען. אָבער אויך בנימין ווינטער האָט נישט מכוון געווען דאָס וואָס ס׳איז געשען, און דערפֿאַר דאַרפן די דאָזיקע דריי לאַנדסלייט נישט זיין זיינע ריכטער".

דער פּאָרזיצער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף די אויגן און איז אַ לענגערע צייט געבליבן זיצן פּאַרטראַכט. לסוף האָט ער געזאָגט: „לויט דער לאָגישער קאָנסעקווענץ פון אייערע רייד, פריינד ווייִן, קומט אויס אַז ס׳איז בכלל נישט מעגלעך צו משפטן קיין מענטשן פון יענער טרויעריקער און טראַגישער צייט... ווי זאָגט זיך אין אונדזערע אַלטע שריפטן? אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו..."

„אויך דאָס האָב איך נישט געזאָגט", האָט הלל ווייִן געענטפערט. „מיט דעם „אל תדין" קאָן מען דערגיין צו לית דין ולית דיין... ס׳איז

אָבער קלאָר, אַז מען דאַרף אין די דאָזיקע פאַלן זיין זייער פּאָרזיכטיק, יאָ, זייער פּאָרזיכטיק... און גראָד דאָס איז די זלאָטאָגורער לאַנדסמאַנשאַפט אין דעם דאָזיקן משפט נישט געווען... כ׳וויל זאָגן נאָך מער: אויך אייער רעפּרעזענטאַנץ־אינסטיטוציע וואָס האָט געשטויסן צו דעם משפּט, איז עס נישט געווען...״

*

הלל ווײַן האָט זיך מיט דער גאַנצער האַנטפלאַך אָפּגעווישט דאָס פאַרשוימטע מויל און איז געבליבן שטיל. דער בכבודיקער מאַן האָט עפּעס ווי פאַרגעסן זיינע וויל־דערצויגענע מאַנירן און האָט גענומען בייסן זיינע נעגל. אַלע פינף ריכטער האָבן איצט געשוויגן מיט דער שווייגעניש פון שולדיקייט און געבראָכנקייט. מיט אַמאָל האָט זיך הלל ווײַן אויפגעהויבן און אין שיין פון עלעקטרישן נעאָן־ליכט האָט זיין פּנים דערמאָנט די געלבלעכע בלויקייט פון אַלטן פּאַרמעט. ער האָט זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג און אַלע איבערגעבליבענע האָבן אים שטום באַגלייט מיט די בליקן. זיין גאַנג, פון טיש צו דער טיר האָט זיי אויסגעזען ווי אַן אייביקייט...

דאָס בשמים־ביקסל

צוריק מיט אַ צייט בין איך געווען פאַרבעטן צו מיינס אַ באַקאַנטן אויף אָוונט-ברויט. דער באַקאַנטער, אַ ייד אין מיינע יאָרן און פון מיינע מקומות, איז שוין דאָ געווען אַ סך צייט און האָט שוין דורך אָט דער צייט באַוויזן צו ווערן אַ נישקשהדיקער גביר. און כאָטש אין דער היים, אינעם שטעטל, זענען מיר נישט געווען קיין גאָר נאָענטע חברים, האָבן מיר זיך אָבער דאָ, אין דעם נייעם לאַנד, זייער אָפט געטראָפן און ווי דער שטייגער איז, ביי די דאָזיקע צוזאַמענטרעפן, אָפט זיך דער־מאָנט די אַמאָליקע צייטן און אָפט זיך אויך אַראָפגערעדט פונעם האַרצן די היינטיקע דאגות.

מיין יוגנט־באַקאַנטער איז שוין היינט געווען אַ מאַן אין די אָנהייב־פופציקער. אַ פולבלעכער און אַ ווּקסיקער האָט די אַשיקע גרויקייט אויף זיין קאָפּ אים צוגעגעבן אַ מין באַזונדערע סאָלידקייט, אַזאַ וואָס מענער דערגרייכן זי ווען זיי האָבן שוין באַוויזן צו פאַרזאָרגן זייערע יורשים. די אויגן, די נאָז און דאָס מויל האָבן מיר דערמאָנט זיין מו־טער, די שיינע חנה לאה, אָבער דער קאָפּ, די עטוואָס געבויגענע פלייצע און דער ווייך-טריטיקער גאַנג האָבן מיר תמיד געבראַכט אויפן רעיון זיין פאָטער, דעם חסידישן ייד, וואָס האָט זיך כסדר געגרייסט דערמיט וואָס זיין טאַטע האָט אים יינגלווייז מיטגענומען קיין קאָצק צום רבין. ער אַליין, דער טאַטע פון מיין באַקאַנטן, איז גאָר געווען אַ טשעכאַנאָ־ווער חסיד און איז געפאָרן קיין סטריקאָוו צום אַלטן טשעכאַנאָווערס זון, אָבער אַז די חסידישע יונגעלייט פון שטעטל פלעגן זיך אַמאָל צע־הוליען אין גערער שטיבל און אויף זייער בגילופנדיקן אופן „נעמען איבערקערן די וועלט", האָט עס אים שטאַרק הנאה געטאָן און ער האָט

געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז נאָך אַ ניצוץ פון דער שאַרפקייט, וואָס דאָס געהער חסידות האָט געירשנט פון קאָצק.

מיין באַקאַנטער איז זייער פרי נחמץ געוואָרן און איז אַוועק פון טאַטנס דרכים. דער אמת איז אַז די נויט איז ביי זיי אין שטוב געווען זייער גרויס און דער טאַטע, דער למדן און דער בעל-יחוס, האָט גאָר־נישט געפרוווט טאָן כדי זי צו פאַרקלענערן. אין יענער צייט איז מען אין שטעטל שוין געווינט געווען דערצו, אַז אַ חסידיש בחורל זאָל פאַרקאַטשען די פיאות הינטערן אויער און זיך נעמען לערנען אַ פאַך. אָבער ווען מיין באַקאַנטער האָט ווי אַ זעכצן יעריקער יינגל פאַרלאָזט דאָס בית־מדרש, ווו ער האָט געלערנט, בעיקר אין די נעכט, און זיך אויסגעלערנט שטריקן אויף אַ הענטשקע-מאַשין, האָט מען אין אַ סך, אַ סך שטעטלדיקע שטובן גאָר שטאַרק געקרעכצט. וואָרעם אַז חיים נחמנס זון, ר׳ יונה וואָלפס אַן אייניקל האָט שוין אויך איינגעטוישט די גמרא אויף אַ מאַשינדל, איז שוין טאַקע געווען אַ סימן, אַז מיט יידישקייט ווערט וואָס אַמאָל ענגער.

אין די אָנהייב־דרייסיקער יאָרן איז מיין באַקאַנטער אַוועק קיין אַרגענטינע און איז, ווי מען האָט דעמאָלט געשמועסט, פאַרפאַלן געוואָרן ווי אין וואַסער אַריין.

האַרט פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה בין איך געקומען אין שטעטל אַריין און דעמאָלט האָט מיר דער אַלטער חיים נחמן דערציילט, אַז זיין זון האָט זיך אָפּגעפונען און דווקא געלאָזט פון זיך שיין הערן. מיט אַ צוויי חדשים צוריק איז פון שטעטל געהאַט אַוועקגעפאָרן צו אים קיין בוענאָס־איירעס זיין יינגסטע שוועסטער, וואָס איז שוין אויך געווען אַן אויפגעקלערטע, אפילו אַ גאַנצע רעוואָלוציאָנערקע פאַר וועלכער עס האָט זיך אָבער אַן נדן בשום אופן נישט געמאַכט קיין שידוך.

ווען איך האָב זיך דאָס ערשטע מאָל געטראָפן מיט מיין לאַנדסמאַן אין בוענאָס איירעס, איז ער שוין געווען אַ היפשער עושר, אָבער מיר איז זייער געווען צום האַרצן וואָס ער האָט, ווייניקסטנס פאַר מיר, נישט געפרוווט שפילן דעם גביר. אַז ס׳איז אַמאָל צווישן אונדז פאַרגאַנגען אַ

רייד וועגן זיין מעמד האָט ער ביטולדיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געזאָגט: „דיר דאַרף איך דאָך נישט זאָגן, אַז דער גביר עסט אויך נישט קיין גאָלד. וואָס קומט אַרויס, אַז מען האָט שוין געלט, אַז צרות פעלן סיי ווי נישט. נישט אַזוי?"

פון דעסטוועגן כאָטש מיין באַקאַנטער האָט מבטל געווען דעם גבי־רישן עולם־הזה האָט ער זיך געוווינט גאַנץ שיין און זיך געפירט גאַנץ ברייט. פון מאַכן נאָך אַ געשעפט און נאָך אַ געשעפט האָט ער זיך נישט אָפּגעזאָגט און אַז הייזער־בוי איז געוואָרן אַ גוטער עסק האָט ער זיך צו דעם אַ נעם געטאָן מיטן גאַנצן ברען. אויך אין דער צייט וואָס איך בין דאָ הי האָט ער היפּש פאַרגרעסערט זיין פאַרמעגן און געטוישט זיין אַלטע שיינע און רחבותדיקע וווינונג אויף נאָך אַ שענערער און נאָך אַ מער רחבותדיקער און דערצו טאַקע אין דעם גבירישן שטאָט־פּערטל, וווּ מען קען זיך פאַרגינען צו וווינען נאָר ווען מען האָט אַן אייגענעם אויטאָ.

איצט בין איך טאַקע געווען ביי מיין באַקאַנטן צום ערשטן מאָל אין זיין נייער וווינונג און כ'האָב זיך זייער שטאַרק געדאַרפט צוימען, כדי אים נישט צו זאָגן, אַז זיין דירה דערמאָנט מיר די רעקלאַמע־ביל־דער פון די געוויסע מאָדע־זשורנאַלן. להיפּוך צו זיין אַלטער וווינונג, וואָס איז געווען פול מיט פאַרשידענע שווערע און באַגילדעטע מעבל־שטיקער, מיט חפצים פון פאַרשידענע סטילן און מיט בילדער צונויפ־געקויפטע אויף אַלערליי ליציטאַציעס, איז די איצטיקע וווינונג געווען כמעט אין גאַנצן פוסט און דאָס מעבל האָט דערמאָנט די סינטעטישע דעקאָראַציעס אויף די מאָדערנע בינעס. די זאַלן זענען געווען גרויס און אויסגעמאָלט אין אומהיימלעכע קאָלטע פאַרבן. דערצו האָט דער דעקאָ־ראַטאָר באַצירט די ווענט מיט מאָדערנע אַבסטראַקטע בילדער, מיט אַ סאַפּקע אין אויסטערלישע האַרטע קאָלירן און מיט שטולן פון אַזאַ קאַנ־טיקער אומגעמיטלעכקייט, אַז מען האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז מען געפינט זיך אין אַן אויסטערלישן וואָקזאַל, אָדער אין אַ רייזע־ביוראָ.

נאָכן עסן בין איך מיט מיין באַקאַנטן אַוועק אין זיין קאַבינעט כדי צו פאַררויכערן און אויך אַ ביסל צו פּלוידערן. ס'איז מאָדנע: אין זיין

אַלטער וווינונג האָט מיר תמיד געאַרט די געשמאַקלאָזיקייט פון דער אויפגעקומענקייט, וואָס האָט אָנגעהויפט אויף איין אָרט אָן אַ שיעור חפצים, מעבל-שטיקער און בילדער, וואָס האָבן געקאָסט אַ סך געלט און האָבן חוץ דעם צווישן זיך קיין אַנדער שייכות נישט געהאַט. איצט אָבער, נאָך דעם כלומרשט מאָדערנעם סטיל פון די האַלב-ליידיקע זאַלן מיט דער אויסטערלישער אומגעמיטלעכער דעקאָראַטיווקייט וואָס האָט נישט געפּאַסט פאַר אַ מענטשלעכער וווינונג, ווייל ס׳איז אין איר נישט געווען קיין טראָפּן פון אינטימקייט, האָב איך זיך ממש דערפרייט, ווען איך בין אַריין אין מיין באַקאַנטנס קאַבינעט און דאָרט געטראָפן די אַלטע שווערע לעדער-געבעטע פאָטער-שטולן, די קרישטאָלענע זשי-ראַנדאָלן און די צונויפגעשלעפּטע אייל-בילדער. מיר איז נישט געווען קלאָר צי דאָס איז געשען דערפאַר, ווייל דער דעקאָראַטאָר האָט נאָך נישט באַוויזן פאַרטיק צו מאַכן דאָס נייע מעבל פאַרן קאַבינעט, אָדער דאָס איז געשען דערפאַר ווייל מיין באַקאַנטער האָט אויסגעפועלט ביי זיין ווייב אָפּצוראַטעווען פאַר זיך כאָטש איין ווינקל ווו ער זאָל זיך פילן, מחמת צוגעוווינטקייט, ווי ביי זיך אין דער היים; איין ווינקל, וואָס זאָל אים דערמאָנען זיין ערשטע אַרויפגעאַרבעטקייט דאָ אין לאַנד. ס׳איז מיר שוין געלעגן אויף דער שפּיץ צונג דאָס ביי אים צו פרעגן, אָבער כ׳האָב זיך איינגעהאַלטן.

מיין באַקאַנטער האָט פאַררויכערט און איך האָב געוווּסט, אַז איצט קומט דאָס אומפאַרמיידלעכע געשפּרעך וועגן די צרות וואָס ער האָט פון זיינע קינדער. יאָ, פון די קינדער, האָט ער טאַקע קיין נחת נישט געהאַט. די עלטסטע טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט אַ היגן יונגערמאַן, אָבער ער איז פון איר אַוועק קיין בראַזיל דריי יאָר נאָך דער חתונה. אַ סברא, אַז ער איז אַוועק מיט אַ שוואַרצער שיקסע. מילא, האָט ער נישט געטראָפן מיטן איידעם. עס געשעט היינטיקע צייטן. איז אָבער די טאָכ-טער אויך נישט קיין לייט. אַ סך צו רעדן דערוועגן. דער זון האָט זיך גאָר אויסגעקליבן צו ווערן אַן אַרגענטינער פאַלקלאָר-טענצער. און ווו טאַנצט ער עס? אין עפּעס אַ ביליקן נאַכט-לאָקאַל ווו ס׳קומען זיך צו-זאַמען כל-ערליי קאָנטראַבאַנדיסטן מיט זייערע נקבות. און זיי גיט עס

זיין זון מיט די דאַרע פיס צו פאַרשטיין די שיינקייט פון אַרגענטינער פאָלקלאָר. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס געטאַנץ קאָסט דעם טאַטן שווערע טויזנטער און נישט אַזוי דער טאַנץ ווי די שיקסעס מיט וועלכע ער פירט זיך אַרום. נאָר אַ כפּרה דאָס געלט. עס וואָלט כאָטש געווען עפּעס צו זען. שלאָגט עס אָבער צו דער גאַל, ווען ער זעט ווי דער זון זיינער טופּעט מיט די באַשטיוולטע פיס, שפּרינגט אויף איין אָרט און קנאַלט צו מיט אַ בייטש ווי אַן עכטער אָקסן־טרייבער. און דאָס הייסט טאַנץ און דאָס הייסט פאָלקלאָר.

אָבער די ערגסטע צרות האָט ער פון דער יינגסטער טאָכטער. יענע האָט זיך גאָר אויסגעזוכט אַ יונג מיט אַ קאָפּ האָר וואָס ער האָט שוין צוויי יאָר נישט געשוירן און נישט געוואַשן. דאָס יחוס איז וואָס ער איז אַ באָקסער, אָדער ווי זיין טאָכטער זאָגט: אַ גימנאַסטיק־פּראָ־פעסאָר און חוץ דעם איז ער דעם אַלטן כימענעסעס אַן אייניקל. אפשר ווייסטו, ווער דער אַלטער כימענעס איז געווען? אַ גאַוטש, ס׳הייסט אַזאַ גוי, חצי־שפּאַניער, חצי־אינדיאַנער, וואָס איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ מעסער און געשניטן שטיקער פליש פון אַ לעבעדיקער אָדער טויטער בהמה. איין גליק וואָס דער אַלטער גאַוטש־זיידע איז שוין לאַנג אויף יענער וועלט און קיין טאַטן האָט ער ברוך־השם נישט, דער חתן פון זיין טאָכטער, מחמת די מוטער זיינע האָט נישט געהאַלטן פון דער אַזוי־גערופענער „הייראַטס־אינסטיטוציע״. ער, דער צוקונפטיקער איידעם זיינער האַלט גראָד יאָ פון אַ געזעצלעכער חתונה, מחמת ס׳שטייט אים גאַנץ גוט אָן צו האָבן אַ גביר פאַר אַ שווער, נאָר טאָמער וועט ער, דער שווער, זיך עקשנען און נישט וועלן מיטגיין מיט דער צייט, וועט ער אים מזכה זיין מיט קריאָזשאָ־אייניקלעך אפילו אָן אַ חתונה און אָן די איבעריקע זיבן זאַכן. און דאָס דאַרף זיך טרעפן דווקא מיט זיין גע־ראָטנסטער טאָכטער, וואָס האָט אַ פייערדיקן קאָפּ און דער טאַטע האָט זיך געריכט פון איר צו האָבן דעם גרעסטן נחת.

יאָ, די דאָזיקע צרות זענען מיר שוין געווען באַקאַנט און מען האָט וועגן זיי שוין נישט איינמאָל געשמועסט. זאָגן אייך דעם אמת? כ׳האָב זיי שוין נישט גערן געהערט אויך. נישט מחמת דעם וואָס איך האָב

נישט געהאַט קיין מיטגעפיל פאַר מיין באַקאַנטן, אָדער נישט געוואָלט אַנטפּלעקן אין זיין עגמת־נפש, נאָר צוליב אַן אַנדער טעם: כ׳האָב דערפילט, אַז וואָס ווייטער הייבט ער אַלץ מער און מער אָן שלום צו מאַכן מיט זיין לאַגע און די אַלע געשפּרעכן פירן נאָר צו דעם, אַז ער זאָל פאַר זיך אַליין אַרויסקריגן אַ שטיקל היתר אויפצוגעבן דעם גע־ראַנגל. העלפן אים געפינען אַזאַ היתר פאַר דער באַרויִקונג פון אייגע־נעם געוויסן האָב איך נישט געוואָלט און ווידער אים שיטן זאַלץ אויף די ווונדן האָט אויך צו גאָרנישט געפירט. איז צו וואָס דאָס גאַנצע גע־רייד?

מהאי טעמא האָב איך, בעת מיין באַקאַנטער האָט גערעדט, גענומען אַרומוואַנדערן איבער זיין קאַבינעט, באַקוקן די בילדער אויף די ווענט, די ביכער אויף די עטלעכע פּאָליצעס, און אַזוי וואַנדערנדיק בין איך פאַרקראָכן צום באַגילדעטן שויבן - שענקל, וואָס איז אין דער אַלטער וווינונג געשטאַנען אין אויפנעם־זאַל און איז דאָ מגולגל געוואָרן אין דעם דאָזיקן זייטיקן צימער אין וועלכן סתם געסט האָבן נישט קיין דריסת־הרגל. דאָס שויבן-שענקל האָט געהאַט עטלעכע גלעזערנע פּאָ־ליצעס און עס זענען אויף זיי געשטאַנען אַ גוזמא מיט זאַכן און זאַכע־לעך וואָס האָבן געוויס געקאָסט אַ מטבון מיט געלט. אָבער וואָס זענען, לכל־הדעות, געווען אי אָנווערטיק, אי אָן געשמאַק. דעם אויבנאָן האָט פאַרנומען אַ ביינערנער שאָך מיט כינעזישע פיגורן און אַרום אים זענען געשטאַנען קליינע צאַצקעס פון יאַפּאַנישן פּאָרצעליי, וואָס וואָלטן אפשר עפּעס ווערט געווען ווען זיי וואָלטן נישט געווען קיין אימיטאַציעס און דערצו פון די וואָס מען קויפט דרייצן אויפן טוץ. ס׳האָבן דאָ אויך נישט געפעלט די אַלערליי קונציק־אויסגעאַרבעטע גאָוטש־מעסערס, וואָס דער אַרגענטינער באַנוצט צום שניידן דאָס פעטע אַסאַדאָ־פלייש און די זיל־בערנע אינדיאַניש־גראַווירטע מאַטע־קעסעלעך און מאַטע־רערלעך, וואָס מען פּראָדוצירט זיי אין אַ פאַבריק און מען פאַרקויפט זיי ווי קינסטלע־רישע האַנט־אַרבעט. אפילו די נאַקעט־פיגורלעך פון בראָנדז און עפּעס אַ בודאַ מיט אַ גלאַנציק בייכל ווי נאָר וואָס אויסגעשמירט מיט בוימל, האָבן זיך דאָ אויך געפונען צום רומל אויף די גלעזערנע פּאָליצעס.

און אַט אַזוי באַטראַכטנדיק אַן שום איבעריקן אינטערעס די אַנווער־טיקע קאָלעקציע פון מיין פריינט, האָב איך פלוצים אויף אַן אונטערש־טער פּאָליצע, אין אַ ווינקל, דערזען דאָס בשמים־ביקסל. און אַזוי גרויס איז געווען מיין איבערראַשונג ווען איך האָב עס דערזען, אַז איך האָב אַזש אַ ציטער געטאָן, פאַרהאַלטנדיק ממש אין דער לעצטער רגע אויף מיינע ליפּן דאָס חידוש-געשריי. אָ, דאָס בשמים־ביקסל! איך האָב עס נישט נאָר תיכף דערקענט, איך האָב זיך אויך באַלד דערמאָנט דאָס אָרט וווּ עס איז געשטאַנען אין חיים נחמנס שטוב. ס'איז געווען דאָס אייגענע, יאָ, דאָס אייגענע בשמים־ביקסל וואָס אונדזער גאַנץ שטעטל האָט אַזוי גוט געקאָנט און דערוועגן אַזויפיל גערעדט און זיך אַזויפיל אָנדער־ציילט נישט נאָר אין מיין דור, נאָר אויך אין די פריערדיקע דורות.

יאָ, עס איז געווען דאָס זעלביקע בשמים-ביקסל פון שווערן מאַסיוון זילבער, געשניצט אין דער פאָרעם פון אַ גאָטיש־טורעמל אויף אַן אַלטן ריטער־שלאָס. אַן אמתער אַנטיק איז עס געווען, געמאַכט פון אַן אומן יד וואָס האָט זיין פרימיטיווע קינסטלערישע פאַנטאַזיע אַריינגעלייגט אין דעם געפלעכט פון דינע ליניעס וואָס זענען אָט זיך פונאַנדערגע־לאָפן און אָט זיך צוזאַמענגעקומען, כדי צו שאַפן דאָס געמעל פון בלע־טער צווישן וועלכע עס באַהאַלטן זיך פייגלשע נעסטן, וואָס אַ ליאַדע שטורעם־ווינט קען זיי אַראָפּשליידערן פון געצווייג און דאָך זיצן זיי פעסט און זיכער אונטער דעם צויבער-שפּרוך פון „אל תירא עבדי יעקב”. און ווי איידל און שלאַנק, ווי צאַרט-גלאַטיק און פרויענהאַפט־רונדיק האָט זיך געהויבן דער זייל אויף וועלכן עס איז געזעסן דאָס גאָטישע טורעמל מיטן פריצישן פענדל אין דער שפּיץ! ווי פאַנטאַסטיש און סודותדיק איז געווען דער אַראַבעסק וואָס האָט זיך געשפּרייט אויף דעם פעסלדיקן פוס פון וועלכן עס איז אויפגעשטיגן דער שטאָלץ-געשטרעק־טער זייל. אַהאַ! דאָס איז געווען אַן אמתער אַנטיק און נישט בחינם האָבן מיינע שטעטלדיקע יידן גערעדט וועגן דעם חפץ מיט אַזאַ אַפשיי און מיט אַזאַ ליבשאַפטלעכער באַוווּנדערונג.

וואָס אמת איז אמת: מיינע שטעטלדיקע יידן זענען נישט געווען קיין גאָר גרויסע מבינים אויף שיינקייט און אויף קינסטלערישע אַנטיקן.

זייער כלל איז געווען „שקר החן והבל היופי.‟ דאָס בשמים־ביקסל פון חיים נחמן, דעם טאַטן פון מיין בוענאָס־איירעסער באַקאַנטן, האָט אָבער געשמט אין אונדזער שטעטל צוליב גאָר אַן אַנדערן ענין. ס'איז געווען אַ בשמים־ביקסל מיט אַ פאַרגאַנגענהייט, מיט אַ לעגענדע און לעגענדעס האָט מיין שטעטל ליב געהאַט ווי דאָס לעבן.

צו חיים נחמענען איז דאָס בשמים־ביקסל, ווי מען פאַרשטייט, גע־קומען בירושה פון זיין טאַטן, ר׳ יונה וואָלפן. ר׳ יונה וואָלף האָט עס געקריגן ירושה פון זיין טאַטן. עס איז איבערגעגאַנגען פון פאָטערס צו זין און פון שווערס צו איידעמס. אַ לאַנגע קייט פון דורות האָט זיך געצויגן הינטער דעם דאָזיקן חפץ און יעדער דור האָט זיך דורך אים געפילט פאַרבונדן מיט דעם פריערדיקן. אין דער משפחה איז געווען אַ קבלה, אַז דאָס בשמים־ביקסל האָט אַמאָל אין די ווייטע יאָר־הונדערטער געהאַלטן אין זיינע הייליקע הענט רש״י אַליין, און מען האָט אין דער משפחה אויך אויסגערעכנט די אומגעקומענע אויף קידוש־השם, די שׂרו־פים באש, וואָס צו זיי האָט עס אין די ווייטע צייטן געהערט און פון זיי אַריבערגעוואַנדערט, צוזאַמען מיט די געראַטעוועטע האָלעוועקעס, קיין פוילן ווו דער יחוס־בוים איז זיך שפּעטער אַזוי שפעדיק צעוואַקסן.

אָבער די עיקר־סיבה צוליב וועלכער דאָס בשמים־ביקסל איז אַזוי מפורסם געוואָרן אין די לעצטע דורות איז געווען די נס - געשיכטע, וואָס קינד און קייט אין מיין שטעטל, האָבן זי געקענט און איבערדער־ציילט. דאָס איז געווען אַ געשיכטע וואָס האָט, זאָגט מען, געטראָפן מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק. אין אָט דעם פאַרצייטנס איז אַ טאָכטער פון דעם משפחה־בוים נכשל געוואָרן דורך אַ יונגן פריץ וואָס ביי זיין שלאַכצעקען טאַטן האָט איינער פון די אור־זיידעס געהאַלטן די פאַכט. עס איז געווען אַ פאַרליבעניש, ר״ל און ס'האָט געהאַלטן דערביי אַז אַ יידיש מיידל זאָל זיך שמדן. ווי עס האָט זיך געפירט אין יענע צייטן, האָט דער יונגער פריץ זי אַרויסגעגנבעט פון טאַטע־מאַמעס הויז און זי אָוועקגעפירט אין אַ קלויסטער ווו מען האָט זי געגרייט צו דער שמד. וויי, וויי, וואָס טאַטע־מאַמע און די גאַנצע משפחה האָבן עס דעמאָלט צעאַרבעט כדי זי אַרויסצוקריגן פון די קלויסטערישע נעגל. עס האָט

אָבער גאָרנישט געהאָלפֿן. נישט קיין תחנונים און נישט קיין גאָלד. נישט קיין אונטערטעניקייט און נישט קיין חכמה. די טויערן פֿון קלויס־טער זענען געווען געשלאָסן און אַלע וועגן צו אים האָבן געהיטן פֿריי־צישע און גלחישע וואַכן. דער בישאָף וואָס האָט געדאַרפֿט דורכפֿירן די שמד־צערעמאָניע און וואָס איז געווען דער ממונה איבערן קלויסטער, האָט זיך נאָך געריצט מיט די צעווייטיקטע יידן און פֿון זיי געשפּעט: אויב אייער גאָט וויל נישט פֿאַרלירן אַזאַ חנוודיקע טאָכטער, טאָ זאָל ער באַווייזן אַ נס...

דער נס איז געשען. אין אַ ביי נאַכט, עטלעכע טעג פֿאַרן גרינעם דאָנערשטיק, דעם טאָג ווען ס'האָט געזאָלט זיין דער שמד און די חתונה מיטן פּריץ, האָט זיך די טיר פֿון דעם יידישן פֿאַכטערס שטוב געעפֿנט און ס'האָט זיך אַריינגעשלייכט די ערב-שמדקע. אין דער זעלבער נאַכט האָט מען זי אַריבערגעפֿירט אין אַ נאָענט שטעטל און פֿון דאָרט האָט מען זי אין אַ פּאָס דורכגעגנבעט די גרענעץ. מען האָט דעם טאַטן אירן און נאָך עטלעכע יידן געפּייניקט מיט אַלערליי עינויים, אָבער זיי האָבן אויסגעהאַלטן. דער בישאָף האָט פֿאַר האַרצווייטיק און שאַנד באַקומען אַן אַפּאָפּלעקציע און די יידן האָט מען דערנאָך באַפֿרייט, חוץ צוויי וואָס זענען דערווייל אומגעקומען פֿון די עִנויים, וואָס מען האָט זיי אָנגעטאָן.

ס'איז געבליבן אַ לעגענדע: די ערב־משומדת האָט פֿאַרן אַנטלויפֿן פֿון טאַטנס הויז מיטגענומען מיט זיך אַ פּעקל זאַכן. מסתמא אירע מיידלשע בגדים און שמאָכטעס. און אָט האָט זי איינמאָל אין אַ טאָג אין דער קלויסטערישער צעלע, גענומען און צעפּאַקט דאָס מיטגע־בראַכטע פּעקל און — זעט דעם וווּנדער! אין פּעקל איז געלעגן דאָס בשׂמים-ביקסל, וואָס איין גאָט ווייסט ווי אַזוי עס האָט זיך דערנומען צווישן אירע מטלטלים. פֿון דער מינוט ווען זי האָט דערזען דאָס בשׂמים־ביקסל — אַזוי זאָל זי האָבן שפּעטער דערציילט — דאָס בשׂמים־ביקסל, וואָס זי אַליין האָט עס תּמיד שבת צונאַכטס, דערלאַנגט דעם פֿאָטער אירן צו הבדלה, אין דער מינוט האָט זיך עפּעס איבערגעקערט אין איר האַרץ און זי האָט אָנגעהויבן חרטה-קריגן אויף דער זאַך וואָס זי האָט אָפּגעטאָן. מיטן בשׂמים־ביקסל אין דער האַנט האָט זי שפּעטער זיך דורכ־

געגנבעט דורך אַלע וואַכן און איז נישט געזען געוואָרן דורך קיין יליד-אישה ביז זי האָט דערגרייכט די שוועל פון דער פּאָטערלעכער היים.

ווי וויל איך האָב געוווּסט וויפל מען קען זיך פאַרלאָזן אויף לע־גענדעס, האָב איך אָבער אין דער איצטיקער מינוט, בעת איך האָב דאָס בשמים־ביקסל דערזען ביי מיין באַקאַנטן אין שויבן-שענקל, אויפסניי איבערגעלעבט דעם מיסטעריעזן ציטער, וואָס דער דאָזיקער לעגענדאַ־רער חפץ האָט ביי מיר אַרויסגערופן אין די וויטע טעג פון מיין יוגנט. איך האָב דאָס בשמים-ביקסל פאָרזיכטיק און געהיט אַרויסגענומען פון שענקל און האָב דערמיט געמאַכט אַ טריט נענטער צום ליכט. מיין באַ־קאַנטער וואָס האָט שוין פון אַ צייט פריער באַמערקט, אַז איך הער מער נישט זיינע רייד, איז אַ ביסל אומרויִק געוואָרן און איז אויפגעשטאַנען פון זיין פאָטעל, מאַכנדיק אַ באַוועגונג ווי ער וואָלט דעם חפץ געוואָלט אַרויסנעמען פון מיינע הענט. אין דער מינוט האָט זיך דערהערט פון יענער זייט טיר אַ גערויש. מיין באַקאַנטער האָט זיך אַ ווײַלע איינגע־הערט, דערנאָך איז ער אַוועק צו דער טיר און זי אַ ביסל געעפנט. ס'האָט געדויערט אפשר א רגע, אָבער איך האָב דערזען, אַז דאָרט אין אַנדערן צימער איז געהאַט אָנגעקומען זיין יינגסטע טאָכטער און מיט איר צוזאַמען איז געווען איינער מיט אַ קאָפּ האָר...

מיין באַקאַנטער האָט צוריק צוגעמאַכט די טיר און עפּעס ווי מיט אַמאָל אויסגעלאָשן האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אין דעם געבעטן פאָטעל אַריין. ער האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף די אויגן און איז אַזוי גע-זעסן אַ לענגערע ווײַלע. דערנאָך האָט ער צו מיר גענומען רעדן און זיין קול איז געווען שטיל און געבראָכן:

— האָסט נישט געוווּסט, אַז דאָס בשמים־ביקסל איז ביי מיר? יאָ. פאַרגעסן דיר דערציילן, אַז דער טאַטע האָט עס געשיקט מיט דער שוועסטער בעת זי איז געפאָרן אַהערצו... ער האָט שוין עפּעס געוווּסט וועגן דעם מעמד פון יידישקייט אין אונדזערע מקומות, דער טאַטע, האָט ער עס מיר געשיקט... ער איז געווען זיכער אַז וויבאַלד כ'האָט דאָרט באַוויזן ניסים...

פּלוצים האָט מיין באַקאַנטער זיך אויפגעשטעלט און איז צו מיר צוגעגאַנגען זייער נאָענט, אַזוי נאָענט, אַז זיין גוף האָט כמעט אָנגערירט מיינעם. מיט אַ שעפּטשענדיקער שטימע האָט ער גענומען רעדן:

— דאָ, ביי מיר אין שטוב, וועלן שוין קיין ניסים נישט געשען... אויב דו ווילסט, נעם דאָס בשמים־ביקסל צו זיך... ניין, לאָמיר עס בעסער אָפּגעבן אין אַ מוזיי, לאָמיר עס אַוועקשיקן קיין ישראל...

און ער האָט גענומען דאָס בשמים־ביקסל פון מיינע הענט, עס אַוועקגעשטעלט אויפן טיש און זיך אַוועקגעזעצט אויסגעדרייט דערצו מיטן רוקן. אַזוי איז ער געבליבן זיצן ביז איך האָב זיך מיט אים גע-זעגנט און אים איבערגעלאָזט אַ פּאַרטיפטן אין זיינע שווערע מחשבות.

מאָנאָלאָג נאָך האַלבער נאַכט

אַ גוטן אָוונט. איר זיצט, זע איך, אַליין. מעג איך זיך צוזעצן אויף אַ ווייל? אַ, איך זע אַז איר דערקענט מיך נישט. ניין, ניין, איר דאַרפט זיך נישט פאַרענטפערן. בסך הכל האָבן מיר זיך דאָך געזען נישט מער ווי איין מאָל. ס׳איז שוין אַ מעשה פון פינף יאָר מסתם. איר דערמאָנט זיך? ס׳איז געווען נאָך אַ פאָרשטעלונג אין יידישן טעאַטער. איך בין אַרונ־טער הינטער די קוליסן צו באַגריסן די אַקטיאָרן און דאָרט האָבן מיר זיך באַקענט. איר געדענקט נישט? נו, נו, ס׳מאַכט נישט, ס׳מאַכט נישט. אַ מענטש קען נישט געדענקען אַלע זיינע באַקאַנטשאַפטן. איך אַליין גע־דענק אויך נישט און דערקען אויך נישט אַלע מענטשן וואָס מע שטעלט מיר פאָר. כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת: אין אַן אַנדער צייט וואָלט איך אייך אפשר אויך נישט דערקענט. היינט האָב איך אייך דערקענט דער־פאַר... נו פשוט דערפאַר ווייל איך האָב געזוכט אַ באַקאַנטן. איך בין ספּעציעל אַהערגעקומען אין אַט דער קאַפע כדי צו טרעפן אַ באַקאַנטן. אַנטשולדיקט. קען איך זיין זיכער אַז איך באַלעסטיק אייך נישט? נו גוט, אַ דאַנק.

מעג איך אייך פאַרלייגן אויסצוטרינקען מיט מיר אַ גראַפּע? אַ, געוויס, געוויס, אויב איר טרינקט נישט מעגט איר מיר רויִק אָפּזאָגן. מען איז צוליב העפלעכקייט נישט מחויב צו טאָן דאָס וואָס איז קעגן געזונט אָדער קעגן דער געוווינהייט. נו, אָבער אַ קאַוועלע, אַ קאַוועלע וועט איר טרינקען? דאַ, אין אונדזערע דרום־אַמעריקאַנישע מקומות, בינדט זיך נישט קיין שום געשפּרעך אָן אַ קאַוועלע. כ׳האָב אַמאָל גע־שפּילט אַ קאָמעדיע פון היגן לעבן. דאָרט איז געווען אַ סצענע ווי מאַן און ווייב גרייטן זיך צו אַן ערנסטן שמועס וועגן זייער ווייטערדיק צוזאַ־מענלעבן... איז איידער זיי זעצן זיך צום שמועס, הייסן זיי דער דינסט

סערווירן צוויי קאַוועלעך. אין אַלגעמיין איז אָנגענומען, אַז דאָס נאַציאָ־נאַלע געטראַנק פון די דרום־אַמעריקאַנער איז די מאַטע, אָבער מאַטע טרינקט מען, ווי זאָל איך עס זאָגן, ביי פרידלעכע געלעגנהייטן. מען טרינקט מאַטע אַקוראַט ווי מען האָט אין דער אַלטער היים געקנאַקט סעמעטשקעס. ס׳איז אַ מין אונטערהאַלט אַזאַ. דעמאָלט אָבער ווען מען וויל זיך וועגן עפּעס דורכשמועסן איז אומבאַדינגט אַ קאַוועלע. האָט איר עס באַמערקט?

יאָ, איך בין אַן אַקטיאָר. געדענקט איר עס פון דעמאָלט ווען מען האָט מיך פאַר אייך פאָרגעשטעלט? אָך נייִן, איך האָב זיך דאָך נאָר וואָס אַליין אַרויסגעגעבן. מאָדנע, ווי ווייט דאָס פּאַך זיצט אַן אונדזעריקן אין די ביינער. כ׳האָב אפילו גאָרנישט געפילט ווי איך רעד וועגן טעאַטער און וועגן מיין שפּילן. נו, און איר זייט דאָך אַ זשורנאַליסט? יאָ, איך געדענק — איר זייט אַ זשורנאַליסט. אַזוי האָט מען אייך דעמאָלט פאָר־געשטעלט. איך אַן אַקטיאָר — איר אַ זשורנאַליסט. אין גאַנצן קיין פרעמדע זענען מיר, הייסט עס, נישט. מיט אַ יאָר 20 צוריק בין איך גע־וואָרן אַ יידישער אַקטיאָר. געשפּילט יידיש טעאַטער. היינט בין איך שוין נישט ביים יידישן טעאַטער. היינט שפּיל איך אויף דער שפּאַנישער בינע. מיין נאָמען איז הערשל חזן, אָבער אויף שפּאַניש רופט מען מיך: הער־נאַנדאָ טשאַסאַן. מערסטנטייל טרעט איך אויף אין דער טעלעוויזיע און אין פילם. ביי די יידישע אַקטיאָרן הייסט עס אַז איך האָב געמאַכט אַ קאַריערע. זיי זענען מיך מקנא און זיי באַרעדן מיך. מען רופט מיך אַ סך מאָל אַז איך זאָל, ווי זיי דריקן זיך אויס, באַשיינען זייערע ערנ־אָוונטן און מען גיט מיר נאָך דעם אָנצוהערן אַז איך בין אַ דעזערטיר. כ׳זאָג עס אָן ביטערניש. כ׳פאַרשטיי זייערע געפילן.

נו, סיי ווי, כ׳האָב אַ סך פריינד צווישן די יידישע אַקטיאָרן, אָבער מיר זעען זיך זעלטן. בכלל קומט מיר לעצטנס אויס זייער ווייניק צו קומען אין די יידישע קרייזן. זאָגט וואָס איר ווילט, אָבער אַז מען נעמט ערנסט אַן אַרבעט פאַרנעמט זי די גאַנצע צייט. און חוץ דעם בין איך קיינמאָל נישט געווען קיין קאַפּע־זיצער. אפילו אַז איך בין געווען ביים יידישן טעאַטער בין איך אויך נישט צופיל געזעסן אין די קאַפעען. פּאָרט,

מיט יאָרן צוריק, אַז מיר האָט זיך פאַרבענקט נאָך מיינע יידישע טעאַטער־פריינד, פלעג איך אַהערקומען אין אָט דער קאַפע און דאָ פלעג איך שוין אַלעמאָל עמיצן טרעפן. כ׳בין געווען זיכער אַז איך וועל היינט אויך עמיצן פון זיי טרעפן. וואָס איז די מעשה וואָס מען זעט דאָ היינט מער נישט קיין איין יידישן אַקטיאָר? קומען זיי מער נישט אין דער קאַפע? כ׳בין שוין פינף יאָר נישט געווען צווישן יידן. אָט היינט האָט זיך מיר פאַרבענקט. ניין, ס׳האָט מיך פשוט געשלעפּט און געצויגן צו יידן. כ׳האָב מיר פאָרגעשטעלט אַז כ׳וועל דאָ טרעפן אַלע מיינע אַמאָליקע פריינד. קומען זיי מער נישט אַהער? אָדער איז עפּעס געשען מיטן יידישן טעאַטער? האַ? אומגלויבלעך, ממש אומגלויבלעך! ערשט מיט פינף יאָר צוריק האָט מען דאָך דאָ ביי יעדן טיש געטראָפן אַ יידישן אַקטיאָר, אָדער אַן אַקטריסע, אַרומגערינגלט מיט זייערע פאַרערער. נו, איך זע שוין: איך האָב אין מיין אָפּגעריסנקייט פון יידן פשוט פאַרשלאָפן אַ וועלט־אונטערגאַנג. ניין, ניין, איך דריק זיך אויס גוזמאדיק, אָבער איך מיין עס ערנסט. אָ, איר קענט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן ווי פאַרשעמט איך ווער פון דעם וואָס איר דערציילט מיר. ס׳איז מיר ביז איצט נאָך נישט איינגעפאַלן חרטה צו האָבן אויף דעם וואָס איך בין אַוועק צו דער שפּאַנישער בינע. אָבער איין זאַך איז דאָס אַוועקגיין צו דער שפּאַנישער בינע און אַן אַנדער זאַך איז אַזוי אָפּגעריסן צו ווערן פון יידישן טעאַטער, פון די יידישע חברים...

איז ווילט איר, הייסט עס, נישט טרינקען קיין גראַפּע? נו גוט, מיט אייער דערלויבעניש וועל איך אַליין אויסטרינקען אַ גלעזעלע. כ׳בין, אויב איר באַמערקט, אַ ביסל דענערווירט. אַ גראַפּע וועט מיך באַרויִקן. איר קענט דאָך דאָס רעטעניש וועגן דער זאַך וואָס זומער היצט זי און ווינטער קילט זי? נו, אויף אייער געזונט... כ׳בין דאָ אַהער געקומען אין קאַפע ווייל איך האָב דאָ גערעכנט צו טרעפן אַ באַקאַנטן. כ׳האָב געמיינט, כ׳וועל זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ און אויסלאָדן מיין אומרו. און דאָ גאָר — אָט האָסטו דיר אַ געשיכטע. כ׳האָב שוין מיט 20 יאָר צוריק געוווסט, אַז מיטן יידישן טעאַטער האַלט עס נישט גוט. אַז דער באַזוכער עולם ווערט קלענער און קלענער. איר ווייסט ווי מען

זאָגט ? אַז עס שטאַרבט אַ ייד פון אַלטן, אימיגראַנטישן דור, ווערט ווייניקער אַ לייענער פון אַ יידישער צייטונג, ווערט ווייניקער אַ באַ־זוכער אין יידישן טעאַטער... דאָס איז ליידער דער אמת. נו, אָבער פאַרט : ס'האָבן מיט 20 יאָר צוריק דאָ געשפּילט 4 יידישע טעאַטערן. ס'זענען געקומען די גרעסטע יידישע בינע־סטאַרן פון דער גאַנצער וועלט. אפילו מיט 5 יאָר צוריק האָט נאָך דאָ געשפּילט אַ סטאַבילער יידישער טעאַטער, נאַכט ביי נאַכט, שבת און זונטיק — צו צוויי פאָר־שטעלונגען. און איצט — נאָך 5 יאָר איז אַלץ אויס ? נישטאָ מער קיין סטאַבילער פּראָפעסיאָנעלער יידישער טעאַטער ? זאָגט, ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך ? כ'האָב אַמאָל געהאַט טענות און תרעומות צום יידישן טעאַטער און כ'בין דערפון אַוועק, אָבער כ'האָב מיר נישט פאָרגעשטעלט אַז עס וועט דערגיין צו אַזאַ מצב... כ'זאָג אייך דעם אמת : ס'איז מיר פשוט אַ בושה : ס'איז דאָך אמתער עגאָצענטריזם. לעבן אַ שפּאַן פון דער אַמאָליקער היים און נישט וויסן וואָס אין איר געשעט... כ'האָב קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס געוויסע יידן זאָגן אַרויס מיט אַזאַ פאַראַכטונג דאָס וואָרט „אַסימילאַטאָר". איצט הייב איך אָן צו פאַרשטיין וואָס דאָס מיינט. כ'האָב, נאַטירלעך, מיט גאַרנישט געקענט העלפן מיינע חברים פון יידישן טעאַטער, אָבער אַז ס'האָט געקענט קומען צו אַזאַ אָפּפרעמדונג פאַרשטיי איך פאַרוואָס זיי האָבן מיך גע־רופן „דעזערטיר".

אַנטשולדיקט. מעג איך אייך בעטן איר זאָלט נישט נעמען פאַר אומגוט מיין צערודערונג ? מיינט נישט אַז איך גיב מיר נישט אָפּ קיין חשבון פון דעם וואָס איר טראַכט וועגן מיר. אָ, איר האָט דאָס פולע רעכט צו טראַכטן אַז ס'איז אייך באַפאַלן עפּעס אַ נודניק, אַן עגאָצענ־טרישער פאַרשוין, אַ פּלוידערזאַק. זאָגט נישט : ניין. לייקנט נישט. און זעט איר — כאָטש איך ווייס וואָס פאַר אַן איינדרוק איך מאַך אויף אייך קען איך פאָרט זיך נישט איינהאַלטן און נישט רעדן. מיינע חברים, די יידישע אַקטיאָרן, ווען זיי זעען מיך אין אַזאַ צושטאַנד, וואָלטן זיי עס זייערע אויגן נישט געגלייבט. זיי קענען מיך פאַר אַ צוריקגעהאַל־טענעם מענטש, פאַר אַזאַ איינעם וואָס רעכנט זיך אפשר איבערגעטריבן

מיט דעם איינדרוק וואָס ער מאַכט אויף אַנדערע מענטשן. אפילו צווישן מיינע איצטיקע קאָלעגן רופט מען מיך „דער ענגלישמען" און מען האַלט מיך מחמת מיין אינטראָווערטן כאַראַקטער פאַר אַ שטיק בעל גאווה. אָבער דאָס איז נישט ריכטיק. ניין, נישט ריכטיק. אָ, גאָט מיינער, וואָס רעד איך? דאָס איז דאָך אין דער אמתן נישט וויכטיק. לחלוטין נישט וויכטיק. כ׳זע צום צווייטן מאָל אַ מענטש און איך פאַרהאַק אים דעם קאָפּ מיט אַ כאַראַקטעריסטיק פון מיין פערזאָן... אַנטשולדיקט, ווי גאָט איז אייך ליב, אַנטשולדיקט. און ווייסט איר וואָס איך האָב באַמערקט? איך האָב באַמערקט אַז ווען אַ מענטש איז אָנגעלאָדן מיט עפּעס און וויל זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ, רעדט ער דווקא פון זייטיקע אומוויכטיקע זאַכן איז דאָס ביי אַלעמען אַזוי? אויף יעדן פאַל — ביי מיר גופא האָב איך שוין לאַנג אָבסערווירט דעם דאָזיקן פּסיכאָלאָגישן פענאָמען. יעדעס מאָל ווען איך וויל רעדן, ווי מען זאָגט, צום פּונקט, רעד איך פון בוידעם־קלאָץ און ווייס נישט ווי אַזוי אָנהייבן דערלאַנגען די פּראָזע... אָך, ווידער אַמאָל די נאַרישע זעלבסט־כאַראַקטעריסטיק! און דערצו דריק איך זיך אויס אין וווּלגאַרן אַקטיאָרישן זשאַרגאָן. נו, איך וועל מוזן נעמען אַ קאָניאַק. אַנדערש וועל איך זיך היינט נישט אַרויספּלאָנ־טערן פון דעם ויתרוצצו צווישן דעם ווילן זיך אַראָפּצורעדן פון האַרץ און דעם באַוווסטזיין אַז ס׳איז פּשוט לעכערלעך און גראָב צו צווינגען יענעם אויסצוהערן אַזאַ צעררודערטן מאָנאָלאָג וועגן זיך.

מיר איז די לעצטע צייט אויסגעקומען אָנטייל צו נעמען אין אַ פילם וואָס אַן אויסלענדישע געזעלשאַפט האָט דאָ הי געדרייט. כ׳האָב דאָרט געהאַט אַ פאַראַנטוואָרטלעכע ראָל און זי האָט מיך שטאַרק דער־שעפּט. כ׳האָב געדאַרפט שפּילן אַ פראַנצויזישן אַרכעאָלאָג וואָס איז פאַרוואָרפן געוואָרן אין אונדזער טשאַקענישער פּראָווינץ און איז מיט דער צייט אויף אַזויפיל אַקריאַזשירט געוואָרן אַז ער האָט שיער נישט פאַרגעסן דאָס אייגענע לשון. נו, ווויל. דאָס אַלץ איז נאַטירלעך. כ׳מיין אין דער ראָל איז עס נאַטירלעך. כ׳ווייס אָבער נישט פאַרוואָס דעם סצענאַריסט איז איינגעפאַלן, אַז דער דאָזיקער אַרכעאָלאָג זאָל פאַרן טויט שרייבן אַ צוואה, מען זאָל נאָך דעם ווי ער וועט שטאַרבן, פאַר־

בּרענען זיין גוף. אַ מאָדנער איינפאַל וואָס איז אין מיינע אויגן מיט גאָרנישט באַרעכטיקט. איר פאַרשטייט? אַ מענטש הייסט זיך נאָכן טויט פאַרברענען, דאַרף דאָך דער דאָזיקער ווילן זיינער האָבן עפּעס אַן אָנהאַלט אין זיין כאַראַקטער, אין זיינע אָנשויוּנגען, אין זיינע איבער־לעבונגען. נישט אַזוי? סתם אַזוי שרייבט אַ מענטש אַ צוואה אַז מען זאָל פון זיין גוף מאַכן אַ הויפן אַש? נו, אָבער אין דעם כאַראַקטער, אין די אָנשויוּנגען און אין די איבערלעבונגען פון דעם פּערסאָנאַזש איז נישט מעגלעך געווען אָפּצוזוכן עפּעס אַזוינס וואָס זאָל באַרעכטיקן דעם דאָזיקן אויסטערלישן ווילן. כ'פאַרשטיי ווען איינער שענקט אַוועק זיין קערפּער אויף וויסנשאַפטלעכע צוועקן. אָבער הייסן זיך פאַרברע־נען? יאָ, אויך דאָס געשעט, אָבער דאָס מוז האָבן עפּעס אַ באַרעכטי־קונג, עפּעס אַ סיבה צוליב וועלכער דער מענטש טוט עס... וויפל דער רעזשיסער האָט מיט מיר נישט איינגעטענהט האָב איך אַלץ די דאָזיקע באַרעכטיקונג נישט געקענט דערווישן. זאָל עס זיין אַז איך בין, ווי זיי זאָגן, אַן אַקטיאָר פון דער אַלטער שול? אַז איך פאַרשטיי נישט די נייע שטרעמונגען אין דער קונסט? און מעשה שטן האָט דער רעזשי־סער דווקא די דאָזיקע צוואה־סצענע איבערגעטריבן אונטערגעשטראָכן און ס'איז מיר אויסגעקומען צו שפּילן אין ערשט־פּלאַניקע אויפנאַמעס. נו, אין פילם איז דער רעזשיסער דער באַלעבאָס און כ'האָב די ראָל ווי עס איז אָפּגעשפּילט. אַ שאָד, די ראָל איז גראָד געווען אַ גוטע. אַן אַקטיאָר וואַרט אַ האַלב לעבן אויף אַ גוטער ראָל און אַז ער פּטרט זי, עסט ער זיך די לעבער. אָבער מיר איז שוין נישט אַזוי געגאַנגען אין דער געפּטרטער ראָל ווי אין עפּעס וואָס איך האָב אַליין נישט געקענט תופס זיין. כ'ווייס: אין טעאַטער און דערהויפּט ביי פילמען קען מען נישט זיין אַזאַ מפונק און שפּילן נאָר דאָס וואָס איז אויסגעהאַלטן פון אַ פּסיכאָלאָגישן און קינסטלערישן שטאַנדפּונקט. מען מוז אַמאָל אָפּ־שפּילן אַן אַבסורד וואָס אַ קינד פון פיר יאָר וואָלט געהאַלטן ווי אַ פאַרברעך קעגן דער לאָגיק. אָבער די מעשה מיט דעם אַרכעאָלאָגס צוואה, די זאַך וואָס אַ מענטש הייסט זיך אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַר־

ווען קרעמירן — דאָס האָט מיך אינערלעך עפּעס געגריזשעט און פאַר־דראָסן.

לכתחילה האָב איך זיך אַליין חושד געווען, אַז דאָס וואָס מיך אַרט אַזוי אין דער דאַזיקער סצענע איז נישט דאָס וואָס זי איז אומזיניק, נאָר טאַקע דאָס וואָס איך קען נישט דערכאַפּן איר פאַרבאָרגענעם מיין, אפשר איז דער רעזשיסער גערעכט ווען ער זאָגט, אַז איך בין פון אַן אַלטער שול און קען שוין נישט מיטגיין מיט די נייע שטרעמונגען פון דער צייט ; אָ, איך ווייס : אַ מענטש מוז נישט כסדר מיטגיין מיט דער צייט. אַן ערלעכער קינסטלער און אַפילו אַן ערלעכער געניסער מעג זיך דערלויבן אין אַ געוויסן עלטער צו זאָגן : עד כאן, און זאָל די יוגנט גיין ווייטער. לויט מיר איז אַ באַשטימטער קאָנסערוואַטיזם אין די פופ־ציקער יאָרן פונקט אַזוי נאַטירלעך ווי די רעוואָלוציאָנערע נאָוואַטאָריש־רישקייט אין די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן. מיינט איר נישט אַזוי ? נו, אָבער וויפל מען זאָל נישט אָנערקענען דעם דאַזיקן אמת איז פאָרט פּריקרע ווען מען דאַרף שוין פון אים אָנהייבן געניסן. און אין אונדזער פאַך איז דאָס ווי איר ווייסט, איבערהויפּט אַן אָנגעווייטיק־טער ענין. אין אונדזער באַרוף איז יוגנטלעכקייט דריי פערטל פון דער־פאָלג. יעדן אַקטיאָר איז שווער אַריבערצושפּאַנען די גרענעץ צווישן דרייסיק און פערציק און אין זיין באַוווסטזיין האַלט ער זיך אויף דער זייט גרענעץ אויך דעמאָלט ווען ער איז שוין נאָענט פון די פופציק. דערפאַר ווען עס קומט דער מאָמענט ווען ער דערזעט, אַז ער וועט מוזן מאַכן דעם פאַטאַלן גרענעץ־אַריבערשפּרייז ווערט אים שטאַרק קאַלאַ־מוטנע. כ׳האָב דעריבער חושד געווען אַז דאָס נישט תופס זיין דעם זין פון דער דאַזיקער סצענע איז פאַר מיר אַן אָנזאָג אַז דאָס האַלטן זיך אויף דער זייט פון דער גרענעץ פירט מיך אַריין אין דער קאַטעגאָריע וואָס איך האָב אַלעמאָל פיינט געהאַט צוליב איר אויסשטעלן זיך אויף לעכערלעכקייט.

יאָ, אַפּראָפּאָ דעם דאַזיקן פילם : זיי האָבן אים אָנגערופן „דיין פאַ־טערלאַנד איז אין האַרצן״. וואָס דאָס מיינט פאַרשטיי איך עד היום נישט. דער סצענאַריסט, דער רעזשיסער, דער דיאַלאָגן־שרייבער — אַלע זענען

זיי מענטשן פון דער „נייער כוואַליע". זיי זענען כסדר אַרויסגעטרעטן קעגן יעדן מין נאַציאָנאַליזם, האָבן רק געשיקט פײַלן אין עסטאַבליש־מענט, אין דער קאָנסום־געזעלשאַפט און פון דער אַנדערער זייט האָבן זיי גוזמאדיק איבערגעטריבן די מענטשלעכע איינזאַמקייט, דאָס שלעכטס, די פינצטערניש וואָס איז פאַראַן אין בן אדם. כ׳פאַרשטיי ווען מען ברענגט אַרויס דאָס שלעכטס אינעם מענטש, אין דער געזעלשאַפט ווייל מען וויל עס באַקעמפן, ווייל מען איז אויסן די זאַכן צו פאַרבעסערן. אָבער די לייט פון דעם פילם, פונקט ווי זייערע אַנדערע חברים פון דער „נייער כוואַ־ליע" טענהן אַז זיי זענען נישט קיין וועלט־פאַרזאָרגער. זיי גלייבן אויך נישט אַז מען זאָל די מענטשלעכע עקזיסטענץ קענען פאַרבעסערן... אין אויב אַזוי וואָסזשע טוט מען אויף מיטן אַנטפּלעקן די פינצטערקייט פון אונדזער זיין? מען קראַצט די וווּנדן ביז בלוט, כדי צו באַווייזן אַז זיי זענען אומהיילעוודיק?

אין דעם פילם האָט די הויפּט־ראָל געשפּילט די באַקאַנטע אַקטריסע עסטעללאַ פאַנסיני, די שיינע איטאַליענערקע, ווי מען רופט זי. אין דעם פילם קומט צו אַ קאָנפליקט צווישן מיר, איר פאָטער און איר, מיין טאָכטער. דער קאָנפליקט איז צוליב דעם וואָס איך וויל אַז זי זאָל צו־ריקפאָרן קיין פראַנקרייך נאָך דעם ווי איך וועל שטאַרבן (און מען וועט מיך לויט דער צוואה פאַרברענען) און זי טענהט, אַז איר פאָטערלאַנד איז אומעטום. מילא, די טענה איז אַ טענה. אָבער פאַרוואָס איז דער אָפּ־זאָג פון זיין טאָכטער צוריק צופאָרן קיין פראַנקרייך אַזאַ טראַגעדיע פאַר דעם ארכעאָלאָג וואָס האָט זיך געהייסן נאָכן טויט קרעמירן? וואָס איז דער שכל פון דער זאַך? ווי איז די באַרעכטיקונג פאַר איר? כ׳האָב גערעדט וועגן דעם מיטן רעזשיסער, געוואָלט ער זאָל מיר דעם ענין קלאָר מאַכן... זיין ענטפער איז געווען אַז איך פאַרשטיי נישט די נייע ריכטונגען אין דער קונסט... די צייט פון זוכן פּסיכאָלאָגישע באַרעכטי־קונגען אין די האַנדלונגען פון די העלדן, פון זוכן לאָגישע אַנטוויקלונ־גען אין די געשעענישן איז שוין, זאָגט ער, פאַרביי. די היינטיקע קונסט באַמיט זיך אַרויסצוברענגען דאָס פאַרקערטע: דאָס אומלאָגישע, דאָס אומבאַרעכטיקטע אין די מענטשלעכע האַנדלונגען... דאָס אַבסורדאַלע

אין די לעבנס־פּאַסירונגען... דאָס היינטיקע טעאַטער, דער היינטיקער פילם וויל שאָקירן דעם צושויער, אים אַרויסנעמען פון זיין גלייכגילטי־קייט, אים ווייזן אין שפּיגל פון אַבסורד זיין אומזיניק לעבן... עסטעללאַ פאַנסיני, וואָס האָט געשפּילט מיין טאָכטער אינעם פילם, האָט מיט דעם רעזשיסער מסכים געווען... זי האָט געשלונגען דעם רעזשיסערס ווער־טער מיט אַ שטראַלנדיקער באַגייסטערונג...

די עסטעללאַ — ווייס איך נישט צי איר ווייסט — איז אין פילם געווען מיין טאָכטער, אָבער אין לעבן זענען מיר שוין 10 יאָר געווען מאַן און ווייב. עס איז ביז צו דעם דאָזיקן פילם געווען צווישן אונדז אַ גוט לעבן, טראָץ דעם וואָס איך בין עלטער פון איר מיט גוטע 20 יאָר. דער אמת איז אַז זי איז זייער אַ טאַלאַנטירטע, אָבער אָן מיין הילף וואָלט זי פון דעסט וועגן נישט דערגאַנגען צו איר איצטיקן אָנגעזעענעם מעמד אין דער וועלט פון טעאַטער... אָ, איך מיין מיט דעם נישט צו זאָגן אַז זי איז מיר עפּעס שולדיק... ניין, ניין, מיר זענען פרייע מענטשן...

ווען דאָס דרייען דעם פילם האָט זיך פאַרענדיקט האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן זיך אָפּרוען. כ׳פּאָר אַלעמאָל אויף אָפּרו אין די בערג. דאָס מאָל האָט זיך מיר פאַרוואָלט פאָרן צום ים. ס׳איז טאַקע וואָס אָן אמת נאָך געווען צו פרי צו פאָרן צום ים, אָבער כ׳האָב זיך געטראַכט: דווקא דער־פאַר ווייל דער וואַקאַציע־סעזאָן ביים ים האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבן וועל איך פאָרן אַהין. כ׳וועל זיין אַליין, נישט געשטערט ווערן פון מענטשן און געניסן פון איינזאַמקייט. פאַראַן דאָ אַ שטעטל ביים ים וואָס איז אין אַ זייט פון דעם ברייטן טוריסטן־וועג. כ׳בין דאָרט געווען מיט עטלעכע יאָר צוריק. אָבער דעמאָלט בין איך געווען אין סאַמע הויך־סעזאָן פון די וואַקאַציעס. ס׳איז געווען צו רוישיק, צו טומלדיק. איצט, האָב איך מיר געטראַכט, איידער דער וואַקאַציע־סעזאָן הייבט זיך אָן, וועט דאָרט זיין זייער גוט. און כ׳בין געפאָרן.

כ׳האָב געמיינט, אַז ווען איך וועל קומען אין דעם ים־שטעטל אַ שטיק צייט פאַרן זומער־סעזאָן, וועל איך מיר קענען אויסקלויבן וועלכן האָטעל איך וועל נאָר וועלן. נאָר דאָס איז געווען אַ טעות. די האָטעלן זענען נאָך געווען געשלאָסן און זיי האָבן נישט געטראַכט זיך

צו עפענען צוליב איין גאַסט. קוים מיט צרות האָב איך געפונען אַ האָ־טעל. נישט קיין געהויבענעם, פאַרשטייט זיך. די באַלעבאָסטע פון האָטעל האָט מיט מיר אויסגענומען, אַז כ׳וועל עסן ביי איר טיש, צוזאַמען מיט איר גאַנצער משפחה. ס׳איז נאָך צו פרי, האָט זי מיר דערקלערט, צו דינגען די באַדינערינס. יאָ, און אויך דאָס עסן וועט, נאַטירלעך, זיין אַ היימישס, דאָס זעלביקע וואָס מען קאָכט פאַר דער פאַמיליע. כ׳האָב גע־מוזט איינגיין.

דעם ערשטן טאָג, מיד פון דער רייזע, פון אַרום לויפן זוכן אַ האָטעל, בין איך געגאַנגען פרי שלאָפן. די באַלעבאָסטע האָט מיך אַרויפגעפירט אויפן ערשטן גאָרן. פון די צימערן מיט די אָפענע טירן האָט געיאָגט אַן אומהיימלעכקייט. אין די קאָרידאָרן זענען געשטאַנען עמערס פאַרב, קאַלך, ס׳זענען געלעגן ציגל און אַנדערע בוי־מאַטעריאַלן. דאָס האָט מען, זעט אויס, געהאַלטן אין מיטן רעמאָנטירן דעם האָטעל פאַרן אָנהייב פון סעזאָן. מען האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ צימער וואָס איז שוין גע־ווען אויסרעמאָנטירט און עס זענען דאָרט געלעגן אַ סך קישנס, קאָל־דרעס און אַנדערע זאַכן. די באַלעבאָסטע האָט צוגעזאָגט אין אַ צוויי־טעג אַרום די אַלע זאַכן אַרויסצונעמען. אין סעזאָן, האָט זי געזאָגט, איז ביי מיר יעדעס צימער ווי אַ קעסטל באַמבאָנעס. אָבער איצט... איר פאַר־שטייט... דער טוריזם האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבן און מיר האָבן זיך נישט געריכט אויף קיין געסט.

די ספּעציפישקייט פון ערב־סעזאָן אין דעם זומער־שטעטל ביים ים האָב איך נאָך שטאַרקער דערפילט צו מאָרגנס ווען איך בין אַרויס אין גאַס. כ׳בין דאָ געווען אין דעם שטעטל מיט עטלעכע יאָר צוריק אין מיטן וואַקאַציע־צייט. דעמאָלט זענען דאָ געווען חמרים מענטשן. די גאַסן, די האָטעלן, די רעסטאָראַנען און די קאַפעען זענען געווען איבערגעפולט און געפאַקט. ווי וווּיל דער ים־ברעג איז דאָ אַ רחבותדיקער האָט מען, געדענק איך, אויף דער פּלאַזשע געמוזט שפרייזן איבער האַלב־נאַקעטע לייבער און אַז מען האָט געוואָלט גיין אין שאָטן זענען אומעטום געזעסן, געלעגן און געשטאַנען גאַנצע געזעמלען. אין דער געזאַלצנקייט פון דער לופט האָט דאַן געשמעקט מיט קאָסמעטיק און מיט אָסאַדע. אונטער די

טריט האָבן זיך געוואַלגערט בלעכענע דעקלעך פון קאַקאַ־קאָלאַ־פלעש־לעך. טראַנסיסטאָרן האָבן געהילכט און זיך איבערגעשריגן איינער דעם אַנדערן. מיידלעך אין קורצע און אין דריי פערטלדיקע הויזן האָבן גע־כיכיקעט, געקוויטשעט, געמאַכט שנעבעלעך און געוואָרפן אייגלעך. ייִנגלעך אין גרויסע, נייע ספּעציעל אויפגענייטע שטיוול זענען געפאָרן, רייטנדיק אויף פערד. אַלטע ווייבער האָבן געטראָגן משונה גרויסע שטרוי־ענע הוטן. קינדער האָבן געליאַרעמט, געוויינט, געקייט און געגראָבן גריבלעך אין זאַמד. מענער זענען אַרומגעגאַנגען אין באָד־הייזלעך, טייל מיט ברוין־ גלאַנציקע אויסגעשמירטע לייבער און אַנדערע מיט דאַרע פּלייצעס, מיט איינגעפאַלענע ברוסטן, מיט אויפגעלאָפענע בייכער. ס׳האָט געראַיעט ווי אין אַ פאַרביקן מוראַשניק. ס׳איז געשטאַנען אַ רעש ווי אין אַ דולהויז. ס׳האָט געשמעקט מיט פאַרפומען און מיט שווייס. ס׳איז אויפגעגאַנגען אַ געשריי פון צעפאַרעטן לייב וואָס האָט געזאָטן אין דעם אָנגעהייצטן קעסל פון תאוות.

איצט איז דאָ געווען שטיל, שטיל. די האָטעלן — ליידיק. די גע־שעפטן, רעסטאָראַנען און קאַפעען — געשלאָסן. די עטלעכע גאַסן האָבן געגליווערט אין עפּעס אַ מין הינערפלעט. דער ים־ברעג איז געווען פּוסט. דער הימל איז געווען בלוי. די זון האָט געשיינט. דיביימער האָבן גע־גרינט און דער ים האָט געשטורעמט און אַלע ווייל געביטן זיין מראה. אַלץ איז דאַכט זיך געווען אויף אַן אָרט. אַלץ איז געווען גרייט: די מעשי בראשית און די מעשי ידי אדם. און דאָך האָט עפּעס געפעלט. די בינע איז געווען גרייט. די דעקאָראַציעס — אויפגעשטעלט. די רעפלעק־טאָרן — אָנגעצונדן. אָבער ס׳האָט געפעלט דאָס פּובליקום. עס איז נאָך נישט געווען פאַר וועמען צו שפּילן. איר זייט אַמאָל געווען אין אַ טע־אַטער־זאַל, אַ האַלבע שעה איידער דער עולם קומט זיך צענויף? אַנט־שולדיקט, האָט איר אַמאָל געהערט פון דעם ווערטל, אַז דאָס פּובליקום מאַכט די פאָרשטעלונג?

נו, אָבער איך בין דאָך דאָ אַהער געקומען זיך אָפּרוען. אָפּרוען די נערוון. און וווּ קען מען נאָך בעסער אָפּרוען די נערוון ווי אין איינזאַמ־קייט? מענטשן, טומל, רעש — דאָס אַלץ האָב איך גענוג אין שטאָט, ביי

דער אַרבעט. דאָ וועל איך אויף אַ רעכטן אמת זיך קענען מתיחד זיין מיט דער נאַטור, פּראַוועןּ, ווי מען זאָגט, התבודדות. נישט טראַכטן, נישט קלערן, נישט בלענדן די אויגן אין פּראָזשעקטאָרן־ליכט, נישט שמירן דאָס פּנים מיט קיין שמינק. נישט נאָכריידן קיין פרעמדע רייד. נישט אַריינקריכן מיטן גאַנצן לייב און לעבן אין אַ פרעמדער הויט. דאָ וועל איך קענען זיין איך אַליין... אַליין, אַליין, אַ פאַרגעסענער, אַ פאַרלוירענער אין אַן איינגעדרימלט פּוסט זומער־שטעטל.

נאָך די ערשטע זעכצן שעה פאַרברענגען אין שטעטל האָב איך אָבער אָנגעהויבן איינזען, אַז כ׳האָב געמאַכט אַ טעות. כ׳האָב אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז ערטער וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן אויף רעש, אויף טומל, אויף מענטשן־געדראַנג און אויף אימפּעטיקן לעבנס־ריטם, זענען נישט קיין מקומות וווּ מען קען רוען, אפילו דעמאָלט ווען ס׳איז אין זיי רויִק און שטיל. עפּעס דאַכט זיך כסדר אויס, אַז די שטילקייט דאָ, אַז די רויִקייט דאָ איז נישט קיין נאַטירלעכע און אומנאַטירלעכקייט שרעקט און רופט אַרויס כלעריי אומהיימלעכע מחשבות. ס׳איז, ווי זאָל איך אייך זאָגן? ס׳איז פּונקט ווי מען וואָלט אויף אַ גרויסער צירק־בינע געשפּילט אַ קאַמעראַלע פאַרשטעלונג. אַנטשולדיקט. איך רייד צו אייך מיט ביישפּילן פון טעאַטער. נו יאָ, מיט וואָס איינער האַנדלט... אָבער איך מיין אַז איר פאַרשטייט מיך. די שטילקייט אין אַזאַ אָרט, די געדעמפּטקייט, דער פאַרשלאָפענער ריטם איז עפּעס שלא כדרך הטבע און נישט נאַטירלעכע שטילקייט רעגט מער אויף דעם מענטש ווי דער גרעסטער רויש, ווי דער גרעסטער האַרמידער, ווי דאָס גרעסטע געשריי.

מיט אַמאָל האָט זיך מיר פאַרבענקט נאָך געזעלשאַפט, נאָך מענטשן. ס׳האָט זיך מיר פאַרוואָלט לייענען אַ צייטונג. כ׳האָב גענומען דרייען דעם קליינעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט וואָס איך האָב מיטגענומען, אָבער מעשה שטן האָב איך נישט געקענט אָנטרעפן אויף קיין ריכטיקער סטאַציע. די קלאַנגען האָבן זיך דערטראָגן מיט אַ גרילץ, מיט אַ פייף, מיט אַ זשומעניש. כ׳האָב ערשט געהאַט אָפּגעגעסן מיטיק און איך האָב זיך דערפילט הונגעריק. אין גערדאַנק האָב איך שוין גענומען ציילן די שעהן ביז וועטשערע. כ׳בין אַוועק וואַנדערן איבער דער הויפּט־גאַס, אָבער

זי איז געווען פוסט און מען האָט נישט געזען קיין לעבעדיקן מענטש. כ׳האָב דערזען אַן אָפּן געוועלבל מיט קינדערישע שפּילצייג און כ׳האָב זיך זייער דערפרייט. אָבער כ׳בין נישט אַריין אין געוועלבל ווייל כ׳האָב נישט געוווסט וואָס צו קויפן. ס׳איז אָנגעקומען אַ ווינט און ס׳איז מיר געוואָרן קאַלט, אָבער ווען כ׳האָב אָנגעטאָן דעם סוועטער וואָס כ׳האָב מיט זיך מיטגענומען איז מיר געוואָרן צו הייס. כ׳האָב געקוקט אויף דעם זייגערל און מיט שטוינונג דערזען, אַז דער גאַנצער שפּאַציר האָט ביי מיר פאַרנומען קוים אַ האַלבע שעה. ניין, לא טוב לאדם להיות לבדו. דערהויפּט אין אַ זומער שטעטל וואָס איז משׁשת ימי בראשית באַשאַפן געוואָרן דערויף ס׳זאָלן זיך דערין ווידמען מאַסן־מענטשן...

ס׳איז שוין געווען פאַרנאַכט ווען כ׳בין אַוועק צום ים. די פּלאַזשע איז געווען ליידיק און פוסט. ווייט ווייט האָט זיך געצויגן דער גרויסער ים־ברעג דאָס זאַמד איז געווען קאַלט און נאַסלעך. דער ים האָט גערוישט מיט אַן אומהיימלעך גערויש. ער האָט געקאָכט פון כעס און זיך גע־שוימט מיט ווייסע כוואַליעס. אויפן ים־ברעג זענען געלעגן גרויסע טויטע פיש, האַלב־צעפוילטע. עס האָט אויסגעזען ווי איך וואָלט געקומען ערגעץ צו גאַסט פאַר דער צייט, איידער די שטוב איז נאָך צוגערוימט און צוגעגרייט געוואָרן אויפצונעמען די געסט.

כ׳האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין און גענומען קוקן אויפן ים. אָבער ווי לאַנג קען מען קוקן אויף אַ ים, וואָס איז ברוינלעך־גרוי און וואַרפט זיך אין קדחת מיט אַ מעכטיקער איינטאָניקייט?

כ׳בין אַוועק לענגאויס דעם ברעג און גאָט האָט מיר געהאָלפן. איך האָב געפונען אַ שטיקל אַטראַקציע: אַ מאַן איז געשטאַנען און גע־כאַפּט פיש. איך הער אַ סך מאָל, אַז פישפאַנג באַרויִקט די נערוון. אפשר. אפשר. מיר גופא האָט יענעמס פישפאַנג נישט געבראַכט קיין נערוון־באַרויִקונג. יעדעס מאָל ווען ער האָט אַ הייב געטאָן מיט אַ רונדיקער באַוועגונג די ווענדקע פון וואַסער, האָב איך אויפגעצאַפּלט, אַזוי ווי עס וואָלט זיך געדאַרפט צאַפּלען אויף דער ווענדקע דער געכאַפּטער פיש. אָבער דער פיש האָט זיך נישט געלאָזט כאַפּן. דער האָטשיק פון דער ווענדקע האָט זילבערדיק אַ בלענד געטאָן אין דער שקיעה און איז

ווידער פאַרשווונדן אין וואַסער. נאָך דעם ווי דער פיש־פאַנגער האָט אַ צען מאָל אַרויסגעצויגן זיין כאַפּ־געצייג פון ים און עס יעדעס מאָל צוריק אַריינגעלאָזט אין וואַסער אויף אולי ירחם, האָב איך אָנגעהויבן ווערן שטאַרק אויפגערעגט, ממש אין כעס אויף אָט דער טעמפּער בריאה וואָס האָט זיך דאָ אַוועקגעשטעלט אויף שעהן־לאַנג מיט דער אילוזיע צו כאַפּן אַ פישל, וואָס מען קען עס קויפן פאַר 50 סענט. עס איז מיר געוואָרן נמאס צו זיין אַן עדות פון אָט דעם (פאַר מיר) לאַנגווייליקן אילוזיע־שפּיל און כ׳בין אַוועק פון דעם פיש־פאַנגער. כ׳האָב דערזען עפּעס אַזוינס ווי אַ דיקע גרויע טויב וואָס איז געשטאַנען אויפן זאַמד אויף דער סאַמע גרענעץ פון דעם גרייכנדיקן כוואַליע־צופלוס. מיטאַמאָל האָט זיך די טויב אַ הייב געטאָן און לויט דעם ווי אירע פליגל האָבן געשוירן די לופט האָב איך דערקענט, אַז דאָס איז אַ מעווע. בלית ברירה בין איך צוריק געגאַנגען צום פיש־פאַנגער און זיך געשטעלט פון דער ווייטנס. ווי ס׳זאָל נישט זיין איז ער פאָרט אַ מענטש מיט וועלכן מען קען בשעת הדחק אויסרעדן אַ וואָרט.

דעם פיש־פאַנגער האָט אָפּגעגליקט. ער האָט געפאַנגען אַ קליין פישל. עס האָט געצאַפּלט אין די רויטע קרומע שטראַלן פון זון־פאַר־גאַנג. ער האָט עס אַריינגעלייגט אין אַ כלי וואָס ער האָט דאָרט געהאַט שטיין און האָט ווידער פאַרוואָרפן די ווענדקע. מיטאַמאָל האָט אַ שוועב געטאָן איבער זיין קאָפּ די מעווע און איידער איך האָב נאָך באַוויזן אויפצומאַכן דאָס מויל, איז זי געגעבן אַ פאַל אַראָפּ און אַ הייב זיך צוריק אין דער הויך. אין איר שנאָבל האָט זי געהאַלטן דאָס געפאַנגענע פישל מיט וועלכן זי איז געפלויגן העט ווייט אין ים אַריין, שערנדיק גראַציעז מיט די פליגל די פאַרנאַכטיקע לופט.

דער פיש־פאַנגער האָט די מעווע־גזילה אפילו נישט באַמערקט, אַזוי פאַרטיפט איז ער געווען אין זיין מלאכה. כ׳האָב זיך גענומען אויסמשלען זיין פאַרוווּנדערונג בעת ער וועט, שפּעטער, דערזען, אַז דאָס פישל איז נישטאָ. מאַלע וואָס אים קען נאָך איינפאַלן? ער קען נאָך קלערן, אַז דאָס האָב איך אים צוגענומען זיין פאַנג? כ׳האָב גענומען צוריקגיין אין שטעטל.

דער אָונט האָט געגומען צופאַלן. די פלאַזשע איז געווען וויסט און לער. פון ים האָט געבלאָזן אַן אומהיימלעכער ווינט. ס׳איז בכלל געווען אומהיימלעך. כ׳האָב אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, כדי צו זען, צי ער איז אויסגעשטערנט און איך בין שיער נישט אַרויף אויף אַ הונט, וואָס איז געלעגן אויפן נאַסלעכע קאַלטן זאַמד און געקוקט אין דער ווייטקייט, צום ים. כ׳האָב זיך דערשראָקן און בין אָפּגעשפּרונגען מיט אַן אָכץ, אָבער דער הונט איז געבליבן ליגן רויִק און האָט זיך אַפילו אויף מיר נישט אומגעקוקט. מיט דער שמאָלער מאָרדע אויף די פאָדערשטע לאַפּעס האָט ער אָנגעשטרענגט געקוקט צום ים, ווי ער וואָלט דערוואַרט אַז עמיצער זאָל פון דאָרט אָנקומען. מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרץ האָב איך געשפּרייזט צום שטעטל און הינטער מיינע פּלייצעס האָט דער ים געווילדעוועט, געשריגן מיט באַנומענע קולות, מיך נאָכגעיאָגט און געוואָלט איינשלינגען. ערשט ווען איך בין שוין געווען אין שטעטל האָב איך גענומען טראַכטן וועגן דעם מאָדנעם הונט, וואָס איז געלעגן אויפן זאַמד און אפילו נישט אויפגעהויבן זיין קול כדי אויף מיר אַ ביל צו טאָן בעת איך בין שיער אויף אים אַרויף.

וואָלט איך געווען אָבערגלויבעריש וואָלט איך זיכער געזאָגט, אַז ס׳איז נישט געווען קיין הונט, נאָר עפּעס אַ ים־שד, אָדער אַן אַנדער געשפּענסט. אַזוי ווי איך גלייב נישט אין קיין שדים און געשפּענסטער האָב איך מיר גענומען אויסמאָלן אין דער פאַנטאַזיע אַ געשיכטע וועגן אַ מענטש וואָס איז אַוועק אין ים מיט אַ שיפל און איז מער נישט צוריקגעקומען. זיין גוף איז שוין לאַנג צעפרעסן פון די ים פיש, אָבער דער געטרייער הונט זיינער, וואַרט נאָך אַלץ אויף אים, וואַרט נאָך אַלץ, אַז ער זאָל זיך צוריק באַווייזן... און כאָטש איך האָב גוט געוווסט, אַז דאָס אַלץ איז נישט מער ווי אַ פאַנטאַזיע, אַ שפּיל פון מיינע רעיונות, האָט עס מיר דאָך אויסגעזען צו זיין אַזוי וואָר, אַז איך האָב גענומען פיבערן אין גרויל פון דער אויסגעטראַכטער טראַגעדיע און ביים אָונט־ברויט האָב איך שוין נישט געהאַט קיין חשק, נישט בלויז צום עסן, נאָר אויך צו דעם גאַנצן ווייטערדיקן אָפּרו מיינעם אין דעם זומערדיקן שטעטל ביים ברעג פון ים.

איך האָב באַשלאָסן מאָרגן אַ היים צו פֿאָרן.

כאָטש געלייגט האָב איך זיך פֿרי בין איך אָבער איינגעשלאָפֿן זייער שפּעט. כ׳האָב זיך אַ גאַנצע נאַכט געדרייט אויפֿן געלעגער, זיך גע־וואָרפֿן פֿון איין זייט אויף דער אַנדערער. אויסטערלישע געדאַנקען זע־נען מיר געקומען אין קאָפּ אַריין און אין האַלבן דרימל האָבן זיך אָט די געדאַנקען פֿאַרוואַנדלט אין משונהדיקע בילדער. כ׳האָב אָט איינגע־דרימלט און אָט זיך ראַפּטום איבערגעוועקט, געווען זיכער אַז איך בין אָפּגעשלאָפֿן מי יודע ווי לאַנג. אָבער ווען כ׳האָב אַ קוק געטאָן אויפֿן זייגערל מיטן פֿאָספֿאָריזירטן ציפֿערבלאַט האָב איך מיט שטוינונג דערזען אַז דער גאַנצער דרימל מיט דעם משונהדיקן חלום האָט געדויערט נישט מער ווי צען מינוט.

לסוף בין איך איינגעשלאָפֿן און זיך אויפֿגעכאַפּט ווען דער זייגער האָט שוין געוויזן עלף אין דער פֿרי. דאָס אָנבייסן האָב איך שוין סיי ווי געהאַט פֿאַרשפּעטיקט. די באַלעבאָסטע פֿון האָטעל האָט שוין געגרייט דאָס מיטיק און זי האָט מיר געטאָן די גרעסטע טובה ווען זי האָט מיר דערלאַנגט אַ גלאָז לעבלעכע טיי וואָס האָט געשמעקט מיטן ריח פֿון פֿיש.

כ׳בין אַראָפּ אין גאַס און זיך דערוווּסט אַז דער אויטאָבוס קיין בוענאָס איירעס איז שוין אַוועק און אַ צווייטער וועט ערשט זיין איבער־מאָרגן. כ׳בין ממש געווען פֿאַרצווייפֿלט. ס׳האָט זיך מיר געוואָלט וויינען. כ׳בין געווען אַזוי אויפֿגערודערט אַז כ׳האָב אָנגעהויבן רעדן צו זיך אַליין. דערנאָך האָב איך זיך אַ ביסל באַרויִקט און האָב זיך אַליין גענומען זאָגן מוסר : וואָס טוט זיך עס מיט מיר ? וואָס בין איך עס אַזוי היסטעריש ? נישט שוין זשע איז כדאי צו מאַכן אַזאַ טראַגעדיע פֿון בלייבן נאָך צוויי טעג אַליין אין דעם דאָזיקן לאַנגווייליקן ים־שטעטל ?

אָ, איך האָב אייך געוויס שוין פֿאַרמאַטערט מיט מיין געשיכטע. זאָגט נישט ניין. באמת איך בין מסתמא אומדערטרעגלעך. אָבער אייך באַוווּנדער איך... יאָ, איך באַוווּנדער אייך. איר זייט אַ ווונדערבאַרער הערער. איך זע אויף אייער פּנים אַז איר זייט אפֿילו פֿאַראינטערעסירט אין מיין דערציילונג און דאָס ווירקט אויף מיר אויסערגעוויינלעך. נו, איך וועל נעמען נאָך אַ קאַוועלע. יאָ, און נאָך אַ קאָניאַק אויך. באמת,

איר זייט זיכער אַז איר ווילט נישט טרינקען קיין קאָניאַק ?

מיט אַמאָל האָב איך זיך דערמאַנט אַז איך האָב אין דעם דאָזיקן שטעטל אַ באַקאַנטן מיט וועלכן איך האָב אגב זייער גוט פאַרבראַכט ווען איך בין דאָ געווען מיט עטלעכע יאָר צוריק. דער דאָזיקער באַקאַנ־טער מיינער איז געווען אַ ייד פון פוילן. ער האָט, דאַכט זיך, געשטאַמט פון קוטנער געגנט, צי פון דער סקערניעוויצער געגנט. איך האָב אים באַקענט אין בוענאָס איירעס ווו ער האָט צופריער געוווינט און ווו ער איז געווען אַ גאַנצער כל ולך אין דער אַנאַרכיסטישער ביבליאָטעק אין וועלכער איך האָב גענומען ביכער. יאָ, דעם דאָזיקן באַקאַנטן האָב איך געקענט נאָך פון בוענאָס איירעס, פון יענע יאָרן ווען מיר ביידע זענען יונג געווען און ביידע האָבן מיר געוואָלט, נישט אַנדערש, נאָר איבער־קערן די וועלט ; ער — מיט אַנאַרכיזם און אַטעאיזם און איך — מיט טעאַטער־קונסט. דערנאָך איז ער קראַנק געוואָרן אויף עפעס אַ מאָד־נער מיסטעריעזער קרענק און די דאָקטוירים האָבן אים געזאָגט אַז די איינציקע הילף פאַר אים איז ריינע ים־לופט. אַזוי אַרום איז ער מגולגל געוואָרן דאָ אין אָט דעם ים־שטעטל ווו ער האָט זיך פאַרנומען מיט היי־מישער שניידעריי, ס'הייסט : מיט פאַריכטן אַלטע מלבושים. ער האָט זיך אויך אויסגעלערנט אַליין מאכן די איינשפריצונגען וואָס דאָקטוירים האָבן אים פאַרשריבן און אַזוי האָט ער זיך איינגעלעבט אין דעם שטעטל און ווי ער האָט מיר אַמאָל געהאַט געזאָגט, האָט ער לחלוטין נישט גע־בענקט נאָך דער גרויסער שטאָט, נאָך דעם רעש און אפילו נישט נאָך די אַנאַרכיסטישע חברים זיינע.

זישע גראָסמאַן — אַזוי האָט מען אים גערופן דעם דאָזיקן באַקאַנטן מיינעם — האָט שפעטער חתונה געהאַט. ס'רעדט זיך אַזוי : „חתונה געהאַט". ער איז דאָ זיך צוזאַמען געגאַנגען מיט אַ מיידל פון אינדיאַנישן אָפּשטאַם. ווען איך בין ביי אים געווען מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבן זיי שוין געוווינט צוזאַמען. זיי זענען ביידע געווען זייער צופרידן. דאָס וואָס ער איז געווען אַ פוילישער ייד און זי אַן אינדיאַנערין פון פּאַראַ־גוויי האָט זיי לחלוטין נישט געשטערט. פון רעליגיע האָבן זיי ביידע נישט געהאַלטן. קיין קינדער האָבן זיי נישט געהאַט. חוץ לזה : קיין

געזעלשאַפט האָבן זיי נישט געדאַרפט. זיי זענען גוט אויסגעקומען מיט זיך אַליין. אַבי זיין געזונט איז נאָר געווען מער־ווייניקער אין אָרדענונג, איז זיי געווען וווּיל און גוט.

פאַרשטייט זיך אַז ווי נאָר איך האָב זיך דערמאָנט אין דעם דאָזיקן זישע גראָסמאַנען האָב איך באַשלאָסן תיכף צו גיין צו אים. כ׳האָב זיך אפילו געוווּנדערט אויף זיך אַליין: ווי אַזוי האָב איך עס געקענט אין אים פאַרגעסן? אפנים אַז אין אַלעם איז שולדיק מיין צערודערונג, מיין דערשעפּטקייט, מיינע איבערלעבונגען אין די לעצטע עטלעכע וואָכן.

איך האָב זיך געלאָזט גיין צו זישע גראָסמאַנען און ס׳האָט נישט געדויערט קיין פירטל שעה ווי איך בין אַריין צו אים אין שטוב.

נאָר דאָ, מיין פריינד, יאָ, דערלויבט מיר אייך אַזוי צו רופן, דאָ מוז איך מאַכן אַ פּויזע, ווייל דאָס וואָס איך וויל אייך ווייטער דערציילן זעט אויך מיר אַליין אויס זייער מאָדנע. פּשוט נישט צו גלויבן...

באמת, כ׳האָב שוין פיל מאָל געטראַכט וועגן דעם אַז גאָר, גאָר אָפט שטויסן מיר זיך אָן אויף פּאַסירונגען אין לעבן וואָס ווען עמיצער זאָל זיי באַשרייבן וואָלט מען געזאָגט אַז דאָס איז שונד... מעלאָדראַמע... שמאַלץ... טשעקאַווע: אַ סך מאָל זעט מען לאַנדשאַפטן, וואָס ווען אַ מאָלער זאָל זיי אויפמאָלן וואָלט מען געזאָגט אַז דאָס איז קיטש... ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? זאָל דער וועלט־מייסטער זיין אַ מאָלער פון קיטשיקע בילדער? זאָל דאָס לעבן שפּילן שונד? נו, אָבער פון דער אַנדערער זייט, ווען דאָס קאָפּירן דאָס לעבן, אָדער די נאַטור זאָל זיין אַ סגולה צו קונסט, וואָלט אַ סטענאָגראַפישער באַ־ריכט פון אַ געריכט־פאַרהאַנדלונג געווען דאָס גרעסטע קונסט־ווערק. מסתמא האָט איר שוין אויך אַ סך מאָל געטראַכט וועגן די דאָזיקע ענינים, נישט וואָר? כ׳ווייס אַז נישט יעדער אמת אין לעבן איז אמת אויך אין דער קונסט. די קונסט האָט זיך אירע אייגענע געזעצן און אירע אייגענע אמתן... אָבער דאָס וואָס מען זאָגט „מעלאָדראַמע״, „שמאַלץ״ — דאָס איז פאָרט אַן ענין מיט וועלכן מען דאַרף זיין זייער פאָרזיכטיק... די סצענע צווישן אליאשא און דעם יינגל וועמענס פאָטער זיין ברודער האָט געשלאָגן — איר דערמאָנט זיך די סצענע אין דאָסטאָיעווסקיס „ברידער

קאַראַמאַזאָוו״ — איז אויב איר ווילט אויך מעלאָדראַמע, און פון דעסט־וועגן... די דערציילונג פון טשעכאָוון וועגן דעם יינגל וואָס שרייבט אַ בריוו צום זיידן אין דאָרף, אָדער די דערציילונג וועגן איזוואָשטשיק וואָס זיין זון איז אים געשטאָרבן און ער דערציילט עס דער פריילעכער חברותא אויף זיין דאָראָזשקע, איז אויך פול מיט רחמנות־שמאלץ און דאָך...

כ׳האָב זיך שוין ווידער פאַרפלאָנטערט און אפשר אין גאַנצן זיך אַראָפּגעשלאָגן פון וועג. הכלל, איך בין געקומען אין שטוב פון זישע גראָסמאַן אַקוראַט אין דער מינוט ווען ער האָט געהאַלטן ביים פאַרמאַכן די אויגן אויף אייביק. כ׳האָב אין שטוב געטראָפן דעם דאָקטאָר וועלכער האָט אים נאָך געפּרוּווט ראַטעווען, אָבער ס׳איז געווען צו זען אַז די מי איז אומזיסט... לכתחילה האָט מיך זישע גראָסמאַן נישט דערקענט (אויך איך האָב אים נישט דערקענט) אָבער שפּעטער האָט זיך געמאַכט אַ מינוט ווען ס׳האָט זיך אונדז אַלע געדאַכט אַז ס׳איז אים אַ ביסל בעסער געוואָרן. דער פייף פון זיינע לונגען איז שטילער געוואָרן און דער אָטעם — לייכטער. אין דער מינוט האָט ער מיך דערקענט און ער האָט מיט אַ באַוועגונג פון קאָפּ געוויזן אַז איך זאָל צו אים צוגיין נענטער, נענ־טער. לסוף האָב איך זיך אַראָפּגעבויגן גאַנץ נאָענט צו זיין פּנים און איך האָב פאַרנומען ווי זיינע בלויע ליפּן פליסטערן:

— נעמט מיך קיין בוענאָס איירעס... צו קבר ישראל...

אין אַ מינוט שפּעטער איז ער שוין געווען טויט.

ווען דער דאָקטער האָט צוגעדעקט זיין פּנים מיטן ליילעך האָט אינעס, זישעס פרוי, זיך צעוויינט. זי האָט געוויינט אָן טרערן און דאָס געוויין איז געווען ווי אַ ווייט געוואָי פון אַ געשלאָגענעם הונט. נאָכן אָפּוויינען אַ צען מינוט איז זי שטיל געבליבן און בלויז פון צייט צו צייט האָט זיך דערהערט אַ שלוכץ ביי וועלכן איר גאַנצער גוף האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. צום סוף האָט אויך דאָס שלוכצן אירס אויפגעהערט און מיר זענען אַלע דריי אַריין אין דער אַנדערער שטוב, איבערלאָזנדיק דעם בר מנן אַ פאַרדעקטן מיטן ליילעך אויפן בעט אויף וועלכן ער האָט אומגעקערט, ווי מען זאָגט, צו גאָט זיין נשמה.

אינעס האָט געמאַכט פאַר מיר מיטן דאָקטער אַ שטאַרקע שוואַרצע קאַווע וואָס מיר האָבן געטרונקען, ווי דער היגער שטייגער איז, אין קליינע טעפּעלעך. לסוף האָט זי זיך אַליין אויך גענומען אַ קאַפּע און האָט זיך געזעצט אַנטקעגן דעם דאָקטער. איך האָב געזען ווי זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. און אין דער מינוט איז מיר איינגעפאַלן אַ רעיון וואָס איך האָב זיך באַמיט אים צו פאַרטרייבן, כאָטש איך האָב מיט עפּעס אַ זעקסטן חוש געוווּסט אַז ער איז אמת... צווישן אינעסן און דעם דאָזיקן דאָקטער איז עפּעס פאַרגעקומען... עפּעס וואָס זישע גראָס־מאַן האָט ביי זיין לעבן נישט געוווּסט.

אין דער דאָזיקער רגע איז מיר אויך דורך אין קאָפּ אַ געדאַנק וועגן עסטעללאַן... אויך צווישן איר און דעם רעזשיסער פון פילם איז עפּעס פאַרגעקומען און איך האָב דערפון נישט געוווּסט. איך האָב זיך עס דער־וווּסט ערשט דעמאָלט ווען זי האָט מיר שוין געזאָגט אַז זי פאַרלאָזט מיך און פאָרט אַוועק מיטן רעזשיסער קיין מעקסיקע.

כדי מיר אַליין איבערצושלאָגן די געדאַנקען האָב איך זיך אָפּגערופן:

— דער גאָטזעליקער האָט מיר אַ מינוט פאַרן טויט געזאָגט אַז ער וויל מען זאָל אים באַגראָבן אויפן יידישן בית עלמין אין בוענאָס איירעס.

ס׳איז פאַר זיי ביידן נישט געווען קיין נייעס. די לעצטע צייט האָט זישע זייער אָפט גערעדט דערוועגן און האָט אפילו געשריבן צו איינעם פון זיינע אַמאָליקע חברים אין בוענאָס איירעס, וועלכער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך מיט דעם פאַרנעמען. אינעס האָט מיר דערציילט אַז זייט צוויי יאָר ווען זיין קרענק האָט זיך פאַרערגערט איז זישע געוואָרן אַן אַנדער מענטש. ער איז פריער געווען אַ פריידענקער, נישט געגלייבט אין גאָט, נישט געגאַנגען אין קיין שול, געהאַלטן אַז די גאַנצע מעשה מיט גאָט, מיטן גיהנום און גן עדן האָבן אויסגעטראַכט די גלחים און די רבנים כדי צו פאַרפינצטערן די מוחות פון פאָלק. אָבער אין די לעצטע צוויי יאָר האָט ער זיך זייער געביטן. ער האָט גענומען רעדן וועגן זיינע קרובים וואָס מען האָט ערגעץ ווו אין פוילן געהרגעט כאָטש זיי זענען געווען פריי פון יעדער שולד. ער האָט אין באַשטימטע טעג אין יאָר גענומען צינדן ליכט אין זייער אָנדענק. אָפטמאָל האָט ער צו איר, אי־

נעסן, גענומען רעדן יידיש. דער עיקר — ער האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין אַ געדאַנק, אַז מען זאָל אים באַגראָבן ווען ער וועט שטאַרבן, אויפן יידישן סעמענטעריאָ אין בוענאָס איירעס. זי, אינעס, האָט עס אים צוגעזאָגט, כאָטש זי האָט עס נישט פאַרשטאַנען. ער אַליין, האָט זי גע־טענהט מיט אַ געוויסן פאַרוואורף און פאַרדרוס, האָט מיך געלערנט אַז ס׳איז נישטאָ קיין אונטערשיד צווישן מענטש און מענטש... אָבער אַז ער האָט עס פון איר פאַרלאַנגט, האָט זי עס אים צוגעזאָגט און זי וועט איר צוזאָג האַלטן.

באַלד איז זי אַרויס פון שטוב, איז אַריבער אין דער פּאָסט־אָפּטיי־לונג כדי צו טעלעפאָנירן צו זישעס פריינד אין בוענאָס איירעס, אַז ער זאָל דערליידיקן אין דער חברה קדישא די פאָרמאַליטעטן פון דער קבורה און דאָס אַריבערפירן דעם טויטן אין דער דאָזיקער וויטער שטאָט.

ווען זי איז צוריקגעקומען איז דער דאָקטער אַוועק דערליידיקן די אַנדערע פאָרמאַליטעטן אין שייכות מיטן אַריבערפירן דעם טויטן קערפּער קיין בוענאָס איירעס. ווערדליך זיין פאַראינטערעסירטקייט אין די דאָזיקע ענינים האָט מען געקענט זען אַז ער איז דאָ נישט בלויז קיין שכנישער דאָקטער. ער האָט מיר עטלעכע מאָל געזאָגט, אַז דער פאַרשטאָרבענער איז געווען זיינער אַ גוטער פריינד און אַז ס׳איז אים אַ גרויסער רחמנות אויף דער פרוי אינעס וועלכע האָט זיך אַזויפיל אָנגעליטן. עס איז אָבער נישט שווער געווען צו פילן אין זיינע רייד אַז ער איז אומרויִק און פול מיט דערוואַרטונג און אַז ערגעץ־ווו פייניקט אים אַ שולד־געפיל מחמת זיינע פאַרהעלטענישן מיט אינעסן...

נאָכמיטיק איז פון בוענאָס איירעס געקומען אַן אַמבולאַנס נעמען דעם גוף צו דער קבורה. כ׳ווייס נישט פאַרוואָס איך האָב פלוצים גע־פרעגט דעם שאָפער צי ער איז מיך גרייט מיטצונעמען קיין בוענאָס איירעס. דער שאָפער האָט מסכים געווען אפילו מיט אַ געוויסער צו־פרידנקייט און איך האָב באַלד דערויף חרטה געקריגן. ס׳איז שוין אָבער געווען פאַרפאַלן. אויך אינעס און דער דאָקטער האָבן זיך אָנגעכאַפּט דעריין, געהאַלטן אַז ס׳וואָלט זייער גוט געווען איך זאָל פאָרן מיטן אַמ־בולאַנס אין שטאָט אַריין און דאָרט אַכטונג געבן מען זאָל טאָן וואָס

עס דאַרף געטאָן ווערן. כ׳בין געווען אַ ביסל צערודערט אָבער ס׳האָט מיר שוין נישט געפּאַסט זיך צוריקצוציען. כ׳בין אַוועק אין האָטעל, זיך צעצאָלט מיט דער באַלעבאָסטע און פאַרנומען מיין ביסל זאַכן. אין אַ האַלבער שעה אַרום האָבן מיר זיך שוין געטרייסלט אויפן וועג צו זישעס קבורה.

מיט אַ שעה צוריק זענען מיר אָנגעקומען קיין בוענאָס איירעס. זישעס גוף האָט מען אַוועקגעפירט אין אבל־הויז פון דער קהילה. איך בין אַרויף צו זיך אין שטוב און ווי נאָר איך האָב ביים אַריבערטרעטן די שוועל אָנגעצונדן די עלעקטרי איז מיר געוואָרן מוראדיק אומהיימלעך. נאָך צען לאַנגע יאָרן פון זיין צוזאַמען איז טעלאַ מער נישט געווען מיט מיר... אַ נאַיענדיקער ווייטיק איז אויפגעגאַנגען אין ברוסט און איך האָב געפילט אַז עס הייבט מיר אָן פעלן אָטעם... איך האָב זיך אַוועקגע־זעצט אויף אַ שטול, אָבער די איבערלעבונגען פון די לעצטע וואָכן האָבן זיך ווי אַ ריס־געטאָן אין מיר און מיך אונטערגעהויבן פון אָרט... כ׳האָב עפּעס מיט אַמאָל דערפילט אַז ס׳איז פאַראַן אַ טונקעלער שייכות צווישן דעם אַרכעאָלאָג אין פילם וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ צוואה אַז מען זאָל אים נאָכן טויט פאַרברענען און זישע גראָסמאַנען וואָס איז דווקא באַ־שטאַנען דערויף אַז מען זאָל אים ברענגען צו קבורה אויף אַ יידישן בית עלמין... אויך צווישן טעלאַס אַוועקגאַנג צום פילם־רעזשיסער און אינעסעס געהיימער ליבע צום דאָקטער פון דעם ים־שטעטל איז פאַראַן אַ פאַרבינדונג, אָבער וואָס די דאָזיקע פאַרבינדונג איז און וועלכע אויס־פירן מען קאָן פון איר מאַכן — דאָס האָב איך נישט געוווּסט, ז[illegible]האָב איך נישט געקענט דערכאַפּן, נישט געקענט פאַרשטיין...

אָ, אַנטשולדיקט, אַנטשולדיקט. מען פאַרמאַכט שוין די קאַפע, זע איך. נו, יאָ, מען דאַרף גיין, אויב איר וועט דערלויבן וועל איך אייך באַגלייטן אַ שטיקל וועג... יאָ, איך דאַנק אייך זייער פאַר אייער געדול־דיקן אויסהערן מיך... איך פיל מיך איצט אַ סך רויִקער ווי פריער, כאָטש איך ווייס נישט ווי לאַנג די דאָזיקע רויִקייט וועט אָנהאַלטן... מאָרגן דאַרף מען זישען באַגלייטן צו זיין אייביקער רו... וואָס איז עס אים אַזוי געגאַנגען אין לעבן, דעם זישען, צו קומען צו קבר ישראל? נו, מילא,

דאָס קאָן איך נאָך ווי ס'איז פאַרשטיין. אָבער וואָס איז מיט יענעם אַר־
כעאָלאָג וואָס האָט געוואָלט אַז מען זאָל אים קרעמירן נאָכן טויט? אָך,
אַנטשולדיקט. דאָס האָט דאָך נישט דער אַרכעאָלאָג געוואָלט, נאָר דער
מעקסיקאַנער רעזשיסער האָט עס געוואָלט... כאָטש אַז מען וויל, פאַסירן
דאָך אַזעלכע זאַכן אין לעבן. יאָ, זיי פאַסירן... נו, אָבער צוליב דעם וואָס
איך האָב נישט מסכּים געווען אַז דער פּערסאָנאַזש דאַרף אַזוי האַנדלען
אין דער פילם-דראַמע האָט עסטעללאַ מיך געדאַרפט פאַרלאָזן? זאָל זיין
אַז גערעכט איז געווען דער רעזשיסער און נישט איך... זאָל זיין אַז
זישע האָט נישט געדאַרפט רעדן צו זיין אינדיאַניש ווייב קיין יידיש...
אָבער צוליב דעם... וואָס? דאָ ווווינט איר? נו, אַ גוטע נאַכט... אַ שאָד
וואָס איר מוזט שוין אַוועקגיין, ס'איז אַזוי גוט געווען פאַר אייך זיך
אַראָפּצורעדן פונעם האַרצן. איצט, האָב איך מורא, וועל איך ווידער
נעמען רעדן צו זיך אַליין... אָ, איר ווייסט גאָרנישט ווי דאָס דענערווירט
מיך... בוענאָס נאָטשעס... מוטשאַ גראַסיאַס, סעניאָר...

ב.

צוויי מעשות וועגן יורשים

א

אַ מעשה פון דער אַלטער היים

כ׳האָב זיך אין אַ נאָווינע דערמאָנט אין מיין שטעטל. כ׳האָב זיך דערמאָנט אין אַ מעשה מיט צוויי ירושות. אויב איר האָט געדולד צו הערן, וועל איך זי אייך דערציילן.

מיר האָבן געהאַט אַ גוייִשן שכן, ר׳האָט געהייסן יאַן אָסטראָווסקי און געהאַט זיין אייגנס צוויי זין און איין שטיקל פעלד.

אַז ס׳איז געקומען זיין צייט איז יאַן אָסטראָווסקי געשטאָרבן. האָבן זיינע צוויי זין זיך גענומען טיילן מיט דער ירושה. האָבן זיי זיך געטיילט און געטיילט און נישט געקענט צעטיילן. ס׳איז געווען איין שטיקל מאָגער פעלד. פאַר ביידן האָט עס נישט געקלעקט און איינער זאָל אָפּ־טרעטן דעם צווייטן — פון דעם האָט קיין רייד נישט געקענט זיין.

האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון מחלוקת און געשלעגן צווישן ביידע ברידער. יעדן זונטיק האָט מען זיך געשלאָגן. און געשלאָגן האָט מען זיך נישט אויף קיין געלעכטער, נאָר מיט דרענגער, פלאָקנס און אפילו מיט העק. ווי אַזוי מען האָט זיך נישט געממיתט ווייסט איין גאָט, אָבער צע־דמט און צעהרגט האָט מען זיך יעדעס מאָל, אַז ס׳איז געווען אַ שרעק צו קוקן.

פאַרשטייט זיך, אַז יעדעס מאָל ווען די ברידער פלעגן זיך צעשלאָגן זענען זיך די גוייִשע שכנים צונויפגעלאָפן. אין אָנהייב פון געשלעג האָט מען זיך געהאַלטן פון דערווייטנס. ברידער קריגן זיך — זאָל זיי ווויל באַקומען. אַז ס׳געשלעג איז שוין אַריין אין די הויכע גדולות און מען האָט שוין געלאָזט אין גאַנג קלאָניצעס און אָרטשיקעס, פלעגן זיך די

גוייִשע שכנים שוין יאָ אַריינמישן און צעשיידן די צדדים. אַן אַלטער גוי פלעגט זיי דערביי אָנזידלען, אַז זיי זענען פאַרשאָלטענע און האָבן נישט קיין חרפה פאַר גאָטס מאַמע און מיט דעם פלעגט זיך די מחלוקה ענדיקן. די ברידער זענען זיך צעגאַנגען בכדי אין אַ קומענדיקן זונטיק זיך אויפסניי צו צעקריגן און אויפסניי צו צעשלאָגן.

אונדז, די יידישע שכנים, איז די זאַך געווען זייער נישט ניחה. ס׳איז טאַקע בעסער געווען, אַז „זיי״ האָבן געהאַט מיט זיך צו טאָן און דער־וויל פאַרגעסן אָן אונדז. אָבער ביי גוייִשע געשלעגן ווייסט מען נאָר ווו זיי הייבן אָן, מען ווייסט אָבער נישט ווו זיי וועלן זיך ענדיקן. די דור־רותדיקע יידישע געפרוּווטקייט האָט אונדז שוין אויסגעלערנט, אַז מען דאַרף אויסמיידן עשיון אַפילו ווען ער ווערט אין כעס אויף זיין אייגע־נעם ברודער.

מיין פאָטער ע״ה, פלעגט דעריבער אַ סך מאָל טענהן מיט די גוייִשע שכנים אונדזערע, אַז זיי זאָלן שלום מאַכן צווישן די ברידער. די גוישע שכנים האָבן אָבער געשאָקלט מיט די קעפּ און זיך אין דעם עצם העניין נישט אַריינגעמישט. פון זייערע רייד איז אויסגעקומען, אַז ס׳איז דאָ קיין אויסוועג נישט פאַראַן. טיילן דאָס פעלד קען מען נישט. וועלן אַז איין ברודער זאָל שענקען זיין חלק דעם אַנדערן ברודער, קען מען אוודאי נישט. איז נישטאָ קיין אַנדער עצה ווי זיך צו שלאָגן. יעדער איינער פון די גוייִשע שכנים האָט ביי זיך געוווּסט, אַז ווען ער זאָל זיין אויף די ברידערס אָרט, וואָלט ער אויך זיך געפירט נישט אַנדערש. זיי האָבן אפילו געהאַט אַ ווערטל דערויף: אַז דער טאַטע שטאַרבט ווערט געבוירן אַ טייוול.

די צוויי ברידער זענען גראָד נישט געווען קיין אָרעמע מענטשן. איינער פון זיי איז געווען אַ קאָוואַל און דער צווייטער אַ רימער. זיי האָבן געהאַט זייערע אייגענע וואַרשטאַטן און אויך זייערע אייגענע כאַטעס און פעלדער. אָבער איינס צום צווייטן האָט נישט. דעם טאַטנס ירושה איז טאַקע נישט ווערט געווען מי יודע וויפל, אָבער ס׳איז פאָרט ירושה און יעדער האָט געהאַט אויף איר די זעלביקע פּראַווע און דעם זעלביקן חשק.

נאָך אַ צייט אַרומקריגן זיך איז מען געקומען צו אַ פּשרה: מען וועט אָפּשאַצן דאָס שטיקל פעלד און איין ברודער וועט דעם צווייטן אויסצאָלן זיין חלק. וואָלט די פּשרה געווען זייער ווויל, ווען נישט דאָס וואָס יעדער איינער פון די ברידער האָט געוואָלט, אַז ער זאָל זיין דער אַרויסצאָלער, כדי דאָס שטיקל פעלד זאָל בלייבן ביי אים.

די הייסע מחלוקה צווישן די צוויי ברידער האָט זיך אַוועקגעצויגן נאָך צוויי יאָר און אין משך פון די צוויי יאָר האָט מען זיך יעדן זונטיק געקריגט און געשלאָגן. פאַרשטייט זיך, אַז קיין סתם חגא־טאָג האָט מען אויך נישט דורכגעלאָזט און מען האָט זיך אין זיי אויך געממיתט. פאַר־וואָס זאָל מען חגא־טעג פאַרשעמען?

צום סוף איז, זעט אויס, ביידע ברידער נמאס געוואָרן די מחלוקה און מען האָט באַשלאָסן אַז ס'זאָל זיין „מיר נישט — דיר נישט". דער טייטש דערפון איז: מען זאָל דאָס שטיקל פעלד פאַרקויפן צו אַ פרעמדן און מיט דעם געלט זאָל מען זיך טיילן.

ביי אונדז אין שטעטל, אַז מען האָט פאַרקויפט אַן אומבאַוועגלעך אייגנטום האָט מען געדאַרפט פאָרן אין דער ראַיאָן־שטאָט (פּאָוויאַטאָווע שטאָט) בזשעזשין עס „אָפּשרייבן" צום נאָטאַרייוס. זענען ביידע ברידער טאַקע געפאָרן מיטן קונה קיין בזשעזשין, דאָרט האָבן זיי אָפּגעשריבן די ירושהדיקע נחלה און ווי עס פירט זיך אין אַזאַ פאַל, איז מען אַריין אין שענק „באַגיסן" די טראַנזאַקציע. הכלל, מען האָט אַזוי לאַנג געטרינקען און געשיכורט, ביז גנבים האָבן ביי די ברידער צוגעגנבעט דאָס גאַנצע ביסל געלט, וואָס זיי האָבן אָפּגענומען פאַר דעם טאַטנס ירושה־פעלד.

אין אָנהייב האָבן זיך ביידע ברידער געשעמט צו דערציילן וועגן דער גניבה. אָבער דערנאָך איז די מעשה אַרויס ווי בוימל אויפן וואַסער און דאָס פייער פון שנאה האָט צווישן די ברידער אויפסניי אויפגעפלאַ־קערט. אין די זומערדיקע זונטיקס האָבן זיי זיך געמאַכט אַ מאָדע ביידע אַרויסצוגיין צום שטיקל פעלד און צו קוקן וואָס דער קויפער האָט דערויף פאַרזייט און ווי דאָס פאַרזייטע וואַקסט. פון אָט דער קוקעניש פלעגט זיך אָנהייבן אַ נייע מחלוקה און יעדער איינער פון די ברידער האָט דעם אַנדערן פאַרגעוואָרפן, אַז דאָס איז ער שולדיק וואָס דעם טאַטנס פּראַצע

איז איבערגעגאַנגען צו אַ פּרעמדן. פון אַ וואָרט צו אַ וואָרט איז מען געקומען צו קלעפּ און ס'האָט זיך אויפסניי געטאָן חושך.

די געשיכטע מיט דער ירושה צווישן די צוויי ברידער האָט זיך אָנגעהויבן ווען איך בין נאָך געווען אַ חדר־ייִנגל. ווען איך בין שוין געווען אַ גרויסער בחור און זיך שוין געגרייט אַוועקצופאָרן פון שטעטל האָט די מחלוקה צווישן די צוויי ברידער נאָך אַלץ געפלאַקערט און אַז עס פלעגט קומען צום געשלעג האָבן זיך שוין נישט בלויז געשלאָגן די ברידער אַליין, נאָר אויך זייערע הויז־געזינטן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך שוין פון ביידע זייטן געפונען היפּש־אויסגעוואַקסענע שקצים.

אָט דאָס איז די מעשה פון איין ירושה. איצט וועל איך אייך דערציילן וועגן אַ צווייטער ירושה.

ס'איז געשטאָרבן אין שטעטל אַ ייִד וואָס האָט געהייסן קאָפּל. ער האָט אויך איבערגעלאָזט צוויי זין און אַ גאַנג משניותן. מער האָט ער נישט פאַרמאָגט.

קאָפּלס זין זענען נישט געווען קיין לומדים. ס'איז גענוג געווען, אַז זיי האָבן געקענט דורכקריכן די עברי פון סידור מיטן מחזור. לערנען משניות איז פאַר זיי, די צוויי אָרימע ברידער, געווען אַ צו הויכע זאַך.

פאָרט, אַז ס'איז געבליבן ירושה פון אַ טאַטן, ווי זאָגט מען זיך אָפּ פון איר? האָט זיך אָנגעהויבן צווישן די ברידער אַ מחלוקה. זה אומר כולו שלי וזה אומר כולו שלי. דער וויל דעם טאַטנס משניותן און דער אַנדערער וויל אויך נישט אָפּטרעטן — ער וויל אויך ירושה פונעם טאַטן.

קלוגע לייט האָבן געפונען אַן עצה: זאָל איין ברודער נעמען אַ העלפט משניותן און דער צווייטער ברודער — די אַנדערע העלפט. ס'איז אַ גוטע עצה, אָבער זי האָט נישט געטויגט, וואָרים די משניותן זענען שוין נישט געווען ביי און זיי זענען שוין געווען איבערגעבונדן אין דריי ספרים. נו, קען מען טיילן דריי ספרים?

ביי ייִדן שלאָגט מען זיך נישט. אָבער קריגן קריגט מען זיך ביי ייִדן אויך. און אַז מען קריגט זיך, זאָגט אַ ווערטל, קושט מען זיך נישט. איז טאַקע געווען אַ בזיון פאַר לייטן, צוויי לייבלעכע ברידער און זאָלן זיך אַזוי אויסשטעלן אויף שאַנד און שפּאָט.

נו, ביי יידן איז פאַראַן אַ רב. דער רב האָט אַ וועלט מיט ספרים און די ספרים זאָגן ווי ס׳איז דער דין. וואָס זאָל מען אָבער טאָן, אַזביידע ברידער זענען אַ צווילינג און ס׳איז נישטאָ קיין עלטערער און ייִנגע־רער? אין אַזאַ פאַל וויסן די ספרים אויך נישט ווי מען זאָל פסקענען.

וואָסזשע טוט מען? בלייבט מען זאָל מאַכן אַ פשרה, מען זאָל אָפּ־שאַצן דעם ווערט פון די משניותן און איין ברודער זאָל דעם אַנדערן אַרויסצאָלן זיין חלק. וואָלט אַלץ געווען גוט און ווויל, אָבער ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן, ווען איינער פון די ברידער זאָל האָבן געלט צו באַצאָלן דעם צווייטן. זענען זיי דאָך אָבער ביידע, ברוך השם, גרויסע אָרימעלייט און האָבן קוים אַ טאָג איבערצולעבן, פון וואַנען זשע זאָלן זיי נעמען געלט צו באַצאָלן דעם האַלבן באַטרעף פון די משניותן?

זאָגט מען אָבער, אַז ווו תורה דאָרט איז חכמה, האָט איינער אַ ייד, דווקא אַ למדן און דווקא אַ שטיקל גביר, געגעבן אַן עצה, אַז מען זאָל דעם גאַנג משניותן פאַרקויפן און ביידע ברידער זאָלן זיך טיילן מיטן געלט. די עצה איז צום ערשט אַלעמען געפעלן געוואָרן, אָבער, אַז ס׳איז געקומען צו די ברידער האָבן זיי אפילו פון איר נישט געוואָלט הערן. וואָס הייסט זיי וועלן פאַרקויפן דעם טאַטנס ירושה? משניותן דערצו? זיי זענען טאַקע אָרימע מענטשן, אָבער פאָרט אַ טאַטנס קינדער, נישט חלילה קיין ציגיינער.

איז די ירושה־מחלוקה ווידער געבליבן ווי געווען און די קריגעריי צווישן ביידע ברידער האָט ווייטער אָנגעהאַלטן. און נישט אַזוי צווישן די ברידער גופא, ווי צווישן די ווייבער זייערע. די שווועגערינס האָבן ממש איינס ס׳אַנדערע געגעבענט די טריט.

אַזוי לאַנג ביז דער רב האָט זיי ביידן גערופן צו זיך און געזאָגט, אַז ער האָט פאַר זיי אַ פסק דין, נאָר זיי מוזן צופריער מקבל קנין זיין, אַז זיי וועלן אים האַלטן. האָבן די ברידער מקבל קנין געווען און דער רב האָט געפסקנט, אַז די ברידער זאָלן די משניותן אַוועקגעבן אין בית מדרש אַריין, כדי יידן זאָלן פון זיי לערנען. אי איר אַליין — האָט דער רב גע־זאָגט — וועט דערפון האָבן אַ מצווה און אי אייער טאַטע אויף דער אמתער וועלט וועט דערפון הנאה האָבן.

די ברידער זענען פון דעם פסק דין געווען גאָר שטאַרק צופרידן און פון דעמאָלט אָן האָבן זיי זיך מער נישט געקריגט און האָבן געלעבט צווישן זיך אין גרעסטן שלום. און אויף אַזוי ווייט איז די ברידערלעכע אהבה געשטאַרקט געוואָרן, אַז ווען זיי פלעגן זיך באַגעגענען, פלעגט איינער אָנזאָגן דעם צווייטן די גוטע בשורה:

— ווייסט, יעקב משה, דעם רבס איידעם האָט היינט געלערנט אין טאַטנס משניות.

דערויף האָט דער צווייטער געענטפערט מיט אַ נחתדיקן יידישלעכן זיפץ:

— וואָדען? אין טאַטנס משניותן לערנען, ברוך השם, די גרעסטע לומדים פון שטאָט.

ב.

אַ מעשה פון בוענאָס איירעס

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן מיר מיט אַן אַרויסרופנדיקן שטיל־שווייגן. זיין פויקן מיט די פינגער אין דעם טיש־ברעט און די טיפע זיפצן וואָס האָבן זיך פון אים אַרויסגעריסן האָבן מיר אָנגעזאָגט, אַז ער האָט פאַר מיר שוין ווידער אַ נייעס וואָס וועט באַווייזן ווי גערעכט ער איז מיט זיינע תרעומות צו דער היינטיקער וועלט.

— אַנו, ר׳ מאיר — האָב איך זיך אָפּגערופן — ווי לאַנג וועט איר ציען די עצמות? זאָגט זשע וואָס אייך קוועטשט?

— מיך קוועטשט? — האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט — מיך, זאָגט איר, קוועטשט? ס׳זאָל מיר דאָס אָנהייבן צו אַרן... וואָס גייט עס מיך אָן? איך בין דאָך נישט קיין מלמד זכותניק... איך בין דאָך נישט פון באַרדיטשעווערס חדר... ווי איר... ווי אייערס גלייכן...

— נו, גוט, ר׳ מאיר. אָבער וואָס איז פאָרט געשען? אַלץ אייער שנור, האַ?

ר׳ מאיר האָט זיך אַזש אַ רוק געטאָן מיט דער שטול פונעם טיש, אַזוי אויפגעבראַכט איז ער געוואָרן.

— אַלץ אייער שנור, האַ? — האָט ער מיר נאָכגעקרומט מיט כעס

— איך ווייס דאָך וואָס איר טראַכט: מאיר איז ברוגז אויף זיין שנור, איז ער ברוגז אויף דער גאַנצער וועלט. נו, און אַז יאָ, טאָר איך נישט? וואָס? טאָר איך נישט?

— ר׳ מאיר — האָב איך אים באַרויִקט — וואָס פעלט אייך אייז? כ׳זע דאָך, אַז איר ווילט עפּעס דערציילן. דערציילט־זשע, ר׳ מאיר.

— דערציילן, דערציילן... אָך און ווי וואָס דאָ איז שוין פאַראַן צו דערציילן. ווי לאַנג איז ווי איסר שיינמאַן איז געשטאָרבן? נעכטן איז געוואָרן צוויי וואָכן ווי די שבעה האָט זיך געענדיקט. אַיאָ נעכטן איז געוואָרן צוויי וואָכן

— נו?

— וואָס נו? היינט האָט זיין זון, ראָבערטאָ, שוין אַראָפּגענומען פון וואַנט דעם פּאָרטרעט פון זיין זיידן, איסר שיינמאַנס טאַטן.

— אַזוי?

אַזוי? — האָט מיר ר׳ מאיר ווידער אַמאָל נאָכגעקרימט מיט כעס

— ביי אייך איז, זע איך, דאָס אויך רעכט. מילא, האָט ער אַראָפּגענומען פון דער וואַנט דעם זיידנס פּאָרטרעט, דער סמאַרק, דער לא יצלח, דער געסמאַרעוואַטער קאָפּ... איבערגענומען ירושה דעם טאַטנס פאַבריק, זיך צעלייגט אין טאַטנס קאַבינעט און אַראָפּגענומען דעם פּאָרטרעט פונעם זיידן וואָס איז דאָרט געהאַנגען אַלע יאָרן... מה בכך? ווי דען, ער וועט לאָזן הענגען ביי זיך אין קאַבינעט אַ ייִד מיט באָרד און פּאות? ער וועט זיך שפּיגלען אין זיידנס הדרת פנים ווי דער טאַטע זיינער האָט זיך געשפּיגלט! עס וואָלט מיר שוין נישט פאַרדראָסן. זאָל ער טאָן וואָס ער וויל. ער איז איצט בעל־הבית. אָבער ער האָט דאָך כאָטש געמעגט צוּוואַרטן ביז... עס וואָלט מיר שוין נישט פאַרדראָסן. זאָל ער טאָן וואָס ער וויל. ער איז איצט בעל־הבית. אָבער ער האָט דאָך כאָטש געמעגט צוּוואַרטן ביז... ביז... ער האָט דאָך כאָטש געמעגט וואַרטן ביז ער וועט פאַרדינען אַן אייגענע פּעזע אין דער פאַבריק... דערווייל דרייט זיך דאָך דאָרט נאָך אַלץ מיטן טאַטנס כוח, מיט איסרס כוח. איז ווי איז מען עס אַזוי אומפאַר־

שעמט, האַ? די פֿאַבריק מיט הכל בכל ירשנט מען און נאָר דעם זיידנס פּאָרטרעט איז מען משלח... נאָר די איינע ירושה וויל מען נישט אָננעמען?

ר׳ מאיר האָט אַ ביסל אויסגעלאָדנט דעם כעס און גענומען רעדן שטילער, ווייכער, אָן צאָרן, נאָר מיט ווייטיק.

— ער איז זיך אַליין שולדיק, איסר. וויפל מאָל האָב איך אים געזאָגט, איסר, אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש. אייביק לעבט קיינער נישט. מי לנו גדול? אשר בינגערן געדענקסטו דאָך? סאָמעט און זייד. אויסגעטונקען אין יחוס און אין לומדות. נו, וואָס איז געוואָרן דער סוף? האָבן נישט זיינע יורשים ביי זיך געפּועלט מען זאָל אים לייגן אויפן קאַטוילישן צמענטאַר? באשר די קהילה האָט געוואָלט אַ צו הויכן פּריין פֿאַר דער קרקע... נו, און זעליג רויטערס קינדער? און כיסלאָוויטשעס זין און אייניקלעך? האָבן זיי זיך נישט כמעט אַלע אויסגעשמדט און געפּראָוועט זייערע חתונות אין די קלויסטערס?

— איסר — האָב איך צו אים געטענהט — פֿאַרוואָס זאָל אַזאַ ייד ווי דו נישט טראַכטן וועגן תכלית? כ׳מיין וועגן אמתן תכלית... געלט האָסטו שוין אַזויפיל אַז אַפילו דיין בן יחיד וועט ירשנען בלויז אַ העלפט וועט ער אויך אַ גאַנץ לעבן נישט דאַרפן איינטונקען דעם פינגער אין קאַלטן וואַסער. איז אויף ווען וואַרטסטו? אויף דיין זונס יושר?

— דאַכט זיך — אַ חכם און אַ תלמיד־חכם געווען איסר שיינמאַן. נישט געווען קיין סך אַזעלכע יידן, מיט אַזאַ פֿאַרשטאַנד, מיט אַזאַ קענען, מיט אַזאַ חיתוך הדיבור... נאָר, איר זעט דאָך, אויף זיך אַליין איז קיינער נישט קיין מבין. נישט בחינם זאָגט זיך: כל האברים תלוים בלב והלב תלוי בכיס... אַ פֿאַרמאַכטע האַנט געהאַט. אַ קרענק אַזאַ. אַ סענט ביי אים אַרויסקריגן פֿאַר צרכי ציבור איז געווען כקריעת ים סוף. מיינע רייד זאָלן אים נישט צו שווער זיין. און כבוד... כבוד... וויפל מען האָט אים געגעבן איז אים אַלץ געווען ווייניק. נו, נו, ס׳איז אָבער פֿאָרט געווען איסר שיינמאַן. אַזאַ ייד קען מען מיט דער האַנט נישט אַוועקמאַכן. ווער ווייסט עס נישט? יחוס עצמו און יחוס אבות... איר געדענקט דאָך זיין טאַטנס פּאָרטרעט וואָס איז געהאָנגען ביי אים אויף דער וואַנט אין זיין קאַבינעט? אַ מלכותדיקער ייד געווען... א פּנים, אַ זקנה, אַז ס׳האָט

אַזש פאַרלויכטן... קריסטן, סוחרים, מיניסטאָרן וואָס פלעגן קומען צו אים האָבן זיך דאָך נישט געקענט אָפּלויבן... פלעגן שטיין און באַטראַכטן מיט דעם גרעסטן דרך ארץ דעם הייליקן מאַן, ווי זיי האָבן אים אָנגערופן. פאַר אָט דעם כיבוד אב אַליין קומט דאָך איסרן אַ שטול אין גן עדן. נו, און וואָס איז געוואָרן? צוויי וואָכן נאָך זיין פּטירה האָט דאָס זונדל משלח געווען דעם זיידנס פּאָרטרעט, אַראָפּגענומען אים פון וואַנט און שוין... מסתמא וועט ער דאָרט אויפהענגען איינעם פון די שיינע קאַלענדאַרן. איר ווייסט דאָך... מיט די נאַקעטע חצופות... ווי דעם אַלטן אייזנהאַמערס בן האָט געטאָן.

— פון דעסטוועגן ר׳ מאיר — האָב איך זיך אָפּגערופן נאָך דעם ווי ער האָט זיך שוין אַביסל איינגעשטילט — אויף איסר שיינמאַנס זון איז עס מיר אַ שטיקל חידוש. כ׳קען אים נישט זייער גוט. כ׳האָב אָבער פאָרט דעם איינדרוק אַז ער איז נישט קיין שלעכטער בחור. אַ בעל דרך־ארץ. ער האָט אַן ערלעך פּנים און גוטע אויגן...

— איך דערצייל אייך — האָט ער זיך צעשריגן — אַ מעשה שהיה, קומט איר צו גיין מיט אייערע סברות. מיט חכמת הפּרצוף... גוטע אויגן... דעם זיידנס פּאָרטרעט האָט ער אַראָפּגענומען פון וואַנט, צי נישט? ענטפערט מיר: יאָ צי ניין? וואָס דערציילט איר מיר מעשות מיט אויגן?

*

אין גאַנצן מיט צוויי וואָכן שפּעטער איז מיר אויסגעקומען צו זיין ביי ראָבערטאָ שיינמאַן אין דער פאַבריק. דער טאַטע זיינער, איסר, האָט זיך פאַרן טויט מתחייב געווען צו געבן אַ געוויסע סומע געלט פאַר אַ באַשטימטן יידישן ענין. ס׳איז מיר נישט גרינג געווען ביי אים אַרויסצוקריגן דעם צוזאָג אויף דער דאָזיקער נישט גרויסער סומע. איצט נאָך זיין טויט, האָט די גאַנצע האַרעוואַניע מיינע געהאַלטן ביים גיין אין ניוועץ. אַז ער האָט קיין צוואה וועגן דעם נישט איבערגעלאָזט, אין דעם בין איך געווען זיכער. דאָך, האָב איך געטראַכט, לאָמיר פּרווון אפשר וועט מיר ביי דעם זון זיינעם, ביי דעם ראָבערטאָ, עפּעס געלינגען.

כ׳האָב געטראָפן דעם ראָבערטאָ אין קאַבינעט, אין איסרס קאַבינעט.

כ׳האָב נישט באַוויזן אים רעכט צו דערציילן וועגן וואָס עס גייט און ער האָט מיך באַלד אָפּגעשטעלט:

— וויפל האָט דער טאַטע צוגעזאָגט? נו גוט. אין צוויי וואָכן אַרום קריגט איר דעם טשעק. דאָס איז דעם טאַטנס חוב. וואָס פאַרלאַנגט איר פון זון?

כ׳האָב אָנגערופן אַ סומע.

— ניין, דאָס גייט נישט. ווייניקער ווי דער טאַטע האָט געגעבן, טאָר איך זיכער נישט... אויף מיין טשעק וועט איר באַקומען אין צוויי וואָכן אַרום.

דאָס אַלץ איז געווען געזאָגט מיט אַזאַ שטילקייט, מיט אַזאַ ערלעכ־קייט און מיט אַזאַ נאַטירלעכקייט, אַז כ׳בין געבליבן געפּלעפט. איך האָב דאָך גוט געדענקט ווי שווער ס׳איז מיר אָנגעקומען ביי איסרן צו קריגן אַ סענט אויף אַ קהלישער זאַך, אויף אַ קולטור־צוועק...

די ערלעכקייט פון דעם יונגערמאַן, זיין דרך ארצדיקע האַלטונג, זיין באַשיידנקייט האָט מיר צוגעגעבן דרייסטקייט און איך האָב אַ פרעג גע־טאָן:

— סעניאָר שיינמאַן, איך וויל אייך פרעגן אַ זאַך...

און איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דעם אָרט ווו ס׳איז געהאָנגען דער פּאָרטרעט פון דעם שיינעם הדרת פּנימדיקן ייד, איסרס טאַטע, זיין, ראָ־בערטאָס, זיידע.

יאָ, ר׳ מאיר האָט קיין ליגן נישט געזאָגט. דער פּאָרטרעט איז טאַקע דאָרט מער נישט געווען. עס איז דאָרט געהאָנגען עפּעס אַ בילד, אַ פיל קלענערס ווי דער פּאָרטרעט וואָס איז געהאָנגען פריער. צוליב מיין קורצזיכטיקייט אָבער האָב איך בשום אופן נישט געקענט דערקענען וואָס פאַר אַ בילד עס איז, דאָס איצטיקע.

— פרעגט, פרעגט — האָט דער יונגער שיינמאַן מיר געזאָגט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבן:

— מסתמא ווילט איר דאָך פרעגן וועגן זיידנס פּאָרטרעט? אמת?

אָ, דער יונגערמאַן איז דאָך גאָרנישט אַזאַ תם ווי ער זעט אויס — איז אַ רעיון מיר דורך אין קאָפּ... אָבער איידער איך האָב נאָך געהאַט

צייט דעם געדאַנק צו דערטראַכטן ביזן סוף, האָט זיך ראָבערטאָ שיינמאַן צו מיר אָנגערופן:

— אייך וועל איך עס זאָגן. איך ווייס: איר זייט אַ שרייבער. איר דאַרפט עס וויסן. איר, אָבער מער קיינער נישט...

ער איז אַ ווייל געבליבן שטיין און דאַן האָט ער ווי אין איין אָטעם אַרויסגערעדט:

— דער שיינער ייד וואָס איז דאָ געהאָנגען אויף דער וואַנט איז נישט געווען מיין זיידע.

איך האָב זיך אַ רוק געטאָן צוזאַמען מיט דער שטול. עס האָט מיר אויסגעזען, אַז דער יונגערמאַן איז נישט ביים קלאָרן פאַרשטאַנד.

דער יונגערמאַן האָט אָבער זעט אויס, ווידער אַמאָל געכאַפּט מיין רעיון און ער האָט געזאָגט:

— קומט צו נעענטער. קוקט זיך צו צו דעם בילד וואָס הענגט דאָ... וואָס זעט איר?

כ׳בין צוגעגאַנגען צו דער וואַנט און האָב דערזען אויפן בילד וואָס איז דאָרט געהאָנגען, אַ ייד מיט אַ קליין שוסטעריש בערדל און מיט אַ קורצן טעמפּן שטערן. דער ייד האָט געקוקט אויף מיר מיט אַ פּאָר שוואַר־צע לעבעדיקע אייגעלעך פון אַ פריילעכן פאַליש-זיצער וואָס האָט ליב אַ טרונק בראָנפן און איז גרייט דערפאַר צו גיין אַ גאַנג און צו פאָלגן אַ שליחות.

און מאָדנע: וואָס מער איך האָב זיך איינגעקוקט אין דעם ייד אויפן בילד, אַלץ מער האָב איך דערזען אין זיין פּנים איסרן. אמת, איסר האָט געהאַט אַנדערע אויגן. טרויעריק־פאַרטראַכטע אויגן. אָבער די נאָז און די צוויי אַרויסגערוקטע קינבאַקן זענען געווען איסרס, דאָס הייסט: איסרס נאָז און איסרס קינבאַקן זענען געווען דעם יידנס, דעם דאָזיקן שוסטערישן יידנס אויפן בילד.

כ׳האָב אָבער נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס באַדייט.

דאָס שטילע ערלעכע קול פון דעם יונגערמאַן האָט עס מיר ביסלעכ־ווייז אויפגעקלערט.

— איידער מיר זענען נאָך געקומען אַהערצו פון דעם פּראָווינץ-שטעטל

ווי מיר האָבן געווינט איז דאָס דאָזיקע בילד געהאַנגען ביי אונדז אויף דער וואַנט. איך בין נאָך דעמאָלט געווען אַ קינד, אָבער כ׳האָב געוווסט: ס׳איז דאָס בילד פון מיין זיידן... דעם טאַטנס טאַטע.

— ווען מיר האָבן זיך אַריבערגעצויגן אַהערצו און דער טאַטע האָט אויסגעבויט די פאַבריק, איז דאָס דאָזיקע בילד פלוצים פאַרשווונדן פון שטוב. פונקט אַזוי פלוצים האָט זיך אין טאַטנס קאַבינעט, אָט דאָ אויף דער וואַנט, באַוויזן דאָס פאָרטרעט פון דעם שיינעם ייד, מיט דער ווייסער באָרד און מיט דעם הויכן שטערן. כ׳האָב קיינמאָל דעם טאַטן נישט געפרעגט. ער וואָלט מיר אויך נישט געענטפערט. איינמאָל האָב איך צופעליק ביי אונדז אין אַ זייטיק צימערל געפונען ערגעץ אונטער אַ שאַפע אָט דאָס בילד. כ׳האָב עס דעמאָלט געוואָלט אויפהענגען ביי זיך אין צימער, אָבער די מאַמע, עליה השלום, זי האָט נאָך דעמאָלט געלעבט, האָט מיך באַשווירן כ׳זאָל עס נישט טאָן. כ׳זאָל נישט פאַרשעמען דעם טאַטן, האָט זי געזאָגט.

— נו, ווי לאַנג דער טאַטע האָט געלעבט האָט געמוזט זיין אַזוי ווי ער האָט געוואָלט. איצט איז דער טאַטע מער נישטאָ... דער טאַטע איז געווען אַ קלוגער ייד, אַ למדן, אַ קענער... אפשר איז אים נישט אָנגעשטאַנען דער טאַטע זיינער... געוויס, דער פרעמדער ייד אויפן פאָרטרעט האָט אויסגעזען פיל איידעלער... איר ווייסט דאָך: קריסטן האָבן זיך אַנטציקט מיט דעם הייליקן געזיכט... נו, איך בין אָבער נישט דער טאַטע. מיר שטייט אָן דער לייבלעכער זיידע... ער מעג האָבן נישט אַזאַ שיין פנים ווי יענער...

ראָבערטאָ איז אויף אַ לענגערע ווייל אַנטשוויגן געוואָרן, דערנאָך האָט ער געזאָגט קוים. קוים צו הערן:

— איר זייט געווען דעם טאַטנס אַ פריינד. כ׳האָף אַז דאָס אַלץ וועט בלייבן צווישן אונדז.

— אָבער סעניאָר שיינמאַן, מענטשן זאָגן דאָך... מענטשן ריידן דאָך...

ער האָט נישט געענטפערט, בלויז אַ צענעם געטאָן די הענט, ווי איינער זאָגט: וואָס קען מען זיך העלפן? פאַר אַלעמען קען מען סיי ווי נישט יוצא זיין...

*

דער סוד איז שוין איצט סיי ווי קיין סוד נישט. אַפּלו ר׳ מאיר ווייסט שוין דעם גאַנצן אמת. איצט אָבער, אַז מען רעדט וועגן אשר בינגערס קינדער, צי וועגן כיסלאָוויטשעס זין און אייניקלעך, גיט ער שוין אַ טיפן קרעכץ און זאָגט:

— מנע, נישט יעדער האָט אַזאַ זכיה ווי איסר שיינמאַן, נישט אַלע קינדער קערן זיך אום צו די זיידעס נאָך דעם ווי די טאַטעס האָבן אין זיי געפּעלשט...

מעשות פון מיין שטעטל

ערשטע מעשה

אַלע זענען מיר סאָלדאַטן

מפי זקנים שמעתי, אַז בעת דאָס שטעטל יעזעוו איז נאָך קיין זיבן דורות נישט אַלט געווען, האָט זיך דאָרט באַזעצט דער רבי ר׳ יאַנקעלע, זי״ע, און דורך דעם האָט דאָס שטעטל עולה לגדולה געווען און ס׳האָט געקריגן אַ שם אין דער גאַנצער געגנט און אַפילו העט ווייט מחוץ דער געגנט.

מאַכט זיך איינמאָל אַ מעשה און עס קומט אָן אין שטעטל אַ פרעמ־דער ייד, אַ ליטוואַק. און דער ליטוואַק, גאָרנישט ווי דער שטייגער פון די ליטוואַקעס, וואָס זענען כידוע, גרויסע מתנגדים און צלם־קעפּ, לאָזט זיך צו צום רבין און ווערט אַ גרויסער חסיד זיינער און מיט דער צייט אַ מקורב אין זיין הויף. אַ פרומער ליטוואַק, דערצו אַ גרויסער בן־תורה, אַ ירא שמים און זעט אויס אַ בעל מידות, האָט אים דער רבי זייער מקרב געווען און אים אַרויסגעוויזן גרויס ליבשאַפט. ס׳איז דער־גאַנגען אַזוי ווייט, אַז נאָך דעם ווי ער איז אָפּגעווען אין שטעטל אַ יאָר צייט האָט אים דער רבי אַליין געשדכנט אַ שידוך מיט זיינס אַ פּלי־מעניצע, אַן אלמנה נעבעך, און אין אַ מיטוואָך נאָך שבת נחמו האָט געזאָלט זיין די חתונה.

פונקט דריי טעג פאַר דער חתונה פאָרט אָן אין שטעטל אַריין אַ פרעמדע אישה און נעמט זיך נאָכפרעגן אויף דעם ליטוואַק. הכלל, עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער ליטוואַק איז נישט קיין גרוש, ווי ער האָט

געטענהט, נאָר די דאָזיקע אישה איז זיין ווייב וואָס ער האָט געמאַכט פאַר אַן עגונה. וואָס אין שטעטל האָט זיך דעמאָלט אָפּגעטאָן קענט איר אַליין זיך משער זיין. דער ליטוואַק איז אויסגערונען און מען האָט נישט געוווסט ווו זיין געביין איז אַהין געקומען. די אישה איז דערנאָך אויך אַוועקגעפאָרן און חסידים האָבן געהאַלטן, אַז דאָס האָבן די מלאכים אין הימל זי געברענגט אין שטעטל אַריין אין דער ריכטיקער שעה, כדי צו פאַרמיידן אַ גרויסע זינד ביי יידן און דעריין האָט מען געזען דעם רבינס גרויסקייט און זיין זכות אין הימל, ווו מען האָט זיך מטריח גע־ווען זי צו שיקן באַצייטנס, כדי ער זאָל חלילה נישט נכשל ווערן בדבר עבירה.

דער רבי ר׳ יאַנקעלע האָט אָבער אויף דער זאַך געהאַט אַן אַנדערן קוק. ער, זכר צדיק לברכה, האָט געטענהט, אַז אויב מען האָט אים מן השמים צוגענומען דעם טביעת עין און ער האָט אַ גאַנץ יאָר זיך נישט געכאַפּט ווער דער ליטוואַק איז, איז דאָס אַ סימן, אַז דאָרט האַלט מען אים נישט פאַר ראוי צו זיין רבי. און ס׳האָט טאַקע גאָרנישט געהאָלפן: ר׳ יאַנקעלע האָט מער קיין קוויטלעך נישט געוואָלט נעמען און מער קיין „טיש״ נישט געוואָלט פירן. ער האָט געהייסן פאַרקויפן די שטוב זיינע און דאָס געלט צעטיילן אָרעמעלייט און אַליין האָט ער זיך גע־קליבן אַריבערצופאָרן קיין סטריקעוו ווו זיין ברודער ר׳ וואָלף, איז ביי זיין לעבן געווען מרא דאתרא.

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז נישט אַזוי גיך איז מען דערויף איינגעגאַנגען אין שטעטל. מקורבים און סתם חשובע שטאָט בעלי בתים האָבן זיך אַריינגעמישט און מען האָט ביי אים געוואָלט פועלן אַז ער זאָל מבטל מאַכן זיין רצון. ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפן. ר׳ יאַנקעלע, אַלעמאָל אַ מילדער, אַ נאָכגיביקער, איז דאָס מאָל געווען אַן עומד בדעתו און זיך נישט געוואָלט צו הערן צו קיינעמס רייד. מען האָט אפילו בסוד גע־שיקט שליחים צום ראַווער רבין, נאָר דער ראַווער רבי האָט זיך נישט געוואָלט אַריינמישן. און דאָס זענען געווען די רייד, וואָס ער האָט געענטפערט די שליחים פון שטעטל וואָס זענען צו אים געקומען וועגן דער דאָזיקער זאַך: „אויב מען וויל אין הימל יאַנקעלען האָבן פאַר אַ

רבין אין יעזעוו, זאָל מען אים פון דאָרט אַליין געבן אַ סימן״. מער האָט ער נישט געזאָגט און די בעלי בתים זענען אַהיים געפאָרן מיט גאָרנישט.

נאָך די ימים נוראים, אין די סאַמע רעגנוועטערס, האָט זיך ר׳ יאַנקעלע אַרויסגעלאָזט אין וועג קיין סטריקעוו. דאָס הויז האָט ער שוין געהאַט פאַרקויפט, קיין רביסטווע, סיי ווי שוין נישט געפּראַוועט און אין שטעטל איז געוואָרן, ר״ל, שטאַרק טרויעריק.

*

אַרויסבאַגלייט פון שטעטל האָט אים דאָס גאַנצע קהל. אַפילו גויִם, להבדיל, זענען אויך אַרומגעגאַנגען אבל וחפוי ראש פון דעם וואָס דער „צאַדיק״ פאַרלאָזט יעזעוו. נו, האָט מען אים באַגלייט אפשר דריי תחום שבת און דער עולם האָט זיך אומגעקערט אַהיים.

נישט אומגעקערט אַהיים האָבן זיך נאָר די סאַמע, סאַמע נאָענטסטע חסידים זיינע, וועלכע האָבן זיך אונטערגענומען צו פאָרן מיט אים אַזש ביז קיין סטריקעוו. געווען זענען זיי אפשר אַ מאַן צען און אפשר נאָך ווייניקער.

הכלל, דער רבי מיט די חסידים אויף איין בויד, דאָס בני בית — אויף דער אַנדערער און מען איז געפאָרן.

אויפן דריטן טאָג פון דער נסיעה איז מען פאַרפאָרן אין די ליס־קעוויצער וועלדער. די אַ וועלדער זענען פאַרצייטנס געווען מוראדיקע. ס׳האָבן זיך דאָרט אויפגעהאַלטן גזלנים און פּאַוסטאַנצעס. מחמת דעם האָט דאָס רוסישע חייל זיך דאָרט באַזעצט אין סאַמע מיט פון די וועל־דער, אויפגעבויט דאָרט קאַזאַרמעס און פון דאָרט אויס געהאַט אַן אויג אויף דער גאַנצער באַוועלדערטער געגנט.

אויפן דריטן טאָג פון דער נסיעה נאָכמיטיק זענען מיר אָנגעקומען, דערציילן די זקנים, אַקוראַט דאָרט, וווּ דאָס חייל האָט געהאַט זיינע קאַזאַרמעס. פאָרן ביז צו אַ נאָענטן ישוב איז געווען אַ מהלך פון אַ גאַנצן טאָג, בלית ברירה האָט זיך איינער פון די חסידים, וואָס האָט געקענט דאָס יווניש לשון איינגעשטעלט און איז אַוועק צו דעם עלטסטן פון חייל דערציילן ווער עס פאָרט דאָ און אויך בעטן רשות

איבערצונעכטיקן אין די קאַזאַרמעס, מחמת ס׳איז אַ סכנה ווייטער צו פאָרן. גאָט האָט געהאָלפן און דער עלטסטער האָט זיך צוגעהערט צו די רייד פונעם חסיד. מיר זענען אַריינגעפאָרן אין דעם גרויסן קאַזאַרמע הויף און דער רבי האָט אפילו געקריגן ביים עלטסטן אַ באַזונדער חדר איבערצונעכטיקן די נאַכט.

אַלץ איז געגאַנגען בשורה. אַרום פאַרנאַכט אָבער האָבן מיר אָנגעהויבן באַמערקן, אַז עפּעס טוט זיך אין קאַזאַרמע אַזוינס, וואָס איז נישט קיין מעשה שבכל יום. דהיינו? דאָס גאַנצע חייל האָט זיך פּלוצים פאַרזאַמלט אויפן גרויסן קאַזאַרמע הויף, אויסגעשטעלט שורה נאָך שורה אין אַן עיגול און אין דער מיט פונעם עיגול האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ גרויסן טיש און ביים טיש האָבן זיך אויסגעזעצט סאַמע גרויסע אנשי צבא, מיליטערלייט, הייסט עס, מיט גאָלדענע שליפעס און זילבערנע אַקסל־בענדער. דערנאָך האָבן מיר געזען ווי צוויי פשוטע סאָלדאַטן מיט ביקסן ברענגען צופירן אַ דריטן סאָלדאַט, נאָר אָן אַ ביקס און שטעלן אים אַוועק קעגן די גרויסע לייט אַרום דעם טיש. פרעגן וואָס דאָס איז, האָבן מיר מורא געהאַט, מען האָט אָבער באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָ גייט זיין אַ משפט.

יאָ, ס׳איז טאַקע געווען אַ משפט. וואָס זשע איז דער משפט? הערט אַ מעשה:

מיט עטלעכע טעג צוריק זענען די סאָלדאַטן אַרויס אין די וועלדער כאַפּן גזלנים. זיי האָבן געזוכט און געזוכט און נישט געפונען. מיט איינמאָל האָבן זיי זיך אָנגעטראָפן אויף אַן אַלטער באַבעצע, וואָס האָט געקליבן שוואָמען. האָבן זי די סאָלדאַטן פאַרהאַלטן און געוואָלט אָפּפירן אין דער קאַזאַרמע. איז אָבער צווישן די סאָלדאַטן געווען דער איינער וואָס ווערט איצט געמשפט, און ער האָט געזאָגט, אַז ס׳איז אַ רחמנות צו שלעפּן אַן אַלטע באַבעצע אַזאַ שטיק וועגס. הכלל, ער האָט געפועלט און מען האָט די באָבע נישט געפירט צום חייל־עלטסטן און מען האָט זי פריי געלאָזט, אָבער ווי נאָר מען האָט זי פרייגעלאָזט איז זי פאַרשוווּנדן און דערנאָך האָט מען זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז נישט

געווען קיין אַלטע באָבע, נאָר דער פאַרשטעלטער אָנפירער פון די גזלנים, וועלכן מען האָט אַזוי שטאַרק געזוכט.

האָט מען דעם סאָלדאַט געבראַכט צום חייל-עלטסטן און יענער האָט אים געגעבן אַ רעכטע פאָרציע מיט יונישע קללות און אים געזאָגט, אַז ער אַליין איז אַן אַלטע באָבע און נישט קיין סאָלדאַט, ווי באַלד ער האָט זיך נישט געכאַפּט, אַז מען באַשווינדלט אים. דערצו האָט ער אים צוגעגעבן עפּעס אַ פּסק דין פון עטלעכע טעג זיצן אין „קאָזע" און דערמיט וואָלט זיך דער ענין געהאַט פאַרענדיקט.

איז זיך אָבער מיישב דער סאָלדאַט, וואָס ווערט איצט געמשפּט, און ער אַנטלויפט פון דער קאַזאַרמע. וואָס איז? אַ פויערישער קאָפּ! דער עלטסטער האָט אים געזאָגט, אַז ער איז נישט קיין סאָלדאַט, נאָר אַ באָבע, האָט ער זיך פאַרשעמט פאַר זיינע חברים און ער טענהט, אַז ווי באַלד ער טויג סיי ווי נישט פאַר קיין סאָלדאַט, טאָ צו וואָס דאַרף ער נאָך זיין אין קאַזאַרמע?

און איצט טאַקע ווערט ער געמשפּט פאַרן אַנטלויפן.

דער משפּט האָט זיך געצויגן גענוג לאַנג און אַלץ וואָס דאָרט איז גערעדט געוואָרן האָבן מיר נישט פאַרשטאַנען, און טאַקע, צו וואָס האָבן מיר דאָס אַלץ געדאַרפט פאַרשטיין? דער סוף איז אָבער סיי ווי געווען, אַז מען האָט דעם סאָלדאַט געפונען פאַר חייב און מען האָט אים געפּסקנט קאַטאָרגע.

דער חסיד צווישן אונדז, וואָס האָט פאַרשטאַנען יוניש, האָט אונדז דערנאָך איבערגעטייטשט אַז בעת דאָס זעלנערישע בית דין האָט אַרויסגעטראָגן דעם פּסק-דין, האָט זייער עלטסטער אַזוי געזאָגט:

— נישט מיט דיין אייגענעם ווילן קענסטו ווערן אויס סאָלדאַט. מען מעג דיר טויזנט מאָל זאָגן, אַז דו טויגסט נישט, אָבער ביז מען גיט דיר נישט קיין בפירושן רשות אַוועקצוגיין פון דער קאַזאַרמע, האָסטו דערצו נישט קיין פּראַווע. יעדער פון אונדז מוז זיך געפונען אויף זיין אָרט אַזוי לאַנג ביז דער צאַר-באַטיושקאַ אַליין נעמט אים נישט אַראָפּ פון דאָרט. און ווער עס וויל דאָס נישט פאַרשטיין דער ווערט געמשפּט און באַשטראָפט ווערן.

*

אין דער פרי בעת מען האָט געדאַרפט ממשיך זיין די נסיעה קיין סטריקעוו האָט דער רבי ר׳ יאַנקעלע פלוצים געהייסן פאַרקירעווען די פערד קיין יעזעוו.

אַז דער רבי הייסט, פרעגן מיר נישט און פאַרקירעווען און פאָרן צוריק.

ערשט ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין יעזעוו, האָט אונדז ר׳ יאַנקעלע געזאָגט, אַז ער בלייבט ווייטער רבי. און אַז ער האָט געזען אונדזער חידוש האָט ער אַזוי געזאָגט:

— אַ רבי איז אויך נישט מער ווי אַ סאָלדאַט. נישט מיט זיין רצון איז ער געוואָרן רבי און נישט מיט זיין ווילן קען ער ווערן אויס. איי, מען ווייזט אים אַמאָל מן השמים, אַז ער טויג נישט, אַז ער איז נישט קיין סאָלדאַט, נאָר אַ באָבע? ווי לאַנג אָבער מען זאָגט אים נישט בפירוש: ווער אויס, קען ער אויס רבי נישט ווערן. דאָס האָט מיך גע־לערנט דער משפט אין דער קאַזאַרמע.

דעמאָלט ערשט האָבן מיר פאַרשטאַנען וואָס דער ראַוועד רבי האָט געמיינט מיט זיינע רייד וועגן אַ סימן פון הימל צו ר׳ יאַנקעלען.

ר׳ יאַנקעלע איז דערנאָך געזעסן אין יעזעוו נאָך אַ יאָר. אַז מען האָט אַ מאָל גערעדט וועגן זיין אַנטלויפן פון שטעטל האָט ער געזאָגט:

— אַפילו אין דעם וועלן אַנטלויפן פון כבוד ליגט אויך אַ סך מאָל גדלות און גאוות. יעדער ייד איז אַ סאָלדאַט און אַ סאָלדאַט קען נישט אַנטלויפן פון דער קאַזאַרמע אַזוי לאַנג מען הייסט אים נישט גיין. בכל אופן קען ער אַליין נישט זאָגן, אַז ווייל ער טויג נישט און זיינע מעשים ברענגען נישט קיין נוצן, וויל ער מער קיין סאָלדאַט נישט זיין. האָט מען דיך איינמאָל געמאַכט פאַר אַ זעלנער — טאָ דין דעם מלך מלכי המלכים, דעם רבונו של עולם! און אויב נישט, וועט דיין סוף זיין: משפט און קאַטאָרגע.

יצחק יאַנאַסאָוויטש

צווייטע מעשה

אַ זילבערנער לעפל

איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה מיט דעם זילבערנעם לעפל פון מיין מומע גיטל.

קודם כל — וועגן דער מומע גיטל.

זי איז געווען אַ מיוחסת, אַן אָפּגעציטערטע אין דער משפחה און אַ שיינדל אין שטאָט. איר קענט אַליין פאַרשטיין, ווי ווייט חשוב זי איז געווען ביי אונדזערע שטעטלדיקע יידן, אַז ווען אַ באַלעבאָס האָט חתונה געמאַכט זיין זון, אָדער זיין טאָכטער, פלעגט ער שיקן די כלי זמרים זיי זאָלן אָפּשפּילן „אַ דזשען דאָברי״ דער מומע גיטל, כאָטש די מומע האָט זיך מיט אים נישט אָנגעקערט אַפילו ווי קיין ווייטע קרובה.

די מומע גיטל איז געווען אַ הויכע יידענע, געשטרעקט און שלאַנק ווי אַ סאָסנע. אין איר יוגנט איז זי געוויס געווען אַ יפת־תואר, אָבער אפילו אויף דער עלטער האָט זי נאָך פאַרמאָגט דעם שטעל פון יענער שיינקייט, וואָס ווערט נישט געמינערט דורך יאָרן, ווייל ס׳איז אַ שיינקייט, וואָס האָט נישט צו טאָן מיט דער חיצוניות פונעם מענטש, נאָר מיט זיין פנימיות.

זי איז געווען אַן אַלמנה, איר מאַן האָט מען אין שטעטל גוט געקענט. ער איז געווען אין זיין צייט אַ רייכער וואַלד־סוחר און אַ גרויסער למדן, אָבער אַז מען האָט גערעדט וועגן דער מומע גיטל האָט מען נישט דערמאָנט איר רייכן און לומדישן מאַן, נאָר אירע אבות, איר טאַטן, ר׳ בעריש חסיד און איר זיידן, ר׳ איטשע דעם פּרנס.

די מומע גיטל האָט געציילט אירע אבות ביז דעם צענטן דור, און צווישן זיי אַלע איז נישט געווען אפילו איינער מיט דער קלענסטער פּגימה. זיי זענען געווען די יוסטע בויער פונעם שטעטל און אַלע זענען זיי אין זייער צייט געזעסן צווישן די שבעה טובי העיר. דער ערשטער פון זיי האָט איינגעוואַנדערט אַהערצו פון בעהמען, ווען דאָס שטעטל איז נאָך געווען אַ וויסט פעלד, וואָס האָט געהערט צו אַ פּריץ. דער

דאָזיקער ערשטער ייד אינעם שטעטל האָט געהאַט אַ שולשלת היוחסין ביז צו רש״י און פון רש״י אַזש העט ביז דוד המלך.

נאָכן טויט פון איר מאַן, דעם רייכן וואַלד־סוחר און למדן, האָט די מומע גיטל מער נישט חתונה געהאַט, כאָטש זי איז נאָך דעמאָלט געווען אַ יונג מענטש. פאַרוואָס זי האָט נישט חתונה געהאַט ווייסט מען נישט. אין שטעטל האָט מען וועגן דעם דערציילט פאַרשידנס.

זי איז געוואָקסן אין אַ רייכער היים און אויך ביי איר מאַן האָט איר נישט געפעלט פון קיין פויגלמילך. ווען איר מאַן איז געשטאָרבן האָט ער איר איבערגעלאָזט אַ גרויסע ירושה, אָבער באַלד נאָך איר מאַנס טויט איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. אירע הייזער האָבן אָפּגעברענט, די פּריצים וועלכע זענען איר שולדיק געווען געלט, האָבן אַנגעזעצט. די חפצים פון שטוב האָבן די יונישע סאָלדאַטן און קאָזאַקן אויסגעראַבעוועט. זי איז געבליבן אַן אָרעמאַן, אַן אביון.

פון איר גאַנץ פאַרמעגן איז איר פאַרבליבן נאָר איין זילבערנער לעפל.

*

דער זילבערנער לעפל פון דער מומע גיטל האָט זיך געהאַט זיין היסטאָריע.

קודם כל איז ער אַמאָל, אין די אַלטע צייטן, נישט געווען איינ־אונאיינציק, נאָר האָט געהאַט צו זיך אַ פּאָר.

עס זענען, הייסט עס, מלכתחילה געווען צוויי זילבערנע לעפל.

דיביידע זילבערנע לעפל, די איינציקע, אגב, אין גאַנצן שטעטל, האָבן געהערט צו דער מומע גיטלס אַן עלטער־עלטער זיידן.

ווערליק דער איינער זילבערנער לעפל האָט אויסגעזען אין מיינע צייטן, האָב איך מיר געקענט אויסמשלען ווי שיין דאָס פּאָרל זילבערנע לעפל איז געווען אין זייער ווייטער יוגנט־צייט.

דאָס זענען באמת געווען צוויי לעפל אשר עין לא ראתה.

געווען זענען זיי, פאַרשטייט זיך, פון כסף טהור, פון אַזאַ זילבער, וואָס מען זעט עס גאָרנישט היינטיקע צייטן. דאָס זילבער בלאַנקט מיט

אַ מאַטן שיין און בלענדט ווי אַ זון הינטער אַ לייכט זומערדיק וואָלקנדל.

און כאָטש זיי זענען געווען גענוג שווער, די לעפל, האָבן זיי דאָך אויסגעזען גרינג און גראַציעז ווי אַ שפּילעריי. עפּעס האָבן זיי געהאַט אַזאַ פיינעם שניט און אַזאַ צאַרטן אויסבייג פון ליניעס, אַז זיי האָבן געכאַפּט דעם אָנבליק פון קליינע זילבערנע פידעלעך.

דערצו איז דאָס לענגלעכע הענטל פון די לעפל געווען באַצירט מיט אויסגעשניצטע בלומען, וואָס האָבן זיך קונציק פאַרפלאָכטן און פאַרוויקלט אין אַ גירלאַנדע און כאָטש דאָס דאָזיקע הענטל איז געווען שמאָל האָט אָבער יעדע אויסגראַווירטע בלום דערויף זיך אַרויסגעהויבן מיט אַזאַ מייסטערשאַפט, אַז מען האָט דאַכט זיך, געקענט דערפילן איר צאַרטן דופטיקן ריח.

מיט איין וואָרט: ס׳זענען געווען צוויי לעפל — אַנטיקן.

דערציילט האָט מען, אַז די לעפל האָט געמאַכט אַ יידישער אומן יד, וואָס איז געווען באַרימט אין גאַנצן לאַנד, ביי יידן און, לַהבדיל, ביי פּריצים.

איינמאָל, אַזוי דערציילט מען, האָט אַ פּריץ דערזען ביי דער מומע גיטלס עלטער־עלטער־זיידן די דאָזיקע לעפל, האָט ער אים אָנגעבאָטן פאַר זיי אַ מטמון גאָלד.

דער מומע גיטלס עלטער־עלטער זיידע האָט זיי אָבער נישט גע־וואָלט פאַרקויפן פאַר כל הון דעלמא.

ביז איינמאָל איז אין אַ פראָסטיקער טבת־נאַכט פאַרפאָרן אין שטעטל אַריין אַ גרויסער אויסלענדישער שׂררה.

ס׳איז דעמאָלט געווען די צייט פון דער גרויסער רוסיש־פראַנצוי־זישער מלחמה.

איז דער שׂררה פאַרפאָרן ביינאַכט אינעם שטעטל אַריין און ער האָט געהאַלטן סטאַנציע ביי דעם גרעסטן גביר פון שטעטל, ביי דער מומע גיטלס עלטער־עלטער זיידע. דער זיידע האָט דעם שׂררה אָפּגעגעבן אַ חדר מיוחד און זיינע לייט, גרויסע אנשי צבא האָבן אים אַריינגעפירט אין דעם דאָזיקן חדר. ביים אַריינפירן אים האָט דער זיידע אים רעכט נישט געזען, וואָרום ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ טייערן סויבלנעם

פעלץ וואָס דער קאַלנער האָט אים פאַרשטעלט דאָס גאַנצע פּנים.

די אנשי צבא, וואָס האָבן באַדינט דעם גרויסן שררה האָבן געבעטן דער באָבע זי זאָל אָפּקאָכן עפּעס אַ מאכל פאַר זייער עלטסטן. האָט די באָבע געהאַט אַקוראַט אָפּגעקאָכט אויף וועטשערע אַ הינערנע יויך און זי האָט די יויך אַריינגעשיקט דעם גאַסט אין זיין חדר מיוחד.

און אַזוי ווי זי האָט בחוש דערשפּירט, אַז דער גאַסט איז פון די גרויסע לייט, איז זי צו צום קאַמאָד און פון דאָרט אַרויסגענומען איינעם פון די זילבערנע לעפל, וואָס איז געלעגן אין אַ ספּעציעלער שייד און איינגעוויקלט אין אַ ווייסן שטיקל שטאָף, מחמת די דאָזיקע לעפל האָט מען אין שטוב באַנוצט נאָר ביי זייער זעלטענע געלעגנהייטן.

זי האָט דעם לעפל אַריינגעשיקט צום שררה צוזאַמען מיט דעם טע־לער יויך.

דערציילט מען טאַקע אין דער משפחה, אַז עס זענען נישט דורך קיין צען מינוט, ווי דער גרויסער שררה האָט באַפוילן, אַז דער מומע גיטלס עלטער־עלטער זיידע זאָל צו אים אַריינקומען.

און אַז דער זיידע איז נאָר אַריין צו אים אין חדר און אויף אים אַ קוק געטאָן, האָט ער זיך גלייך אַ שטעל געטאָן און געמאַכט די ברכה „שחלק מכבודו לבשר ודם”.

דעמאָלט האָט דער שררה געזאָגט דעם זיידן, אַז ער וויל ביי אים אָפּקויפן דעם לעפל.

אָבער דער זיידע האָט דעם לעפל נישט געוואָלט פאַרקויפן, נאָר ער האָט אים דעם שררה געשאָנקען אָן געלט.

דער שררה, אַזוי דערציילט מען, האָט אַ שמייכל געטאָן און צוריק געשאָנקען דעם זיידן אַ גאָלדענעם מעדאַל, וואָס פון איין זייט איז אויף אים געווען אָנגעשריבן עפּעס אַ שפּרוך אויף פראַנצויזיש און אויף דער צווייטער זייט איז געווען אויסגעקריצט דער פּאָרטרעט פונעם שררה.

און יאָרן נאָך דעם האָט מען אין דער משפחה זיך געצאַצקעט מיט דעם מעדאַל אויף וועלכן עס איז געווען דער פּאָרטרעט פון נאַפּאָלעאָן באָנאָפּאַרטע.

דער מעדאַל איז שפּעטער בעת אַ שריפה ערגעץ פאַרלוירן גע־

וואָרן, געבליבן איז אָבער נאָך אַלץ איין זילבערנער לעפל, וואָס זיין פּאָר האָט אַוועקגעוואַנדערט קיין פראַנקרייך, ווי אַ טראָפּיי פון נאַפּאָלעאָנס פאַרשפּילטער רוסישער קאָמפּאַניע אין יאָר 1812.

*

דער איינער זילבערנער לעפל האָט געוואַנדערט פון דור צו דור ביז ער איז אָנגעקומען צו דער מומע גיטל.

און ס'איז קלאָר אַז די מומע גיטל, האָט דעם דאָזיקן לעפל געהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ.

און נישט נאָר די מומע גיטל האָט אים געהיטן, עס האָט אים געהיטן דאָס גאַנצע שטעטל.

וואָס עפּעס דאָס גאַנצע שטעטל? ס'איז פאַראַן אַ טעם אין דער דאָזיקער זאַך: מיט יאָרן צוריק, ווען עס האָט נאָך געלעבט דער מומע גיטלס פאָטער, ר' בעריש חסיד, איז ביי אונדז אין שטעטל געזעסן דער רבי ר' יאַנקעלע יעזעווער.

ר' יאַנקעלע יעזעווער איז אָבער אַוועק פונעם שטעטל און אין דעם טאָג, ווען ר' יאַנקעלע האָט פאַרלאָזט דאָס שטעטל, האָט ער די לעצטע סעודה געגעסן ביי זיין געטרייען חסיד, ר' בעריש.

לכבוד דעם רבין האָט ר' בעריש אַרויסגענומען פון דער שייד דעם זילבערנעם לעפל און אים אַוועקגעלייגט אויפן טיש.

אין מיטן עסן האָט דער רבי פּלוצים זיך אויפגעשטעלט, איז צוגעגאַנגען נענטער צום פענצטער און גענומען באַטראַכטן דעם לעפל.

זיין פּנים האָט זיך צעשיינט און ער האָט מיט חדווה אויסגערופן:

— בעריש, מיט אָט אָ, דעם לעפל, האָט געמעגט עסן דער כהן גדול אַליין.

דער רבי איז אַוועקגעפאָרן, און דער לעפל איז געבליבן, אָבער פון דעמאָלט אָן האָט דאָס גאַנצע שטעטל געוווסט, אַז דעם רבינס ברכה רוט אויפן זילבערנעם לעפל.

פלעגט טאַקע דאָס שטעטל ביי יעדער עת צרה קומען צו בערישן נאָך דעם לעפל.

אַ יולדת וואָס איז געגאַנגען שווער צו קינד האָט געוווּסט, אַז ס׳איז פאַראַן אַ סגולה — מען זאָל אַרונטערלייגן דעם לעפל אונטער איר צוקאָפּנס, וועט זי גיך אַנטבונדן ווערן.

אַ חולה מסוכן האָט געהאַט אַ האָפענונג — איינעמען די רפואה מיטן זילבערנעם לעפל איז אַ סגולה מנוסה ובדוקה.

אַפילו צו אַ בוגרת וואָס האָט נישט געהאַט קיין גליק אין שידוכים האָט דער לעפל געהאָלפן.

אין די שפּעטערדיקע צייטן, ווען דער לעפל איז שוין געווען ביי דער מומע גיטל, פלעגט אַ ייד זיך נישט פריער אַרויסלאָזן אויף קיין ווייטער נסיעה, ביז ער איז נישט געגאַנגען צו דער מומע און ביי איר געגעסן, אַבי וואָס, מיטן זילבערנעם לעפל.

דער לעפל איז טאַקע געווען ביי דער מומע גיטל, אָבער ער האָט עפּעס ווי געהערט דעם גאַנצן שטעטל. ער איז געווען דעם שטעטלס קמעה. דעם שטעטלס שמירה קעגן בייז. וואָרום ס׳איז געווען נישט גלאַט קיין זילבערנער לעפל, נאָר אַ לעפל וואָס ר׳ יאַנקעלע אַליין האָט מיט אים געגעסן און איבער אים אַ ברכה געמאַכט.

דאָס שטעטל האָט זיך געפילט זיכערער מיטן לעפל. יידן האָבן אין דעם לעפל אָנגעהאָנגען זייער גלויבן און דער כח פון אמונה איז גרויס.

*

איז אָבער קיין שום זאַך נישט אייביק, אַפילו נישט קיין זילבערנער לעפל מיטן רבינס ברכה.

אין שטעטל איז געווען אַ פּאָרפאָלק וואָס האָט נעבעך נישט געהאַט קיין קינדער.

איז דאָס פּאָר פאָלק אויסגעפאָרן צו ווו נאָר אַ דאָקטער און אפילו אַ טאָטער און עס האָט נישט געהאָלפן.

זיי זענען אויך געפאָרן צו אַלערליי רביים און געגעבן קוויטלעך מיט פדיונות. די רביים האָבן אָבער קיין צוזאָג נישט געגעבן.

נאָר דאָס פּאָרפאָלק האָט נישט גערוט.

איינמאָל איז זיי איינגעפאַלן אַז היות זיי האָבן שוין אויסגעפּרוווט

כלערליי תחבולותן און עס האָט נישט געהאָלפן, טאָ אפשר זאָלן זיי אויספּרוּוון דער מומע גיטלס זילבערנעם לעפל?

די מומע גיטל האָט זיי צום ערשט אָפּגערעדט דערפון, וואָרום ווערליך זי ווייסט האָט מען דעם דאָזיקן לעפל נישט באַנוצט צו אַזעלכע זאַכן זייט דער לעפל איז אַ לעפל און זייט מען האַלט אים פאַר אַ סגולה.

דאָס פאָרפאָלק איז אָבער נישט אָפּגעטראָטן. זיי ווילן פּרוּוון. דער לעפל האָט שוין אַזויפיל מענטשן געהאָלפן, אפשר וועט ער זיי אויך העלפן?

הכלל, גלויבט יאָ, גלויבט נישט, ס׳איז אַ זאַך וואָס עס האָבן גע־וווּסט קינד און קייט אין אונדזער שטעטל. דער לעפל האָט געהאָלפן.

זיי זענען אַזוי לאַנג געגאַנגען צו דער מומע גיטל עסן זייערע מאָל־ציַיטן מיט דעם זילבערנעם לעפל, ביז די פרוי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן און זי האָט צו די ניין חדשים געבוירן אַ בן זכר.

דער רעש אין שטעטל איז דעמאָלט געווען אין לשער.

אָבער אַז דער רעש מיט דער מעשה איז דערגאַנגען צום ראַוווער רבין, ביי וועלכן דאָס פאָר פאָלק איז שוין נישט איינמאָל געווען, האָט ער זיך שטאַרק אָנגעכמורעט און אַ קפדן איז ער געווען, דער ראַוווער רבי, האָט ער אַ ברום געטאָן מיט רוגזא:

— ווי לאַנג נאָך וועט מען האַלטן ר׳ יאַנקעלען, זכר צדיק לברכה, ביי די פּאָלעס און מיט זיין זכות בטל מאַכן גזירות פון הימל?

באותו הרגע, דערציילן יידן, ווען דער רבי האָט אַ ברום געטאָן אין ראַווע, איז אין יעזעוו אויסגעבראָכן אַ שריפה און די שריפה איז אויס־געבראָכן גראָד אין דער שטוב פון דער מומע גיטל.

די מומע גיטל איז דעמאָלט אָקוראַט געווען ביים דאַווענען. ווען מען איז איר געקומען אָנזאָגן וועגן דער שריפה, האָט זי נישט מיט איר קול אַ געשריי געטאָן:

— דער לעפל!

עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. די הילצערנע שטוב פון דער מומע גיטל האָט שוין אויסגעצאַנקט אין די פלאַמען און פון דער גאַנ־צער נחלה אירע איז שוין נישט מער געבליבן ווי אַ האָלאָוועשקע.

דעם לעפּל האָט מען געזוכט, געזוכט און נישט געפונען.
ער איז פאַרשוואונדן, ווי די ערד וואָלט אים איינגעשלונגען.

*

די מומע גיטל האָט נאָך דער שׂריפה אָנגעהויבן איינפאַלן און צום יאָר איז זי אַוועק אין דער בעסערער וועלט.

דאָס שטעטל האָט געוווּסט אַז איר טויט איז פאַרבונדן מיטן פאַר־שווינדן פון דעם זילבערנעם לעפּל און דאָס פאַרשווינדן פונעם לעפּל איז אַן עונש פון הימל.

וואָרום אַזוי איז שוין דער דרך אויף דער וועלט: אפילו אַ סגולה טאָר מען נישט באַנוצן מיט גוואַלד. מען דאַרף, הייסט עס, אפילו מיט אַ זכות נישט זיין צופיל תקיף אַנטקעגן דער השגחה און וועלן ביי איר אויספועלן זאַכן וואָס זענען מחוץ לדרך הטבע.

אין געציילטע יאָרן אַרום איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה און פונעם גאַנצן שטעטל איז געבליבן אַ באַרג אַש און אירע יידישע באַוווינער זענען ס׳רוב אומגעקומען.

ווען איך בין אין אָנהייב מלחמה געווען אין מיין שטעטל, האָט מיר אַ זקן געזאָגט:

— ווען דיין מומע גיטל עליה השלום, פאַרזינדיקט נישט דעם זיל־בערנעם לעפּל, וואָלטן מיר נאָך געקענט האָפן אויף אַ זכות, אַזוי ווי אין די פאַרגאַנגענע יאָרן.

ווייבערישער זכרון

(פון די אַרגענטינער מעשׂות)

צי איך געדענק מיין שטעטל? כע־כע... אַ שאלה אַ ביסל... איך בין שוין דאָ אין דעם אַרגענטינע באַלד פופציק יאָר און אַז איר זאָלט מיך אויפוועקן אינמיטן דער נאַכט און פרעגן, ווער ס׳האָט אין אונדזער שטעטל געהאַנדלט מיט שניט־סחורה און ווי אַזוי מען האָט גערופן אויפן צונאָמען דעם בעקער ביי וועלכן מיר האָבן געשטעלט דאָס טשאָלנט, צי אַפילו וועלכער שמואל איטשע ס׳האָט געוווינט אויף די „פיאַסקעס״ און וועלכער אויף דער באָד־גאַס, וועל איך אייך אַלץ זאָגן אויף אויס־וויניק. שאַ, וואָס דאַרפט איר מער? איך געדענק נאָך אַפילו די לאַנגע יוזשע, וואָס האָט געוואַשן ביי יידן ס׳גרעט און האָט שבת פייער גע־מאַכט אין יידישע אויוונס. און נישט בלויז זי געדענק איך, נאָר אַפילו איר זונערו, דעם געשטופלטן יאַנעק, וואָס איז בלינד געווען אויף איין אויג און מיט דעם צווייטן האָט ער אויך געקוקט קאָסאָקע. ער איז שוין אין מיין צייט געווען אַ דערוואַקסענער שגץ. ר׳האָט די מאַמע זיינע געשלאָגן מכת רצח, צוגענומען ביי איר וואו נאָר אַ פאַרדינטן גראָשן און פאַרזשלאָקעט אין שענק. און נישט בלויז זיי ביידע, נאָר אויך די קליינע מאַרישע געדענק איך, און איך געדענק אויך ווי אַזוי צוליב איר איז איינמאָל אין אַן ערב פסח אויסגעבראָכן אַ מהומה אין שטעטל און ווען נישט לייביש קצב, וואָס האָט זי געפונען מיט אַן ערל, אַ יוונישן סאָל־דאַט אין אַ סטאָדאָלע, — וואָלטן ס׳גאַיעס געווען אַנגעטאָן יידן גרויסע צרות און ווער ווייסט צי ס׳וואָלט זיך באַגאַנגען אָן יידיש בלוט... אַזוי ווי היינט געדענק איך עס און איר מעגט שוין הערן וואָס דעמאָלט איז געווען און וואָס עס האָט געטראָפן.

די קליינע מאַרישע איז געווען אַ שיקסע, אַ שיינע נאָר אַ ליליפּוט. זי האָט זיך פון קינדהייט אָן אויפגעהאַלטן ביי יידן און צום מערסטן, געדענק איך, האָט זי געדינט ביי יעקב בער דעם שניט־קרעמער. גע־רעדט האָט זי יידיש ווי אַ וואַסער און אויסגעקאָכט איז זי געווען אין אַלע יידישע דינים, אַזוי ווי אַן אמתע יידישע טאָכטער. וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז דאָס בלוט אין איר איז געווען פון עשיון. כ׳בין נאָך דעמאָלט געווען גאָר אַ יונג מיידעלע און איך האָב נאָך אַלץ וואָס מען האָט גערעדט וועגן איר נישט פאַרשטאַנען. כ׳האָב אָבער שוין געוווּסט, אַז גאָט האָט זי פאַרשאָלטן מיט אַזאַ מין טריפה בלוט וואָס ברענגט זי צו אַלע צרות. יעדעס יאָר, ווי נאָר גאָט האָט געגעבן און ס׳איז פאַרשווּנדן דער ווינטער, אַזוי איז זי אויך פאַרשווונדן און מען האָט נישט געוווּסט ווו זי איז אַהינגעקומען. שפּעטער מיט אַ צייט, אין זומער אַריין, פלעגט זי קאַפּויער־קומען, שטיל ווי אַ כּאַמיקל, און זיך צוריק שטעלן דינען אויף איר אַלטער שטעל און צו חנוכה־צייט פלעגט מען שוין אין שטעטל שמועסן, אַז די מאַרישע האָט אויפסניי געהאַט אַ „בענקאַרט״ און מיר, קליינע קינדער, פלעגן לויפן קוקן ווי זי האָדעוועט דאָס נפשל און וויינט איבער אים מיט ביטערע טרערן.

אַזוי איז דאָס געווען אַ צייט לאַנג. דער ליליפּוט פלעגט אַלע ערב פּסח פאַרשווינדן, אַלע פאַר שבועות צוריקקומען אין שטעטל און אַלע חנוכה־צייט האָבן אַ בענקאַרט. ווו זי האָט אַהינגעטאָן די אַלע בענקאַר־טעס האָט קיינער נישט געוווּסט. געשמועסט האָט מען, אַז נאָך דעם ווי זי האָט זיך מיט זיי אָנגעשפּילט און איבער זיי אָנגעוויינט וואָכן, האָט זי זיי דערטרונקען אין דער „זשעקע״. אַנדערע האָבן געזאָגט אַז זי האָט זיי אונטערגעוואָרפן נעבן קלויסטער און פון דאָרט האָבן זיי די גויים, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אייגענע קינדער, גענומען אַהיים צו זיך און זיי דערצויגן. און נאָך האָט מען געשמועסט אַז די ערלים האָבן זי פיינט און טרייבן זי פון זייערע שטובן, אָנרייצנדיק אויף איר די הינט און אויך די קליינע שקצים, וואָס יאָגן זיך נאָך איר מיט קולות און מיט שטיינער. צווישן די אַלע הינט און קינדער, האָט מען געזאָגט,

יאָגן זיך נאָך איר אויף אירע אייגענע קינדער וואָס ווייסן נישט אַז זי איז זייער מאַמע.

איינמאָל, הערט איר, פאַר פסח, דאַרף זיך אָבער טרעפן אַז די מאַרישע פאַרשווינדט ווי איר שטייגער איז געווען. און דער נייער גלח פון שטעטל נעמט מורמלען אַז די יידן האָבן זי, שונאי ציון, געשאָכטן און איר בלוט פאַרטאָן אין די מצות. ס'איז געווען אַ בפירושער בילבול נאָר די כאַמעס האָבן דערין געגלייבט און אפשר האָבן זיי נישט גע־גלייבט, נאָר מען האָט זיי אָנגעהעצט? אַזוי צי אַזוי, ס'איז געווען אַ ביטער שטיקל צייט פאַר יידן און וואָס נענטער ס'איז געקומען צום הייליקן יום־טוב פסח, אַלץ ביטערער איז געוואָרן. די זשלאָבעס האָבן זיך צונויפגעקליבן אין מאַרק און געטענהט, אַז די יידן זאָלן זאָגן וואָס זיי האָבן געטאָן מיט דער מאַרישען, אַנדערש וועלן זיי אַלע יידן אויס־קוילענען. מען האָט אָפּגעהאַלטן אסיפותביים רב, מען האָט געוואָלט די אָנפירער ביי די גויים אונטערקויפן מיט געלט, מען האָט גערעדט צו זייער יושר, נאָר ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן: די „פשא־יוכעס" זענען געבליבן איינגעשפּאַרט ווי אַ שטיין און רק געשריגן, אַז מען זאָל זיי ברענגען די מאַרישען. ווער ווייסט וואָס עס וואָלט געווען ווען לייבוש קצב לאָזט זיך נישט אַרויס אין די דערפער זי זוכן. ער האָט קיינעם גאָרנישט געזאָגט, דער קצב, נאָר איז אַרויס פון שטעטל אין אַ דינסטיק פאַרטאָג און מען האָט געמיינט אַז ער גייט קויפן עפּעס אַ דקה אויף שבת. פרייטיק נאָכמיטיק, שוין נאָענט צו קבלת שבת, האָט ער זיך צוריק באַוויזן אין שטעטל מיט דער מאַרישען אויף דער פּלייצע. ער האָט גלייך אַוועקגעשפּאַנט צום קלויסטער און דאָרט האָט ער זי צו־געשטעלט צום נייעם גלח און פון דעם בלבול איז באַלד גאָרנישט גע־וואָרן. די עשיוס האָבן זיך שפּעטער געשעמט צו קוקן די יידן אין די אויגן אַריין און אין שטעטל איז געווען אַ פריילעכער יום־טוב. מען האָט זיך אין אַלע שטובן דעמאָלט נאָכדערציילט, ווי אַזוי לייבוש האָט זי געפּאַקט אין אַ שייער מיט אַ סאָלדאַט, ווי אַזוי ער האָט דעם סאָלדאַט געגעבן אַזאַ כמאָל, אַז יענער האָט שיער נישט דערזען זיין יונישע עלטער־באָבע, און ווי אַזוי דערנאָך ערשט האָט ער זי, די קליינע מאַ־

רישע, געכאַפּט ווי אַ שעפּסל אויף די פּלייצעס און אַזוי זי געבראַכט צום גלח. זי האָט געדריגעט מיט די נאַקעטע רויט־בלויע פּיסלעך און געשאָלטן מיט טויטע קללות, נאָר ס'האָט איר געהאָלפן ווי אַ טויטן אַ שיר המעלות. לייבוש קצב איז געווען אַ ייד אַ גבר און כאָטש אין שטעטל האָט מען פון אים נישט גאָר שטאַרק געהאַלטן און ער האָט געמוזט האָבן אַ נאמן אין זיין יאַטקע, האָט אָבער דער רב שפּעטער אין זיין דרשה געזאָגט, אַז ער האָט געטאָן אַ גוטע זאַך פאַר יידן און ער האָט זיך געקויפט עולם הבא מיט דער מצווה. צי די קליינע מאַרישע האָט דערנאָך ווייטער געדינט ביי יידן, געדענק איך נישט. דאַכט זיך מיר אַז זי איז נאָך דער מעשה אינגאַנצן אַוועק פון שטעטל און זי האָט געדינט אויפן וואָקזאַל פון דער נאָענטער סטאַנציע, אין ראַגעוו.

און בלויז דאָס? איך געדענק נאָך אַ סך אַ סך אַנדערע זאַכן פון שטעטל. אָט אַז איר זאָלט מיך פרעגן צי איך האָב דעם מילך־גוי נעכטן באַצאָלט פאַר דער מילך וואָס אים קומט, וועל איך אייך נישט קענען זאָגן אויף זיכער, אָבער די דריי גראַשן וואָס איך בין שולדיק געבליבן חנא דעם באַקאַליי־קרעמער דעמאָלט ווען מיר זענען אַוועק פון שטעטל, געדענק איך זייער גוט און אַדאַיעם קען איך מיך נישט מוחל זיין פאַר־וואָס כ'האָב דעם חוב נישט צוריק געשיקט. ס'איז שוין אַ מעשה פון באַלד פופציק יאָר און איך געדענק עס ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטן געווען און אַז איך דערמאָן זיך פלאַמט מיך דאָס פּנים נאָך היינט פון בושה וואָס חנא דער באַקאַלייטשיק האָט דעמאָלט געטראַכט וועגן מיר אַז איך בין אַנטלאָפן און אים אָנגעזעצט די דריי גראַשן. און שול־דיק איז דערין געווען מיין מאַן, עליו השלום. אַזאַ מין איילעניש איז אים דעמאָלט באַפאַלן, אַז כ'האָב פּשוט פאַרגעסן ווו איך בין אין דער וועלט און האָב זיך אַפילו מיט שמעון יעקבס טאָכטער, איידל, נישט געקענט געזעגענען און בין אַוועק פון שטעטל ווי אַ גנב, וואָס אַנט־לויפט פון קרימינאַל.

די איידל איז געווען מיין בעסטע חברטאָרן, נאָר כ'האָב אויף איר געהאָט אַ בייז האַרץ. אפשר איז עס נאַריש פון מיין זייט, נאָר אַז כ'דער־מאָן זיך, בין איך אויף איר נאָך היינט אין כעס. ס'איז געווען אַזוי:

כ׳בין אַ כלה געוואָרן פון דעם נאָענטן שטעטל ראַווע און אויף ראש השנה, האָט מיין טאַטע, עליו השלום, פאַרבעטן דעם חתן צו גאַסט. דער חתן איז געקומען און די מאַלצייטן האָט ער געגעסן ביי אונדז. כ׳בין נאָך דעמאָלט געווען אַ יונגע ציג און האָב געהאַט גרין אין קאָפּ. קיין מאַמע האָב איך שוין נישט געהאַט און ווער עס זאָל מיר לערנען איז אויך נישט געווען. פרעג איך דעם טאַטן, עליו השלום: טאַטע, וואָס זאָל איך אָנטאָן אַז דער חתן וועט קומען? ענטפערט ער מיר: טו זיך אָן שיין. וואָס אָבער כ׳זאָל אָנטאָן, זאָגט ער מיר נישט. וואָס ווייסט אַ טאַטע, אַ מאַנסביל, אין ווייבעריש אָנטועכץ? פרעג איך מיין חברטע, וואָס כ׳זאָל אָנטאָן און אוודאי זאָגט זי מיר, אַז איך זאָל אָנטאָן דאָס גרויע קליידל מיט דעם איבערגעלייגט ווייסן קאָלנער. כ׳האָב געוואָלט אָנטאָן דעם גרינעם סאַראַפאַן מיט די רויטע בלומען וואָס האָט מיר גוט געקליידט, נאָר אַז די חברטע רעדט מיך צו צום גרויען קליידל, האָב איך זי געפאָלגט. זי וועט דאָך מיר נישט געבן קיין שלעכטע עצה. נו, וואָס פרעגט איר? דעם ערשטן טאָג ראש השנה, נאָך דעם מאַלצייט, קומען זיך צונויפֿ געסט און צווישן זיי קומט אויך מיין חברטע איידל... און אַליין האָט זי זיך דווקא אויסגעפוצט אין אַ רויט קליידל מיט צייגיינערישע בלומען. כ׳האָב עס שיער נישט אויסגעהאַלטן. דערנאָך ווען כ׳האָב געזען, אַז מיין חתן קוקט טאַקע אויף איר מער ווי אויף מיר, האָב איך שיער די שלאַק נישט באַקומען און איך האָב זיך צעוויינט ווי ס׳וואָלט געווען תשעה באב. נאָך אַ נס וואָס דער חתן מיינער איז באַלד נאָך יום־טוב צוריקגעפאָרן קיין ראַווע. אין דעם זעלביקן ווינטער האָבן מיר געשטעלט אַ חופּה.

נאָך דער חתונה האָבן מיר געוווינט אין מיין שטעטל און מיין מאַן האָט געהאַנדלט מיט באַבע־יודע, ס׳הייסט מיט אַלץ וואָס ס׳איז אים געקומען אין די הענט. ס׳איז צווישן אונדז חלילה נישט געווען קיין מחלוקת, נאָר קיין גאָר גוט לעבן איז אויך נישט געווען. עפּעס האָט ער אין די ערשטע יאָרן נאָך אונדזער חתונה, נישט געהאַט צו מיר קיין האַרץ. כ׳ווייס נישט פאַרוואָס. דערין איז, בין איך זיכער, שולדיק געווען מיין חברטע איידל און אפשר האָט זיך מיר עס דעמאָלט אַזוי אויסגע־

דאַכט? כ׳ווייס נישט. כ׳ווייס נאָר, אַז כ׳האָב צוליב איר נישט איינמאָל אויסגעוווייקט דאָס קישן מיט מיינע טרערן. כ׳האָב אָבער נישט געהאַט קיין לב מיט איר זיך צוצוקריגן און זי האָט זיך געדרייט ביי מיר אין שטוב ווי אַ פֿאַלשער שילינגער. און שטענדיק אויסגעפּוצט ווי חוהלע צום גט. כ׳האָב זיך געענוג פֿון איר אויסגעפּוצטקייט אָנגעליטן און ווי אויף להכעיס האָט זיך איר קיין שידוך נישט געמאַכט און זי איז כסדר געווען אַ כלה־מיידל, און דערצו אַ מויד — אַ ברען, וואָס אַלץ האָט געפֿלאַקערט אונטער אירע הענט און די ערד האָט זיך געטרייסלט אונטער אירע פֿיס.

איינמאָל אין אַן אָנהייב נאַכט, נאָך מנחה־מעריב, איז מיינער אַהיימגעקומען פֿון גאַס און איך האָב אים דערלאַנגט וועטשערע. איך זע: ער זיצט ביים טיש און עסט נישט, נאָר דזשאַמדזשעט. כ׳פֿאַרשטיי שוין אַז דאָס מאכל שמעקט אים נישט. אַ צרה געווען מיטן עסן. וואָס כ׳האָב אים נאָר נישט געקאָכט, איז אים נישט געפֿעלן געוואָרן און כאַפּן דעם ריכטיקן שניט פֿון דעם וואָס ער האָט ליב, האָב איך בשום אופֿן נישט געקענט, כאָטש כ׳האָב זיך זייער געסטאַרעט. גראָד דעמאָלט איז ביי מיר אין שטוב געווען איידל, מיין חברטע און אַז זי האָט געזען ווי מיינער זיצט איבערן טעלער און דוכנט, גיט זי אַ זאָג צו מיר: פֿאַר־וואָס זאָלסטו נישט קאָכן קליסקעלעך מיט לעבער? אַלע מאַנסלייט, זאָגט זי, האָבן ליב קליסקעלעך מיט לעבער־יויך. און נישט לאַנג געטראַכט לויפֿט זי צו זיך אין שטוב אַריין און קומט צוריק מיט אַ טעפּל קליס־קעלעך מיט לעבער. זי האָט, זאָגט זי, דאָס אַקוראַט היינט געקאָכט אויף וועטשערע פֿאַרן טאַטן. מכלומרשט מאַכט זי זיך, ווי עס וואָלט געווען אַ געוויינלעכע זאַך, אָבער איך זע שוין, אַז אירע אויגן פֿייערן און כ׳וואָלט געשווירן, אַז זי האָט אויף זיך אַרויפֿגעכאַפּט דאָס יום־טובדיקע, ענגע קאָפּטל, אין וועלכן די מאַנצפֿאַרשוינען האָבן פֿאַר איר די נכפה געקריגן. איך מיין, אַז מיינער וועט זיך אָפּזאָגן און נישט וועלן עסן, אָבער ס׳איז נישט אַזוי געשען. מיינער האָט אויפֿגעגעסן ס׳גאַנצע געקעכץ און נישט איבערגעלאָזט אַ קריש. אָפּגעגעסן, האָט ער זיך נאָך אַרומגעדרייט איבער דער שטוב, כלומרשט פֿאַרטאָן אין חשבונות און

אונטערגעבורטשעט עפּעס פון וואָס איך האָב געזען אַז ער איז גאָר שטאַרק צופרידן. און ווי אויף להכעיס האָט איידל גאָרנישט געוואָלט אָפּטרעטן פון שטוב און מיט איר יום־טובדיקן, ענגן קאָפּטל זיך רק געדרייט פאַר זיין פּנים. אַז כ׳האָב דאָס דעמאָלט אויסגעהאַלטן און ס׳האַרץ האָט אין מיר נישט געפּלאַצט, בין איך טאַקע שטאַרקער פון אייזן.

יאָ, יאָ, איבער פופציק יאָר זענען שוין זייט דעמאָלט אַוועק. נאָר כ׳געדענק, כ׳געדענק אַלץ. כ׳האָב גענוג צרות מיטגעמאַכט אין דעם אַר־גענטינע. כ׳האָב זיך גענוג אָנגעמוטשעט און אויסגעריסן געוואָרן ביז מיר זענען צו עפּעס געקומען. לסוף בין איך געוואָרן אַן אלמנה און געבליבן אויף דער עלטער אַזוי עלנט ווי אַ שטיין, אָן קינד און אָן רינד. נאָר אַז כ׳דערמאָן זיך יענע צייט נאָך דער חתונה, ווי מיין חברטע איידל איז מיר דערגאַנגען די יאָרן, פאַרקלעמט מיר נאָך אַלץביים האַרץ. כ׳הער אַז זי איז שוין נישטאָ. אומגעקומען, זאָגט מען, מיט אַלע יידן אין פוילן. נו, זאָל איר דער אויבערשטער מוחל זיין און זאָל זי האָבן דעם ליכטיקן גן־עדן. נאָר דעם אמת וועל איך זאָגן אפילו ווען מען וועט מיר לייגן שערבעלעך אויף די אויגן: זי האָט נישט געדאַרפט אָנטאָן דעמאָלט דאָס רויטע קליידל מיט די ציגיינערישע בלומען און מיך אויספוצן אין דעם גרויען קליידל מיטן איבערגעלייגטן קאָלנער... אויך מיט דעם טעלער קליסקעלעך מיט לעבער האָט זי מיר דעמאָלט געטאָן אַן עוולה, אַ גרויסע עוולה...

אַ מעשה מיט אַ זייגער

די מעשה שהיה האָט מיר דערציילט אַ ייד אין בוענאָס איירעס, איך האָב זי פאַרשריבן און אָט — אַז איר ווילט, לייענט.

— אין ניסים גלויבט איר? איך פרעג, כאָטש איך ווייס, ס׳איז אַ נאַרישע פראַגע. אַ מענטש וואָס גלויבט נישט אין דער השגחה זאָל גלויבן אין ניסים? נו, פון דעסטוועגן קאָן איך מענטשן וואָס זאָגן אויף זיך, אַז זיי זענען כופרים בעיקר און הייסט זיי, בעתן קאָרטן־שפּיל, זיך איבערזעצן אויף אַן אַנדער בענקל בעת די קאָרט גייט זיי, וועלן זיי עס בשום אופן נישט טאָן. פאַראַן געוויס אַזעלכע וואָס גלויבן נישט און דאָך זענען זיי פול מיט אייבערגלויבן. עס קאָן דעריבער מעגלעך זיין, אַז איר זאָלט גלויבן אין ניסים, כאָטש אין דעם עושה־ניסים גופא גלייבט איר נישט.

אָבער גלייבט יאָ, גלייבט נישט, איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה שהיה, טאַקע מיט מיר גופא. אייגנטלעך וועל איך די מעשה דערציילן גאָרנישט אייך, נאָר זיך אַליין. שוין יאָרן, אַז איך דערמאָן זיך ווי אַזוי זי איז געשען און איך וווּנדער זיך נאָך אַלץ פאַרוואָס זי איז געשען און ווי אַזוי זי איז געשען.

כ׳בין דעמאָלט געווען אַ יונגערמאַן און כ׳בין געהאַט אַ חתן גע־וואָרן מיט אַ כלה וואָס האָט געוווינט אין אַ שטאָט וואָס איז געווען היפּש ווייטלעך פון דעם שטעטל אין וועלכע מיינע עלטערן האָבן גע־וווינט. דעם אמת געזאָגט בין איך פון דעם שידוך נישט צופרידן געווען. נישט די כלה איז מיר געפעלן געוואָרן און נישט מיינע מחותנים זענען מיר געפעלן געוואָרן. מילא, זיי לעבן דאָך שוין נישט און איך וועל זיי נישט באַרעדן, אָבער זיי זענען געווען פּריקרע מענטשן און כ׳האָב ווי מען זאָגט, געוויס „געקאָפּעט דאָס ליילעך" וואָס איך דאַרף ווערן זייער איידעם.

וואָר איז, אַז אין יענער צייט האָט מען שוין ביי יידן זיך נישט געפירט מען זאָלן נייטן אַ בחור חתונה צו האָבן קעגן זיין ווילן. אָבער ביי אונדז אין שטוב האָבן נאָך געהערשט די אַלטע פּראַוועס. דער טאַטע, ע״ה, איז געווען אַ מענטש מיט אַ שווערן כאַראַקטער, ער האָט געהאַלטן די לייצעס פעסט אין זיינע הענט און קיינער האָט זיך נישט דערוועגט אים אַנטקעגן צו רעדן. ער האָט געזאָגט וואָס מען זאָל קאָכן און ער האָט באַפוילן דעם שניידער וואָס פאַר אַ מלבושים ער זאָל פאַר אונדז נייען. מיינע שוועסטערן האָבן זיך אויסגעוויינט די אויגן. אַ גאַנץ שטעטל מיידלעך האָבן שוין געטראָגן גרינגע פאַנטעפעלעך מיט העל־קאָלירטע זאָקן און זיי זענען נאָך אַלץ געגאַנגען אין הויכע שיך צו שנורעוון. אַז איין שוועסטער מיינע, די מיטלסטע, האָט זיך אָפּגעשוירן די צעפּ, אָן טאַטנס וויסן, האָט ער אַ האַלב יאָר צייט געהאַלטן אירע שיך פאַרשלאָסן אין דעם שווערן מיט מעש־באַשלאָגענעם קופערט און זי האָט זיך נישט געקענט באַווייזן אין גאַס אַריין. ס׳איז דאָך נישט שייך צו רעדן אויף אַן אייגענעם טאַטן, נאָר ער איז געווען, ווי מען רופט עס, אַ דעספּאָט, אפשר אַ שטיקל סאַדיסט אויך.

זאָל איך זאָגן, אַז ער האָט נישט ליב געהאַט זיינע קינדער? ניין, ער האָט אונדז מסתמא יאָ ליב געהאַט און געוואָלט אונדזער גוטס. אָבער וואָס קומט אַרויס? ער האָט געהאַלטן, אַז כיבוד אב איז איבער אַלץ. ס׳איז גענוג געווען, אַז אַ קינד זאָל אַרויסווייזן חשק צו עסן לאָקשן, אַז עס זאָל דווקא מוזן עסן קאַשע. ער האָט געהאַט זיינע אייגענע באַגריפן וועגן קינדער און וועגן דעם ווי אַזוי מען דאַרף „זיי מאַכן פאַר מענטשן״. ס׳זאָל אים צו קיין גנאי נישט זיין: געמאַכט האָט ער פון אונדז צעקוועטשטע לעמעשקעס. אָן ווילן, אָן אייגענער איניציאַטיוו, אַנגעשראָקענע ברואים וואָס שטענדיק האָבן זיי געטאָן דאָס וואָס יענער וויל און קיינמאָל נישט וואָס זיי אַליין האָבן געוואָלט.

ס׳ערגסטע איז געווען מיט די שידוכים. אַז דער טאַטע איז געווען דער פוסק אחרון ביי יעדן שידוך פון זיינס אַ קינד, דאַרף איך אייך נישט דערציילן. פון דעסטוועגן האָט זיך דאָך אַמאָל, על פּי צופאַל, געקענט טרעפן, אַז ער זאָל צוזוכן אַ פּאַסיקן זיווג פאַר אַ זון, אָדער אַ טאָכטער?

ניין, האָט זיך דאָס קיינמאָל נישט געטראָפן. אַלע זיווגים זענען געווען קרומע און לאָמע, צונויפגעפּירט אַ קאַטשערע מיט אַ לאָפּעטע. כ׳זאָל אייך גיין דערציילן מיט וואָס די דאָזיקע שידוכים האָבן זיך פאַרענדיקט, וואָלט איך געדאַרפט אָנשרייבן אַ גאַנץ בוך. כמעט אַלע מיינע ברידער זענען געווען אומגליקלעך מיט זייערע ווייבער. די שוועסטערן האָבן זיך אַלע ווי איינע געגעט און איינע פון זיי, די מיטלסטע, די וואָס האָט זיך געהאַט אַמאָל אָפּגעשוירן די צעפּ, איז אַנטלאָפן מיט אַ פרעמדן מאַן. כ׳האָב אויף איר נישט קיין פאַריבל: זי האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון טאַטנס שטייג, האָט זי זיך צעהפקרט, איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַלע עולן. אַזוינס טרעפט.

נאָר לאָמיך נישט פאַרקריכן אין אַ זייט. איך בין געווען אַ חתן און יעדער טאָג וואָס האָט מיך דערנענטערט צו דער חתונה איז געווען פאַר מיר ווי איך וואָלט זיך דערנענטערט צו דער תליה. כ׳בין שוין געווען פאַרבעטן צו מיינע שווער און שוויגער אויף חול המועד סוכות און וואָס איך האָב זיך דאָרט אָנגעליטן חתנווייז איז נישט אויסצודערציילן. כ׳בין געווען אַ חתן, אַ גאַסט, אָבער באַהאַנדלט האָט מען מיך ערגער פון אַ שמאַטע. ווי וויל כ׳בין נישט געווען קיין גראָבער יונג האָט מיך דער מחותן כסדר געכאַפּט ביי גרייזן און באַוויזן פאַר אַלעמען, אַז איך קען גאָרנישט און פאַרשטיי גאָרנישט. די כלה, הגם זי איז נעבעך געווען אַ מיאוסע, האָט זי זיך געהאַלטן קעגן מיר ווי אַ בת מלכה קעגן אַ פּראָסטן פאַסטעך. זי האָט מיך רק שטעכעלירט און רק מיר אַריינגעזאָגט אַזעלכע ווערטלעך וואָס פאַרגייען אין דער זיבעטער ריפּ. אַריינזאָגן איז געווען זייער אַלעמענס טבע. פון דער פרי ביז אין אָוונט האָט זיך די משפחה נישט געקריגט, נאָר זיך געווערטלט און אַלץ מיט אַזעלכע נאָדלדיקע רייד, מיט אַזעלכע אָנצוהערענישן און שפּיציקייטן, אַז ס׳איז געוואָרן פינצטער פאַר די אויגן און ביטער אין מויל. כ׳האָב באַשיימפּערלעך געזען ווו איך בין אַריינגעפאַלן און וואָס פאַר אַ לעבן איך קאָן דאָ דערוואַרטן.

ס׳איז פשוט נישט צו גלייבן. כ׳בין געווען גאָרנישט קיין נאַרישער בחור, אפילו אַ שטיקל קענער און מיידלעך האָבן זיך פון תמיד אָן גע־

וואָלט מיט מיר חברן, אָבער כ׳בין געגאַנגען אין טאַטנס שפּאַן ווי אַ באַיאָרטער אָקס. כ׳האָב נישט געהאַט קיין שום אייגענעם ווילן און יעדער האָט מיט מיר געקענט מאַכן וואָס ער האָט געוואָלט. מיטן שכל האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך פיר זיך ווי אַ לעמעשקע, אַז אַ מענטש מיט אַ ביסל כאַראַקטער וואָלט זיך אַנטקעגנגעשטעלט און נישט געגאַנגען אַזוי ניכ־נעדיק צו דער אייגענער שחיטה. נו, אָבער אַז דער טאַטע ע״ה האָט אויף מיר געגעבן בלויז איין קוק, פלעגן אַלע מחשבות זיך צעלויפן און כ׳בין געבליבן ווי אַ געליימטער. מען האָט מיך געקענט הייסן שפּרינגען אין פייער וואָלט איך געשפּרונגען. כ׳וואָלט אפילו מיט דער באַבאַ־יאַגאַ אויך חתונה געהאַט, ווען דער טאַטע זאָל זאָגן, אַז דער שידוך מיט איר געפעלט אים.

פאַרוואָס מיין טאַטן איז געפעלן דער דאָזיקער שידוך, ווייס איך נישט. די מחותנים זענען נישט געווען רייך. זייער יחוס? מנא, לאָמיר בעסער נישט רעדן. דערצו זענען זיי געווען קאַרגע און אסור צי זיי האָבן פאַרמאָגט עפּעס מעלות אויך. וואָלט כאָטש די כלה געווען אַ מענטש, שיין, גוט, אָדער לפּחות געלערנט. ניין, נישט אַנדערש נאָר דער טאַטע האָט מיך געוואָלט פּאַר עפּעס באַשטראָפן. און אפשר האָט ער זיך געהאַט זיינע חשבונות פון וועלכע איך ווייס נישט? סיי ווי — ס׳איז מיר געווען שלעכט און כ׳האָב נישט געזען פאַר זיך קיין שום עצה.

אָפּגעשמועסט די חתונה האָט מען אויף נאָך שבת נחמו און דערווייל האָט מען מיך אויף פסח נאָך אַמאָל פאַרבעטן צו די מחותנים. פאַרשטייט זיך, אַז כ׳בין געפאָרן אַהין ווי מען פאָרט אויף אַ לוויה. דערצו האָט דער טאַטע מיך אויסגעפּוצט אין אַ הולד, נאָר אין אַ מוזעאום אַריינצושטעלן. כ׳האָב געוווסט, אַז כ׳וועל ליידן חרפּות און בושות, אָבער אַ ברירה האָב איך געהאַט? דער טאַטע האָט געזאָגט: פאָר, בין איך געפאָרן.

מיטגעגעבן האָט מיר די מאַמע ע״ה, אַ מתנה פאַר מיין כלה, אַ בריליאַנטן רינגל און אַ פּאָר בריליאַנטענע אויערינגלעך. געדאַרפט האָב איך די דאָזיקע מתנה איר איבערגעבן ווי נאָר איך בין געקומען צו פאָרן, ווייל אַזוי איז דער דרך העולם. נו, די מענטשן זענען אָבער געווען, ווי כ׳האָב אייך שוין געזאָגט, שטעכעדיקע און פריקרע און אַז כ׳בין צו זיי

פאַרפאָרן האָבן זיי מיך אַזוי אויפגענומען, אַז כ׳האָב פאַרלוירן ס׳לשון און בין געוואָרן אַ צעטומלטער. האָב איך אין צעטומלעניש די מתנה נישט געגעבן, אָפּגעלייגט אויף שפּעטער אויף אַ בעסערער מינוט און דאָס טאַקע איז געווען מיין נס.

כ׳האָב אייך נישט דערציילט, אַז ווען איך בין געווען ס׳ערשטע מאָל צוגאַסט ביי מיין כלה, האָט מיר דער פאָטער אירער געגעבן אַ מתנה אַ זייגער. נישט קיין גאָלדענער זייגער, קוים אַ זילבערנער און אפשר גאָר אַ ניקלענער, אָבער אַ זייגער. זאָלט איר געווען זען וואָס זיי האָבן עס צעפּראַוועט מיט אָט דער זייגער־מתנה און ווי רייך זיי האָבן מיך מיט איר געמאַכט... אַ לאַדע וואָס און אַ לאַדע ווען האָט דער צוקונפטיקער שווער מיינער מיך אַ פרעג געטאָן: נו, ווי האַלט עס עפּעס מיטן זייגער? ער גייט נאָך? האָסט אים נאָך נישט געפּטרט? אַז איך פלעג אַמאָל אַ קוק טאָן אויפן זייגער כדי צו זען ווי שפּעט ס׳איז און די כלה מיינע איז געווען דערביי, פלעגט זי מיט אַ גרין שמייכעלע אַ זאָג טאָן צו דער מוטער: זע, נאָר זע, ער קען זיך דאָך טאַקע אויף אַ זייגער... אָדער זי פלעגט זאָגן: ער קוקט שוין אויפן זייגער, מסתמא ווילט זיך אים שוין ווידער עסן... און וואָס זאָל איך אייך זאָגן? כ׳ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר כ׳האָב דעם דאָזיקן זייגער פיינט געקריגן ווי אַ לעבעדיקן שונא. כ׳פלעג אים נעמען אין האַנט אַריין, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער בריט מיך. כאָטש וואָס איז דער זייגער געווען שולדיק און וואָס האָב איך געקענט צו אים האָבן.

הערטזשע ווייטער. דעם צווייטן טאָג פּסח בין איך אַרויס אַ ביסל שפּאַצירן מיט מיין כלה. מילא, ס׳איז שוין איינמאָל געווען אַ שפּאַציר. מיר זענען געגאַנגען און הינטער אונדז זענען נאָכגעגאַנגען צוויי יונ־גערע ברידער אירע און האָבן פון אונדז די גאַנצע צייט געחוזקט. און די כלה אַליין האָט אויך נישט געשוויגן: דאָ בין איך איר געגאַנגען צו גיך און זי געלאָזט פון הינטן און דאָ בין איך איר געגאַנגען צו פּאַוואָליע און זיך געשלעפּט ווי אַן אַלטער מלמד, אַ געבראָכטער. זענען מיר גע־גאַנגען און געגאַנגען און דערגאַנגען צום טייך וואָס אין יענער שטאָט און ווי מיר זענען אָנגעקומען צום טייך האָט זיך דאָרט פּלוצים אויפגע־

הויבן אַ געוואַלד. וואָס איז? אַ מענטש האָט זיך געטרונקען. הכלל, שווימען האָב איך געקענט, האָב איך נישט קיין סך טראַכטנדיק זיך אַ וואָרף געטאָן אין טייך און גענומען ראַטעווען דעם טרינקנדיקן. איר מיינט כ׳האָב געוווסט וואָס איך טו? אסור. אָבער סיי ווי — וואָס איז דאָ די עוולה? פאַרוואָס איז מיר געקומען אַן עונש, באשר כ׳האָב גע־ראַטעוועט אַ מענטש? דער שכל איז מחייב פאַרקערט. נישט אַזוי?

נו, אָבער ביים וואַרפן זיך אין טייך אַריין האָב איך געהאַט פאַרגעסן אין דעם זייגער. און אַז דער מחותן האָט זיך דערוווסט, אַז דער זייגער איז צוליבן וואַסער שטיין געבליבן, איז ער אַריין אין אַזאַ רציחה, אַז ער האָט מיך געוואָלט דורס זיין. כ׳זאָל אים רק זאָגן ווער ס׳האָט מיך גע־בעטן צו באַווייזן גבורות און צו ראַטעווען מענטשן? אַז בסך הכל בין איך דאָך נישט קיין היגער. טאָ וואָס האָב איך זיך צו מישן אין היגע ענינים און צו פטרן אַ טייערן שווייצאַרישן זייגער? הכלל כ׳האָב קוים דערלעבט ביז צו מאָרגנס, דעם ערשטן טאָג חול המועד. באַלד אין דער פרי האָט ער מיר באַפוילן אַ היים צו פאָרן און זאָגן דעם טאַטן, אַז ס׳איז אויס שידוך. און וואָס שייך דעם זייגער וועט ער אים, דעם טאַטן מיי־נעם, רופן צו אַ דין־תורה.

ווי אַזוי פאָרט מען עס אָבער אַהיים צום טאַטן און מען זאָגט אים, אַז ס׳איז אויס שידוך און אַז סע וואַרט אויף אים נאָך אַ דין תורה? גלייבט מיר, אַז איך וואָלט שוין גיכער אַריינגעשפּרונגען אין אַ קאַלך גרוב איידער זיך באַווייזן פאַרן טאַטן מיט אַזאַ בשורה. נו, אָבער ביים מחותן אין שטוב האָב איך אויך נישט געקענט בלייבן. האָב איך גענומען דאָס רענצל און בין אַוועק אבל וחפוי ראש, צו דער באַן־סטאַציע.

גייענדיק אַזוי צו דער באַן־סטאַציע האָב איך מיט אַמאָל דערפילט ווי עמיצער כאַפּט מיך אַרום. כ׳דריי זיך אויס און איך זע אַ יונגן אומ־באַקאַנטן מענטש. זע נאָר, שרייט ער אויס, ער דערקענט מיך נישט. איר האָט דאָך מיך נעכטן אָפּגעראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט. ווו זייט איר פלוצים פאַרשווונדן געוואָרן? כ׳האָב אייך שפּעטער געזוכט, גע־וואָלט אייך דאַנקען און נישט געפונען.

און וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען? דער מענטש האָט מיך אַוועק־

געפירט צו זיך אַ היים און דאָרט האָט מען גענומען מאַכן איין לחיים נאָכן צווייטן, אַלץ וועגן דעם וואָס איך האָב אים אָפּגעראַטעוועט, הייסט עס. אַזוי ווי קיין טרינקער בין איך נישט געווען, בין איך באַלד איינגעשלאָפן און אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען צו מאָרגנס.

אויפגעכאַפּט זיךביים פרעמדן מענטש אין שטוב האָב איך דאָרט דערזען אַ מיידל וואָס האָט מיך, קאָן מען זאָגן, געפּלעפט פון דער ערשטער מינוט אָן. איך ווייס אסור נישט ווי אַזוי ס׳איז געשען, נאָר כ׳זאָג אייך נישט קיין ליגן, אַז אין צוויי שעה אַרום איז זי מיר שוין געווען אַזוי איינגעבאַקן אין האַרצן, אַז איך האָב געפילט דאָס איך וועל אָן איר נישט קענען לעבן. און אַז איר ברודער, טאַקע דער מענטש וואָס איך האָב אים געראַטעוועט, איז אַ היים געקומען פון גאַס, האָב איך זיך פאַר אים צעוויינט און האָב אים דערציילט מיין גאַנץ באַדרענגעניש. אַלע מיינע צרות האָב איך אים אויסדערציילט, וועגן דעם שידוך, וועגן טאַטן און אויך וועגן דעם, אַז זיין שוועסטער איז מיר אַריין אין האַרצן און איך זע דעריבער נישט קיין אַנדערע עצה ווי נאָר צו ווערן אַ מאבד את עצמי לדעת.

לאָמיך מאַכן בקיצור. הערשל, אַזוי האָט דער געראַטעוועטער געהייסן, האָט מיך גוט גענומען אין די הענט אַריין. ער האָט מיך געהאַלטן ביי זיך איבער גאַנץ יום טוב און האָט אַלץ אין מיר אַריינגערעדט און מיר געגעבן קוראַזש. זיין פּלאַן איז געווען אַ פּשוטער: צוריק פאָרן אין שטעטל אַריין, דעם טאַטן גאָרנישט דערציילן, דער מאַמען נישט צוריק געבן די אויערינגלעך מיטן פינגערל, מחמת זיי וועלן צו נוץ קומען. ווי אַזוי? גאָר פּשוט. אין דער היים דאַרף איך שטילערהייט זיך מאַכן אַ פּאַספּאָרט און דערנאָך זאָל איך קומען צו אים. היות ער מיט דער שוועסטער קלייבן זיך סיי ווי צו פאָרן קיין אַרגענטינע, וועל איך מיט זיי מיטפאָרן און וואָס ווייטער וועט זיין, וועט מען זען.

ס׳וואָלט אפשר גאָרנישט געוואָרן פון דער גאַנצער זאַך, אָבער דער הערשל איז שפּעטער געקומען צו אונדז אין שטעטל אַריין און מיר האָבן זיך געזען באַהאַלטענערהייט. ער האָט מיך געמונטערט און געמוטיקט און געזען איך זאָל נישט אָפּשטיין און מאַכן דעם פּאַספּאָרט. סוף כל

סוף בין איך אין אַ שטילער נאַכט אַוועק פון דער היים און הערשל האָט מיך, ממש ווי מען פירט אַ קינד ביי דער האַנט, אַוועקגעפירט דאָ אַהער.

אַז כ׳האָב דאָ חתונה געהאַט מיט זיין שוועסטער, דאַרף איך אייך נישט דערציילן. כ׳בין אונטער זייערע הענט ערשט געוואָרן אַ מענטש, זיך באַפרייט פונעם פּחד פאַרן טאַטן און געקראָגן אַן אייגענע דעה און אַן אייגענעם ווילן. כ׳בין איבערגעבוירן געוואָרן אויף דאָס ניי און אַלץ צוליב וואָס? צוליב דער מעשה מיט יענעם זייגער. נו זאָגט אַליין, איז דאָס נישט געווען מיין נס? קאָן מען דען נישט גלייבן אין ניסים?

דער קידוש־בעכער

פון מיינע קינדער־יאָרן געדענק איך אַז ווען איך פלעג אַמאָל קאַפּריזעווען און נישט וועלן עסן די אָנגערייטשטע גריץ אין דעם צינענעם טעלער, האָט די מאַמע, ע״ה, אויף מיר אָנגעשריגן מיט רוגזה: וואָס זשע ווילסטו, מיין קינד, אפשר ברענגען דיר אַ טעלער פון מאיר ראָזענבערגס פסחדיקן געפעס?

אָן אַנדערש מאָל פלעגט טרעפן, אַז דאָס שבתדיקע טשאָלנט איז גע־ראָטן און דער קוגל איז אויפגעגאַנגען אין אויוון מיט אַלע טעמים. דע־מאָלט האָט די מאַמע געזאָגט: קיין עין הרע נישט. דאָס היינטיקע מאכל וואָלט זיך נישט פאַרשעמט אויף מאיר ראָזענבערגס פסחדיק געפעס.

מאיר ראָזענבערגס יום טובדיק געפעס איז געווען אַ שם דבר אין שטעטל. מאיר ראָזענבערג אַליין איז געווען אַ ייד אַ גביר: ער האָט געהאַלטן אַ שיינע שפּייז־קראָם אין וועלכער מען האָט אויך געקענט קריגן פאַר אַ גראָשן אַ נאָדל און פאַר אַ רובל אַ קאָסע אָדער אַ סערפּ. ער האָט אויך געהאַט נאָך אַנדערע מסחרים, אָבער דעם שם פון גבירישקייט אין שטעטל האָט ער זיך קונה שם געווען מיט דעם פסחדיקן געפעס.

כ׳ווייס נישט, צי מיין מאַמע און אירע שכנטעס האָבן אַמאָל געזען מאיר ראָזענבערג יום טובדיק געפעס, אָבער גערעדט דערפון האָבן זיי תמיד. דאָס דאָזיקע געפעס איז פאַר זיי געווען דער גרעסטער צייכן פון עולם הזה. עפּעס איז ביי זיי אויסגעקומען אַז דאָס עסן אין דעם דאָזיקן געפעס האָט אין זיך אַלע טויזנט טעמים פון גבירישן גן עדן.

ווען איך בין אַ ביסל עלטער געוואָרן איז מאיר ראָזענבערגס ייִנגסטע טאָכטער שוין געוואקסן אַ בוגרות. זי האָט שוין לאַנג געגרייכט דעם זמן החופּה, אָבער מעשה שטן האָט זיך איר נישט געמאַכט קיין רעכטער שידוך. אין שטעטל האָט מען שוין דעמאָלט געוווּסט, אַז מאיר ראָזענ־בערג איז אַ יורד.

עס זענען אַוועק עטלעכע יאָר און די בוגריש־נגידישע טאָכטער האָט חתונה געהאַט פאַר אַן אלמן פון לאָדזש.

וואָס דאָרט, אין לאָדזש, האָט זיך געטאָן צווישן דער נגידישער טאָכטער און דעם אלמן, האָט קיינער פון אונדז נישט געוווּסט, אָבער געטאָן האָט זיך דאָרט עפּעס גאָרנישט קיין שיינע מעשה.

ביז אין איין שיינעם טאָג איז זי צוריקגעקומען אין שטעטל אַריין — אַ גרושה.

מאיר ראָזענבערגס אַמאָליקע ברייט־צעקעמטע שוואַרצע באָרד איז שוין דעמאָלט געווען גרוי און היפּש צעקאָלטנט. פון זיין גבירישקייט איז שוין קיין זכר נישט געבליבן.

דער גוטער אָנדענק פון זיין יום טובדיק געפּעס האָט אָבער נאָך לאַנג, לאַנג געלעבט אין שטעטל.

און ווען מען האָט אַמאָל געשמועסט וועגן דעם פאַרוואָס חנהלע, זיין יינגסטע טאָכטער, האָט זיך געגט מיט איר לאָדזשער מאַן, דעם אלמן, פלעגט מיין מאַמע תמיד אָפּזיפצן מיט גרויס מיטגעפיל.

— וואָדען? אַז מען האָט זיך צוגעוווינט צו עסן פון מאיר ראָזענ־בערגס יום טובדיקן געפּעס, וועט שוין דאָס עסן אין ערגעץ נישט שמעקן. דאָס גוטע האָט שוין אין זיך אַזאַ כח: עס לאָזט זיך נישט פאַרגעסן...

*

אויב מאיר ראָזענבערג האָט געשמט אין שטעטל מיט זיין יום טוב־דיק געפּעס, האָט איטשע מאיר סופר, דער שאַרפער גערער חסיד, געהאַט אַ נאָמען צוליב זיין קידוש־בעכער.

דערציילט האָט מען, אַז איטשע מאיר האָט זיין קידוש־בעכער גע־קריגן דרשה־געשאַנק פון זיין שווער דוויד ראַגאָווער.

דער אָ, דוויד ראַגאָווער, איז געווען אַ יידישער פּריץ און אַ חוץ דעם פּריצישן גוט אין ראַגאָוו האָבן צו אים געהערט אַ העלפט פון די וועלדער אין דער געגנט.

ער וואָלט געקענט אַ שידוך־טאָן מיט די גרעסטע יידישע סוחרים און פאַבריקאַנטן פון קרוינפּוילן, נאָר ער האָט זיך איינגעעקשנט: ער

וויל פאַר אַן איידעם איטשע מאירלען, דעם זון פון יונה וואָלף מלמד.

יונה וואָלף איז געווען אַ ייד אַ קבצן, אָבער אַן אַלטער קאָצקער חסיד. אַז דער שדכן איז געקומען צו אים אָנשלאָגן דעם שידוך מיט ר׳ דוויד ראַגאָווער, האָט ער אים שיער נישט געפּלעט דעם מוח.

— וואָס? מיט דעם אַרענדאַר וועל איך זיך משדך זיין? צו די קרעטשמאַרעס וועל איך אָפּגעבן מיין עלוי?

ס׳מאַכט נישט אויס, וואָס אַפילו דוויד ראַגאָווערס פאָטער, ר׳ שלמה, איז שוין געווען אַ גרויסער גביר און איז שוין געווען דער באַלעבאָס פון אַ פּריצישן מאַיאָנטעק. יונה וואָלף האָט נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן אַז זייערע זיידעס זענען געווען פּשוטע דאָרפס־יידן וואָס האָבן גענומען ביים פּריץ אין אַרענדע די קרעטשמע.

ר׳ דוויד ראַגאָווער איז אָבער געווען אַ ייד אַן עקשן און אַז ער האָט זיך איינגעשפּאַרט צו נעמען יונה וואָלפס זון פאַר אַן איידעם, האָט ער געמוזט אויספירן.

ער וואָלט אפשר נישט אויסגעפירט, אָבער ס׳האָט זיך אַזוי גע־מאַכט אַז דער אַלטער קאָצקער רבי איז נסתלק געוואָרן און יונה וואָלף האָט גענומען פאָרן קיין גער.

מען ווייסט עד היום נישט פון וואַנען דער חידושי הרי״ם, זצ״ל, האָט געוווסט, אַז דוד ראַגאָווער וויל זיך משדך זיין מיט יונה וואָלפן. אפשר ברוח נבואה? און אפשר האָט עמיצער פון דווידס לייט אים דערציילט? די זאַך איז אַ סוד ביז היינט. מען ווייסט נאָר אַז ווען יונה וואָלף איז איינמאָל אַריין צום רבין זיך געזעגענען, האָט אים דער רבי געזאָגט:

— פון דעם זיווג מיט דוויד ראַגאָווערס בתולה וועלן אַרויסקומען גוטע דורות.

און שוין... יונה וואָלף האָט שוין קיין עצה נישט געהאַט. ער האָט געמוזט טאָן דעם שידוך.

ער האָט דאָס אָבער געטון מיט אַזאַ געפיל ווי ער וואָלט זיין ע־לוישן זון מקריב געווען אויפן מזבח פאַר אַ קרבן עולה.

אַפילו אין דעם חופּה טאָג פון זיין זון איז יונה וואָלף אַרומגע־

גאַנגען אַ פינצטערער און אָנגעכמורעטער און האָט צו זיין מחותן, דעם גביר, קיין איין וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

ערשט נאָך דער „גילדענער יויך״, ווען דער בדחן האָט גענומען אויסרופן דאָס דרשה־געשאַנק און יונה וואָלף האָט דערזען דעם קידוש־בעכער, וועלכן ר׳ דוויד האָט געבראַכט אַזש פון וויַיטן לייפּ־ציק, האָט זיך זיין ברוגז פּנים אויסגעלייטערט און ער האָט גענומען פאַרציִען אַ קאַצקער זמרל.

וויסן דאַרף מען, אַז ר׳ דוד ראַגאָווער האָט דעמאָלט געמאַכט אַ חתונה אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט. אַ חוץ וואָס ער האָט געגעבן דעם שיינעם נדן פון עטלעכע טויזנט גילדענע רענדלעך, האָט ער נאָך צוגעזאָגט זיין איידעם קעסט אויף עולמות און דעם איידעמס משפחה מיט יונה וואָלפן בראש, האָט ער אויסגעפּוצט אויף זיין חשבון ווי די גרעסטע גבירים.

יונה וואָלפן האָט אָבער דאָס אַלץ נישט גענומען.

אָבער אַז ער האָט דערזען דעם הדרדיקן זילבערנעם קידוש־בע־כער דרשה געשאַנק, האָט ער דערפילט, אַז דער רבי איז אויסן געווען זיין טובה און איטשע מאיר איז טאַקע אַריינגעפאַלן אין אַ שמאַלץ־גרוב.

— מזל טוב, מחותן — האָט ער דעמאָלט דאָס ערשטע מאָל אויס־געשריגן — מזל טוב איטשע מאיר.

שפּעטער, אַז יונה וואָלף פלעגט זיך טרעפן מיט אנשי שלומינו האָט ער געהאַלטן אין איין רעדן וועגן דעם קידוש־בעכער, וואָס איטשע מאיר, זיין זון, האָט געקריגן דרשה־געשאַנק און אַז ער האָט געוואָלט געבן צו פאַרשטיין די שיינקייט פון דעם דאָזיקן בעכער, האָט ער גע־זאָגט בזה הלשון:

— איך זאָג אייך, אַז פאַר אַזאַ בעכער וואָלט מען אפילו אין קאָצק געמאַכט אַ וואָרע.

און דערפון האָבן זיינע לייט שוין פאַרשטאַנען אַז דער דאָזיקער בעכער מוז זיין דער אמתער בעכער, וואָרעם אויב נישט, וואָלט מען פון אים אין קאָצק נישט נתפּעל געוואָרן...

*

וועגן מאיר ראָזענבערגס יום טובדיקן געפעס פלעגט תמיד רעדן מיין מאַמע. וועגן איטשע מאיר סופרס קידוש בעכער האָט תמיד גע־רעדט מיין טאַטע.

נישט אומזיסט זענען די דאָזיקע צוויי יידן געווען דאָס שיינדל פון דער מזרח־וואַנט אין דער שטעטלדיקער שול.

דער בעכער און דאָס יום טובדיקע געפעס האָבן שוין מכריז ומודיע געווען ווער די דאָזיקע צוויי שיינע יידן זענען.

מאיר ראָזענבערג, פון יום טובדיקן געפעס, איז געווען אַ גביר אין עולם הזה.

איטשע מאיר סופר איז געווען אַ גביר אין עולם הבא.

די יאָרן טוען דערוויל זייערס: זיי גייען.

ר׳ יונה וואָלף און ר׳ דוד ראַגאָווער זענען שוין אויפן עולם האמת. פון ר׳ דודס עשירות איז שוין לאַנג קיין זכר נישטאָ.

צווישן די צוויי וועלט־מלחמות האָט איטשע מאיר סופר געהאַלטן אַ שניט־קראָם. פון זיין פירונג האָט מען די גבירישקייט שוין נישט אַרויסגעזען. מען האָט זי אָבער אַרויסגעפילט אין זכות פונעם קידוש־בעכער.

דערנאָך איז געשען אַ מעשה:

ר׳ איטשע מאיר האָט געדאַרפט חתונה מאַכן דעם יינגסטן זון און היות ער האָט נישט געהאַט די גייטיקע מזומנים, האָט ער זיך שטאַרק בסוד געבאָרגט צוויי הונדערט פוילישע זלאָטעס ביים נייעם שטעטלדיקן נגיד יעקב משה, ביי וועלכן ער האָט פאַרמשכונט דעם זילבערנעם בעכער.

נאָך דער חתונה פונעם זון, איז איטשע מאיר אַוועק, ר״ל, פון דער וועלט.

דער נייער שטעטלדיקער נגיד, יעקב משה, איז דעמאָלט געפאָרן

קיין לאָדזש צו אַ שאַצער, כדי יענער זאָל אָפּשאַצן דעם בעכער וויפל ער איז ווערט.

אין די אויגן פון שאַצער, האָט דער בעכער ווערט געהאַט בסך הכל 50 גילדן פּויליש געלט.

יעקב משה האָט נעבעך געמאַכט אַ שווייג און שטאַרק אַכטונג געגעבן אַז דער סוד זאָל נישט אַרויסקומען אין גאַס אַריין.

דער סוד איז אָבער יאָ אַרויסגעקומען אין גאַס דורך יעקב משהס זון, מאַנעס, וואָס איז נחמץ געוואָרן און פון אַ גדול בתורת ישראל איז ער געוואָרן אַ כופר באלוקי ישראל.

דער אָ, מאַנעס, איז געווען מיין חבר, וועלכער האָט מיך אָוועקגעפירט פון די הייליקע ספרים צו די טריף־פּסולע ביכלעך.

ער פלעגט מיט מיר אָפּן רעדן וועגן דעם נייעם דרך אויף וועלכן מיר דאַרפן גיין ווי אפיקורסים און זיין וויכטיקסטע ראיה קעגן דער אַלטער פרומער וועלט איז געווען די מעשה מיטן בעכער.

— דו זעסט — פלעגט ער צו מיר טענהן — זיי האָבן דורות לאַנג אָפּגעלעבט מיט דער לעגענדע פון אַ בעכער וואָס איז ווערט מי יודע וויפל. דער טאַטע האָט אויף אים צוויי הונדערטערס געטרויט און לסוף איז דער בעכער ווערט אַ פופציקער זלאָט און נישט מער.

ס׳איז פון זיינע רייד אויסגעקומען דאָס דער דאָזיקער בעכער איז אַן עדות אַז ס׳גאַנצע פרומע לעבן פון דורות יידן אין קליינעם שטעטל איז איצט געפאַלן אינעם ווערט און איז פון די לעגענדאַרע הונדערטער רובלס אַראָפּ צו די וואָכעדיקע צענער זלאָטעס.

פון דעסטוועגן איז דאָס שטעטל ווייטער געבליבן שטעטל און קיינער האָט זיך נישט שטאַרק צוגעהערט צו זיינע רייד און צו זיינע טענות. אַ חוץ אַ קליינע צאָל יונגע לייט וואָס זענען, ווי ער און ווי איך, קאַליע געוואָרן, האָט דאָס שטעטל ווייטער געלעבט מיט דער לעגענדע פון איטשע מאירס בעכער און מיט דעם שם פון מאיר ראָזענבערגס יום טובדיקן געפעס.

דאָס לעצטע יאָר איידער היטלער, ימ״ש, איז אָנגעפאַלן אויף פוילן און האָט דאָרט חרוב געמאַכט דאָס יידישע לעבן, בין איך פון לאָדזש

געקומען צו גאַסט אין מיין שטעטל אַריין. די שווערע מלחמה־וואָלקנס זענען שוין געהאנגען איבער די קעפּ און די שמועות רעות וועגן דעם תכלית פון די יידן אין דייטשלאַנד האָבן שוין געגרייכט אויך אַהערצו. פון דעסטוועגן, אַז מיין מאַמע האָט שבת אויפגעגעבן דעם טשאָלנט וואָס איז איר שטאַרק געראָטן, האָט זי ווי אַלע מאָל געזאָגט:

— דאָס היינטיקע טשאָלנט וואָלט מען געמעגט עסן אויף מאיר ראָזענבערגס געפּעס.

און אַז דער טאַטע האָט מיט מיר, דעם גאַסט, אַ שמועס געטאָן וועגן שטעטלדיקע נייעסן, האָט ער נישט פאַרגעסן צו דערציילן:

— צווישן יעקב משהן און זיין איידעם בנימין איז אַ גרויסע מחלוקה און מען שמועסט, אַז דער איידעם וועט אים אוודאי רופן צו אַ דין תורה. וואָרים פאַר דער חתונה האָט יעקב משה צוגעזאָגט זיין איידעם דרשה־געשאַנק, איטשע מאיר סופרס קידוש־בעכער און ביז איצט האָט ער אים דעם בעכער נאָך נישט געגעבן...

גילוי אליהו

— אַן אויסטערלישע זאַך מיט אייך, אפיקורסים — האָט ר׳ מאיר מיר איינמאָל געזאָגט, און געזאָגט האָט ער עס, ווי זיין טבע איז געווען, מיט אַ געבייזער און בעת מעשה האָט ער געפּויקט מיט די פינגער אין טישל ביי וועלכן מיר זענען געזעסן — איר, כופרים, ווייסט באַר איינס: ס׳איז נישטאָ... נישטאָ און נישטאָ... דער וואָס כ׳האָב מיר די הענט נישט געוואַשן — נישטאָ. יענע וועלט, גיהנום, גן עדן — נישטאָ. מלאכים, שדים, מזיקים — נישטאָ. וואָס איז יאָ דאָ? פאַראַן, הער איך, ביי אייך חוקרים וואָס טענהן אַז דאָס שטיק חומר איז אויך נישטאָ... ס׳איז אייטל פאַרבלענדעניש. אַ שפּיל פון כח הדמיון. נו, אָבער דער כח הדמיון גופא איז יאָ דאָ? האַ? אין אים טוט איר יאָ גלייבן?

— אַנטקעגן וואָס זאָגט איר דאָס, ר׳ מאיר?

— אַנטקעגן וואָס? אַנטקעגן גאָרנישט... באַלד מוז ביי אייך זיין אַן „אַנטקעגן וואָס". גאָרנישט... סתם אַזוי... כ׳האָב זיך אַקוראַט דערמאָנט אין אַ מעשה מיט אליהו הנביא, זכור לטוב... נו, אָבער וואָס איז דאָ שייך צו רעדן וועגן אליהו הנביא? וויבאַלד איר גלייבט נישט אין דעם מי שאמר והיה העולם, וועט איר גלייבן אין אליהו הנביא?

— ראשית, ר׳ מאיר, האָב איך אייך נישט געזאָגט אַז איך ספק אין דער מציאות פון בורא... והשנית, ווען אפילו דאָס זאָל זיין ווי איר זאָגט, איז דאָס נאָך נישט קיין ראיה אַז איך גלייב נישט אין אליהו הנביא... גראַד, זעט איר, אין אים גלייב איך שוין גאָר און גאָר...

ר׳ מאיר האָט מיך אַ לאַנגע ווייל באַטראַכט, פאַרשנדיק. צום ערשט מיט אַ מינע ווי איך וואָלט אויסן געווען אים אָפּצוטאָן עפּעס אַ זאַך פון וועלכער ער קען נכשל ווערן. דערנאָך האָט זיך זיין געזיכט עטוואָס אויסגעלייטערט. ער האָט פאַרמאַכט איין אויג און מיטן צווייטן אויף מיר

געקוקט אַ שטייגער ווי אַ גרויסער מענטש קוקט אויף אַ קליין ייִנגל ווען יענער וויל אים מיט עפּעס אָריינּנאַרן.

— וואָס ? — האָט ער לסוף געפרעגט — איר גלייבט טאַקע אַז ס׳איז פאַראַן אַן אליהו הנביא ? פּשוטו כמשמעו ? אָן פיליסיפּיעס ?

— איך גלייב — האָב איך געענטפערט — אַז ס׳זענען פאַראַן מענטשן וואָס זענען זוכה צו גילוי אליהו. כאָטש אליהו באַווייזט זיך צו זיי אין די פאַרשידנסטע געשטאַלטן און זיי ווייסן גאָרנישט אַז דאָס איז ער... איז דאָס אייך נישט גענוג, ר׳ מאיר ?

ר׳ מאיר האָט נישט באַלד געענטפערט. ער האָט ווידער גענומען ברוגזדיק פּויקן מיט די פינגער אויפן בלאַט פון טישל, אַזש די קאַפּע־טעפּעלעך וואָס מיר האָבן נאָר וואָס געהאַט אויסגעליידיקט זענען אונ־טערגעשפּרונגען פון זייער אָרט און די לעפעלעך האָבן זיך געלאָזט הערן מיט זייער מעטאַלענעם קלאַנג. אָבער נאָך אַ ווייל האָט ער אויפגעהערט פּויקן מיט די פינגער און געזאָגט :

— נו, שוין. לאָמיך שוין הערן אין וואָס עס גייט... כ׳זע דאָך אַז איר האָט אַ מעשה צו דערציילן. נו, טאָ דערציילט. דער אמת איז אַז דאָס האָב איך אייך געוואָלט דערציילן אַ מעשה וועגן אליהו הנביא. אָבער אַז איר גלייבט אין אים, זייט איר מיט אייער מעשה קודמער... איז דער־ציילט... בתנאי ס׳זאָל נישט זיין קיין מעשה פון די ביכלעך... איר ווייסט שוין.

— וועגן כאַמענדע, דעם טויטן שניידער, האָב איך אייך אַמאָל דער־ציילט, ר׳ מאיר ? ניין ? אַ וואונדער. איז אָט... ביי אונדז אין שטעטל איז געווען אַ ייִד וואָס געהייסן האָט ער חיים מענדל, נאָר גערופן האָט מען אים כאַמענדע. דער דאָזיקער כאַמענדע איז אייגנטלעך געווען אַ שניידער וואָס האָט גענייט פאַר דאָרפס־פּויערן באַרכאַטנע שפּענצערס, צייגענע הויזן און טוכענע סוקמאַנעס, אָבער גערופן האָט מען אים „דער טויטער שניידער" דערפאַר ווייל פון צייט צו צייט פלעגט ער אויך נייען וואָל־וועלע בגדים פאַר גוישע בר מננס. ביי זיי, ביי די גוים, איז, ווייסט איר דאָך אַ מנהג אויסצופּוצן דעם טויטן ווי אויף אַ חתונה. ביי זיי נעמט מען דעם געשטאָרבענעם און מען טוט אים אָן אַ שוואַרץ בגד, מען גאָלט

אים די באַקן און מען מאָלט אים דאָס פּנים און מען לייגט אים אַריין אין אַן אָפענער טרומנע, כדי אַלע משפּחה־לייט, שכנים און סתם אַזוי באַ־קאַנטע זאָלן קומען און זאָגן אַז דער „ניעבאָשטשיק" זעט אויס אַקוראַט ווי ער וואָלט געלעבט. נו, אָבער אַז סע שטאַרבט אַוועק אַ געמיינער גוי און די משפּחה האָט נישט קיין געלט צו קויפן נייע בגדים כדי אים אויס־צופּוצן, אָדער גאָר עס איז זיי אַ שאָד אַז דאָס איינציקע גוטע מלבוש וואָס ער האָט געהאַט ביים לעבן זאָל פֿוילן אין דער ערד, בעת די לעבעדיקע קענען דערפֿון האָבן מער נוצן. וואָס זשע טוט מען דעמאָלט? דעמאָלט גייט מען אַוועק צו כאַמענדע און כאַמענדע נייט אויף אַ מין אַנצוג פֿון שוואַרצן ביליקן שטאָף, אַן פּאַדשעווקע, אָן לייוונט, אָן טאַשן און אָן קנעפּ. ס'איז אי' בזול און אי ס'ווערט געמאַכט גיך. איז טאַקע דערפֿאַר ווייל דער כאַמענדע האָט געניייט אַזעלכע מיני בגדים פֿאַר טויטע גוים האָט מען אים גערופֿן „דער טויטער שניידער".

ס'קען זיך אייך דאַכטן אַז איך בין אַראָפּ פֿון וועג. אָבער ניין. ס'האָט אַ שייכות צו אונדזער ענין. דער עיקר וואָס איך וויל אייך זאָגן איז אַז דער כאַמענדע איז געווען אַ טשעקאַווער ייד. פֿאַרשטייט זיך אַז ער איז געווען אַ פֿרומער ייד, אַן אָפּגעהיטענער ייד, כאָטש נישט פֿון די גרויסע למדנים. אויף אַזאַ מין ייד פֿלעגן די פֿאַרצייטישע זאָגן: אַ שולחן ערוך־ייד. דער כאַמענדע איז ממש געווען אַ גייענדיקער שולחן ערוך און אפשר נאָך מיט אַ שמיצל אַריבער.

וואָס איז דאָס שמיצל אַריבער? איז די זאַך אַזוי: דער שולחן ערוך האַלט שטאַרק פֿון אַ יגיע כפּיים, אָבער ער האָט גאָרנישט קעגן דעם אַז אַ ייד, אַ נצרך זאָל אויסשטרעקן די האַנט און זאָל בעטן אַז מען זאָל אים העלפֿן. אַ שיינע מעשה: ס'זאָלן נישט זיין קיין פּושטי יד, ווי אַזוי וואָלט מען געקענט מקיים זיי די מצווה פֿון צדקה? כאַמענדע איז אָבער געווען זייער געהיט נישט צו בעטן און נישט צו נעמען ביי יענעם גאָרנישט. אין שטעטל האָט מען זיך טאַקע אָנדערציילט פּעק מיט מעשות וועגן זיין התנהגות נישט נהנה צו זיין פֿון מענטשנס גאָב אפילו אויף אַ פּחות מפּרוטה אָדער אויף אַ שווה פּרוטה. און נישט בלויז נעמען — אויך באָרגן האָט ער ביי קיינעם נישט געבאָרגט כהוא זה און האָט נאָך,

שמועסט מען, געאסרט זיין ווייב אז זי זאָל אויך קיין שום זאַך נישט נעמען און נישט באָרגן. און פאַרוואָס עפּעס נישט באָרגן? ווייל אַז מען באָרגט קען מען פאַרגעסן, און נישט צוריק געבן געבאָרגטס איז דאָס זעלביקע וואָס גזילה. חוץ לזה: קיינער ווייסט נישט ווען זיין שעה איז... קיינער ווייסט נישט וואָס עס גייט הינטער אים... אַ מענטש באָרגט עפּעס און איידער ער באַווייזט אָפּצוגעבן גייט ער, חלילה, אַוועק. דער סוף איז אַז ער איז בעולם הזה געבליבן אַ בעל חוב וואָס ער קען שוין בעולם הבא נישט אומקערן און דער קטגור האַלט שוין אויף אים שבת. אַמאָל קען מען פאַר אַזאַ מעשה אויף יענער וועלט פאַרמשפּט ווערן דורכ־צומאַכן אַ נייעם גילגול און דווקא ווי אַ פערד אָדער אַן אייזל, כדי אָפּצו־אַרבעטן דעם חוב... הכלל, וואָס זאָל איך אייך זאָגן? ס׳זענען געווען טעג ווען כאַמענדע מיט זיין ווייב (קיין קינדער האָבן זיי נישט געהאַט) האָבן ביטער געהונגערט, אָבער פון יענעם האָט מען נישט גענומען און אפילו געבאָרגט האָט מען אויך נישט.

ביי יידן איז דאָ אַ גלייכוווערטל: וואָס „צו" איז איבעריק. ס׳איז געזאָגט קעגן כאַמענדען. אוודאי איז גוט אַז אַ ייד שטייט נישט נאָך קיין פרעמדס און איז נישט אויסן יענעמס. אָבער אַלץ דאַרף זיין מיט אַ מאָס. קיין קיצוניות טויג נישט און ס׳פירט נישט צו קיין גוטס. וואָס קען מען אָבער טאָן אַז דער כאַמענדע איז אַן אָרנטלעכער ייד, אַן ערלעכער ייד, אָבער אַ ביסל, ווי זאָגט מען דאָס — אַ פרא אדם און דערצו אַן עקשן. ער איז טאַקע נישט געווען פון די למדנים אָבער פון אַ פּסוק האָט ער געוווסט און ביי אַ מאָמר האָט ער זיך אויך נישט ספּאָטיקעט... ס׳שטייט געשריבן, זאָגט ער, „עשה שבתך חול ואל תצטרך לבריות". דערפון איז געדרונגען אַז אויב מען האָט נישט, זאָל מען נישט שבת מאַכן און ביי יענעם נישט נעמען און נישט לייען. ס׳איז אפילו בעסער צו פאַסטן אום שבת איידער אָנצוקומען צו מענטשנס גאָב. אַזוי האָט ער געטענהט און קיין רייד האָבן נישט געהאָלפן. מען האָט אים נישט געקענט רירן פון אָרט.

ס׳זענען געווען צייטן ווען יידן פון שטעטל זענען געלאָפן צום רב און אים דערציילט וועגן כאַמענדעס ווילדע גענג. יידן, רחמנים בני

רחמנים, האָבן נישט געקענט צוזען ווי דער כאַמענדע הונגערט און נייט אויך זיין ווייב צו הונגערן און אַלץ צוליב דעם וואָס ער וויל נישט נהנה זיין פון קיין מתנת בשר ודם. נו, דער רב האָט געשיקט צו אים דעם שמש, אים אָנגעזאָגט מיטן הארבן וואָרט ער זאָל פאַרלאָזן דעם נישט יידישן דרך פון קיצוניות און זאָל נעמען תמיכה ביי קהל וואָס דאָס איז לכל הדעות אָנגענומען זייט יידן זענען יידן. כאַמענדע האָט אָבער קיינעם נישט געהאָרכט, אפילו נישט דעם רב. ער האָט געהונגערט, געשוואָלן געוואָרן מיטן ווייב אין די ווינטערס פון קעלט און אַז ער האָט נישט פאַרדינט מיט זיינע צען פינגער האָט ער ביי יענעם נישט גענומען. נישט גענומען און נישט געבאָרגט. אַז מען שמועסט אַ פרא אדם איז דאָך נישט שייך.

יידן אין שטעטל האָבן סוף כל סוף אַ מאַך געטאָן אויף כאַמענדען מיט דער האַנט. ס'זענען ביי יידן, ברוך השם, פאַראַן אַנדערע דאגות. ווייבער האָבן געזאָגט: „יעדער שפאָן האָט זיין דעראָן"... מסתמא ווייסט דער כאַמענדע וואָס ער טוט. ער'ט אוודאי אַ נדר געטאָן, צי גאָר געגעבן אַ שבועה וועגן דער דאָזיקער זאַך... גלאַט אַזוי נעמט אַ מענטש נישט אויף זיך אַזאַ איסור...

ווער אָבער עס האָט נישט שלום געמאַכט מיט כאַמענדעס פירונג, אָדער ווי ער האָט עס אָנגערופן: מיט כאַמענדעס משוגעת, דאָס איז געווען דער לאָדזשער פעלדשער עזריאל מרגלית, וועלכער האָט גע־ווינט מיט די כאַמענדעס אַ טיר איבער אַ טיר און האָט גוט צוגעזען ווי אַזוי דער דאָזיקער אויסטערלישער ייד פייניקט זיך און פייניקט זיין ווייב צוליב עפּעס אַ נאַרישער איינרעדעניש וואָס ווען מען זאָל זיך וועלן האַלטן ביי איר וואָלט די וועלט קיין קיום נישט געהאַט.

דעם עזריאל מרגלית האָט מען אין שטעטל גערופן „דער לאָ־דזשער פעלדשער" און אַנדערע האָבן אים גערופן „דער ליטוואַק" (זיינע עלטערן זענען געקומען קיין לאָדזש נאָך דעם גירוש מאָסקווע און ביי אונדז האָט מען אַלע רוסישע יידן גערופן „ליטוואַקעס"), ער האָט זיך באַוויזן ביי אונדז אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, ווען עס האָט זיך געהאַט צעשפּילט די טיפוס־

מגיפה, נישט היינט געדאַכט און נישט דאָ געדאַכט. אין שטעטל ביי אונדז האָט מען יאָרן נאָך דעם געשמועסט אַז ווען נישט — צופריער גאָט און דערנאָך ער, וואָלט דער טיפוס געמאַכט אַן אמתן חורבן, כאָטש דער אמת איז אַז נישט ווייניק קרבנות זענען דעמאָלט געפאַלן, נישט געקוקט דערויף וואָס ער, עזריאל מרגלית, האָט זיך מוסר נפש געווען ביים היילן די חולאים.

געוווּסט האָט מען ביי אונדז אַז עס האָט אים געפעלט בלויז איין יאָר לערע כדי צו ווערן אַן אמתער דאָקטער און מען איז זיכער גע־ווען אַז ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן און די אוניווערסיטעטן וועלן געעפנט ווערן וועט ער פאַרענדיקן דאָס וואָס אים פעלט און ווערן אַ פאָלנער דאָקטער מיט אַ מעשן שילדל אויף דער טיר. ס׳איז אָבער נישט אַזוי געשען. ווען די מלחמה האָט זיך שוין געהאַט געענדיקט און די פּאָליאַקים זענען געוואָרן די מושלים פון לאַנד איז מרגלית נאָך אַלץ געבליבן אין שטעטל און האָט דאָ גאָר חתונה געהאַט מיט אַ באַלעבאַטיש מיידל מיט וועלכער ער איז שפּעטער געפאָרן קיין ארץ ישראל. נאָר דאָס איז שוין אַ באַזונדער מעשה וואָס האָט מיט אונדזע־רער נישט קיין שייכות.

דער מרגלית איז געווען זייער אַ טשעקאַווער טיפּ. אַ קרעמפּער און אַ ברייט־ביינערער האָט ער אויסגעזען נידעריקער ווי ער איז אין דער אמתן געווען. ער האָט נישט געהאַט קיין מראה פון אַ ייד און מיט זיין קורנאָסער נאָז, ווי אויך מיט זיינע בלויע אויגן האָט ער גע־כאַפּט דעם אָנבליק פון אַ „פּאַנקע”, כאָטש אַז מען האָט זיך גוט צוגעקוקט האָט מען אין דער בלויקייט פון זיינע אויגן געזען אַ מין יידיש פּייערל וואָס האָט זיך געטוקט אין אַ ים פון אומרו. האָר האָט ער געהאַט טונקל־בלאָנדע, ווייכע וואָס פלעגן אים פאַלן פּאַסמעסווייז איבערן פּנים. אַז ער פלעגט אַמאָל מיט דער גאַנצער האַנטפלאַך אַ פאַרשאַר־טאָן די האָר און דערביי זיך אַ רייב־געבן דעם הויכן גע־בויגענעם שטערן, האָט מען אין דער דאָזיקער באַוועגונג דערזען דורות זיידעס און עלטער־זיידעס וואָס האָבן זיך געמוטשעט איבער אַ האַרבער קשיא פון תוספות, אָדער איבער אַ שווערן מהרש״א.

ביי יעדער געלעגנהייט פלעגט עזריאל מרגלית מכריז ומודיע זיין אַז ער איז אַן אַטעאיסט און אַ סאָציאַליסט. אין אונדזער שטעטל האָט מען דעמאָלט נאָך נישט אַזוי גוט פאַרשטאַנען וואָס אַזוינס די ווערטער מיינען. אָבער מען האָט זיך משער געווען אַז די ביידע זאַכן זענען אין קידער־ווידער מיטן ספר חסידים אָדער מיטן מנורת המאור. אלא וואָס דען? דעם לאָדזשער פעלדשער האָט מען אַ סך זאַכן מוחל געווען, ווייל ער איז געווען אַ מזג טוב און האָט זיך ממש מוסר נפש געווען פאַר די וואָס האָבן געדאַרפט זיין הילף. ער האָט געבראַכט אין שטעטל אַריין געוויסע נייעסן וואָס די באַלעבאַטישע יידן האָבן זיי נישט גורס געווען, ווי למשל דאָס שפּילן טעאַטער אין דער פייערלע־שער־שאָפּע. נו, אָבער אים האָט מען גאָרנישט געזאָגט, ווייל דאָס געלט וואָס דאָס טעאַטער־שפּיל האָט אַריינגעבראַכט האָט ער צעטיילט פאַר נצרכים און ס'האָט אַ סך מענטשן שטאַרק געהאָלפן. עזריאל מרג־לית איז „אין פּרינציפּ געווען קעגן פילאַנטראָפּיע" (ס'האָט לאַנג גע־דויערט ביז מען האָט ביי אונדז געוווּסט וואָס דאָס מיינט) אָבער אַז מען האָט געדאַרפט עמיצן העלפן האָט ער נישט בלויז אַליין געגעבן פון זיין אייגענער אָרעמער קעשענע, נאָר האָט זיך אַפילו נישט גע־שעמט צו גיין איבער די טירן כדי דער וואָס דאַרף זאָל געהאָלפן ווערן.

אין דעם יאָר ווען די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך געענדיקט האָט זיך אין אונדזער קאַנט געשטעלט זייער אַ האַרבער ווינטער. זקנים האָבן, ווי זייער טבע איז, געטענהט אַז אַזאַ ווינטער איז שוין נישט געווען זייט דער גרויסער פּאָווסטאַניע. דער אמת איז טאַקע אַז שוין לאַנג־לאַנג האָט דאָס שטעטל נישט געליטן אַזוי שטאַרק ווי יענעם ווינטער וואָס האָט זיך געצויגן שיער נישט פון שבת בראשית ביזקעלע נאָך פּורים. ס'איז ממש געווען אין יוצא ואין בא. דער פּויער האָט נישט געקענט קומען אין שטאָט אַריין קויפן אַ טאָפּ זאַלץ, אַ באַנקע נאַפט, אָדער אַנדערע באַדאַרפן זיינע און דער הענדלער פון שטעטל האָט נישט געקענט גיין איבער די דערפער קויפן אַ פעלעכל, אַ קערץ תבואה און דאָס גלייכן זאַכן פון וועלכע יידן ציען חיונה.

אין אָט די לאַנגע ווינטער־חדשים ווען עס האָט רק געשנייט און עס האָט רק געווילדעוועט די זאַוויערוכע וואָס אין איר איז דאָס גיין איבער די וועגן געוואָרן אַן אמתע סכנה, איז ביי כאַמענדען, ווי מען קען פאַרשטיין, געווען זייער ביטער. קיין פויערן זענען נישט געקומען זיך באַשטעלן זייערע מלבושים און עפּעס ווי אויף צו להכעיס זענען קיין אָרעמע געמיינע גוים נישט געשטאָרבן. ביז נאָך חנוכה־צייט האָט נאָך כאַמענדע מיט זיין ווייב ווי ס׳איז „זיך געזשיוויעט״ מיט די קאַרטאָפל וואָס ער האָט געהאַט געקויפט נאָך סוכות. אָבער פון נאָך חנוכה־אָן זענען קיין קאַרטאָפל אויך שוין נישט געווען. טאָמער איז אין שטוב געווען עפּעס אַ חפץ פון אַמאָליקע צייטן האָט מען עס פאַרקויפט און פאַרן געלט געקויפט ברויט און האָלץ. אָבער וויפל אַזעלכע חפצים האָבן זיך עס פאַרוואַלגערט אין כאַמענדעס שטוב? הכלל, כאַמענדע מיט זיין ווייב האָבן געהונגערט משבת לשבת און עס איז שוין דערגאַנגען דערצו אַז אויף שבת גופא איז אויך נישט געווען. לאָ די זיי האָבן געהונגערט זענען זיי נאָך גאַנץ שיין געפרווירן געוואָרן פון קעלט אויך.

יידן זענען פאַרט יידן. ס׳איז אין דעם האַרבן ווינטער קיינעם נישט גוט געווען. דאָך האָט מען געוווּסט וועמען דער שוך קוועטשט שטאַר־קער און וועמען שוואַכער. יידן זענען גרייט געווען איינער דעם אַנדערן צו העלפן. נו, אָבער מיט כאַמענדען איז דער ענין שוין באַוווּסט: ער נעמט נישט און פּטור! ווידער אַמאָל האָט אים דער רב געשיקט זאָגן אַז ער גייט אויף אַ נישט־יידישן דרך. ער האָט אים אפילו געלאָזט רופן צו זיך, דער רב און מיט אים אַ סך געטענהט. נאָר געהאָלפן האָט עס נישט. זעכציק פון מיינע זיבעציק יאָר — האָט כאַמענדע געזאָגט — האָב איך זיך אָפּגעהיט נהנה צו זיין פון מתנת בשר ודם. איצט, ווען איך שטיי שוין מיט איין פוס אין קבר, זאָל איך צו נישט מאַכן ס׳גאַנצע ביסל עולם הבא וואָס איך האָב מיר אויסגעהאָרעוועט? דער רב האָט נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. ער האָט גערעדט וועגן „וחי בהם״, ס׳הייסט יידישקייט איז געמאַכט אויף צו לעבן, נישט אויף צו זיין חלילה אַ מאבד את עצמו לדעת, וואָס דאָס איז אַן עבירה מדאוריתא

ומדרבנן. אָבער גיי רעד, אַז יענער הערט נישט וואָס מען רעדט צו אים און ענטפערט פּידרעך. צווישן זיך גערעדט האָט דער רב (אַזוי האָט ער שפּעטער דערציילט) דערפילט אַ מין דרך ארץ צו אָט דעם מאָדנעם ייד וואָס שטייט אַזוי פעסט פאַר זיין אמונה, אפילו ווען אַלע ארום האַלטן אַז ער טוט נישט גוט.

אַז ס'האָט זיך דערנענטערט פּורים איז ביי כאַמענדען געוואָרן ממש באו מים עד נפש. פון די לעצטע צוויי בענקלעך וואָס ער האָט פאַרמאָגט האָט ער שוין איינס געהאַקט צעהאַקט און דערמיט אויסגע־הייצט דאָס אייזערנע אייוועלע. וואָס צו פאַרקויפן איז שוין נישט געווען, סיידן די ניי־מאַשין. האָט ער אָבער גוט געוווּסט, כאַמענדע, אַז באם ער וועט פאַרקויפן די ניי־מאַשין דאַרף ער זיך אין דער אמתן באַלד נאָך דעם אַ מעשה אָנטאָן. וואָרים אָן דער ניי־מאַשין, ווי אַזוי וועט ער פאַרדינען אָן אייגענעם גראָשן? דער תירוץ אַז מען דאַרף נישט זאָרגן אויף שפּעטער נאָר האָבן בטחון אַז גאָט וועט נישט פאַר־לאָזן איז טאַקע אַ תירוץ, אָבער אויב גאָט וויל העלפן קען ער דאָך העלפן מען זאָל די מאַשין נישט דאַרפן פאַרקויפן... היד ה' תקצר. אַז גאָט וויל העלפן איז דען ביי אים שייך... אלא, מען וויל אים שטעלן פאַר אַ נסיון... איך דאָך די שאלה: פאַרוואָס זאָל מען אים שטעלן פאַר אַזאַ נסיון? און פאַרוואָס מוז דער נס קומען ערשט נאָך דעם ווי ער וועט האָבן פאַרקויפט די ניי־מאַשין? פאַרוואָס זאָל גאָט, ברוך הוא, נישט העלפן פריער?

דער נס איז טאַקע געשען. אַ טאָג פאַר פּורים האָט זיך באַוויזן אַ פויערל אָנגעפּעלצט און איינגעבאַבלט אין טיכער אַז מען האָט אים קוים די נאָז אַרויסגעזען. יאָ, און הינטער דער נאָז האָט מען געזען צוויי פאַרשפּיצטע וואָנצעס, וואָס האָבן זיך געטרייסלט בעת דאָס דאָזיקע פויערל האָט גערעדט. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דאָס דאָזיקע פויערל האָט געבראַכט שוואַרצן שטאָף אויפצונייען אַ בגד פאַר אַ גויִשקען בר מנן. ער האָט זיך אַ ביסל געדונגען וועגן מקח און איז לסוף דורכגעקומען אין פּרייז. ער האָט באַצאָלט דעם גאַנצן באַטרעף פאַרן אויפנייען דעם בגד און געבעטן אַז אויב ער וועט צו מאָרגנס

נישט קומען זאָל מען דאָס בגד אַוועקטראָגן צום גלח און ער וועט שוין וויסן וואָס ווייטער צו טאָן.

די ניי־מאַשין איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן און ביי די כאַמענדעס איז געווען אַ פריילעכער און זאַטער פּורים.

מיט אַ טאָג שפּעטער אַז דאָס פויערל האָט זיך נישט באַוויזן נאָכן בגד האָט כאַמענדע, ווי אָפּגערעדט, געהייסן דעם ווייב זיינעם זי זאָל עס אַוועקטראָגן צום גלח פון דער פּאַראַפיע. פון גלח איז זי אַ היים געקומען מיט אַ נייס וואָס האָט זיך בליץ־שנעל צעשפּרייט איבערן גאַנצן שטעטל. דהיינו? דער גלח האָט געטענהט אַז אים איז נישט באַוווסט דאָס אין זיין פּאַראַפיע זאָל עמיץ האָבן געשטאָרבן. פון דעסט וועגן האָט ער דאָס מלבוש זיך געהייסן איבערלאָזן און די כאַמענדיכע האָט אַזוי געטאָן צו דער גרויסער צופרידנקייט פון איר מאַן.

אין שטעטל איז דערנאָך אַוועק אַ רעדעניש וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז די לעצטע יאָרן פאַרן חורבן. דאָס גערייד איז געווען אַז דאָס פויערל וואָס איז געקומען צו כאַמענדען אין יענעם פאַר פּורים ווען ס׳איז שוין געווען ביי אים עק־וועלט, איז גאָר קיין פויער נישט גע־ווען. עס איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי אליהו הנביא.

עס האָט זיך געלייגט אויפן שכל אפילו ביי די קטני אמונה, בפרט אַז באַלד צומאָרגנס האָט דער פראָסט געפּלאַצט, די זאַווערוכעס האָבן אויפגעהערט און ס׳איז ווידער מעגלעך געוואָרן צו פאַרדינען אַ גראָשן און צו לעבן אויף דער וועלט.

אויך עזריאל מרגלית, דער אַטעאיסט און סאָציאַליסט, האָט נישט געפּרוווט ווי זיין אפּיקורסישער שטייגער איז געווען, לייקענען אין דער דאָזיקער זאַך. ער האָט בלויז געטענהט און אַ דין שמייכעלע האָט אויפגעלויכטן אַרום די ווינקלען פון זיין מויל, אַז עס איז אַ גרויסע עוולה וואָס אליהו הנביא איז נישט געפאַלן אויפן שכל צו באַווייזן זיך אויף אַזאַ אופן צו כאַמענדען, דעם טויטן שניידער, כאָטש חנוכה־צייט... דער שניידער און זיין ווייב, האָט ער צוגעגעבן מיט אַ זיפץ, וואָלטן דעמאָלט אויסגעמיטן אַ סך ביטערע טעג פון הונגער און פון קעלט....

טויבן און קראָען

מענטשן האָבן ליב טויבן און האָבן פיינט קראָען. די מענטשן פון איסטאַראַפּי האָבן אויך ליב געהאַט די וואָרקענדיקע טייבעלעך און האָבן פיינט געהאַט די קראַקענדיקע קראָען. אָבער אין לאַנד איסטאַראַפּי האָט מען געגלייבט, אַז אַלע באַשעפענישן וואָס ווידמען זיך אינעם וואַסער, וואָס פויזן און לויפן אויף דער ערד און וואָס פליען אַרום אונטער די הימלען זענען די קינדער פון דער גאָטיכע אַאוזראַ און אויב אַאוזראַ האָט זיי געגעבן לעבן, טאָר דער מענטש דאָס דאָזיקע לעבן זיי נישט צונעמען. אַזאַ צוזאָג האָט דער גאָט אַרטאַשכאַד געגעבן זיין מומע אַאוזראַ בעת ער האָט געבעטן ביי איר רשות צו באַשאַפן דעם בן אָדם.

אין איסטאַראַפּי האָט מען קיין לעבעדיקע באַשעפענישן נישט אומגעבראַכט. ס'האָט געמעגט זיין אַ בלוט־דורשטיקער לעמפּערט, אָדער אַ פרידלעכע באַרג־קאָזע, אַ באַרג־פויגל וואָס בריט אויס זיינע אייער אין די קאַלך־ליימיקע בלאָטעס, אָדער דער שלאַנגען־פיש וואָס וואַרפט זיך אַליין אַרויס אויף די ברעגעס ווען די וואַסערן ווערן גרין איבערן אָנפלוס פון די קליינע זשאַבע־היהלעך. אין איסטאַראַפּי האָט מען אויך די קראָען נישט געטשעפּעט, כאָטש מען האָט זיי נישט ליב געהאַט און מען האָט זיך פאַר זייער קראַקען צוביסלעך געשראָקן.

די לייט פון איסטאַראַפּי האָבן געהאָדעוועט טויבן. קיין קראָען האָבן זיי נישט געהאָדעוועט. פון דעסטוועגן זענען טויבן דאָרט געווען ווייניק און קראָען — אַ סך. שייך צו זאָגן אַ סך? ווי פיל זיי זענען געווען זענען זיי געוואָרן אַלץ מער. אַז זיי פלעגן זיך צונויפפליען אין אַ סטאַיע אונטערן הימל, האָבן זיי פאַרשטעלט די שיין פון דער זון, אַז זיי פלעגן זיך באַזעצן אויף אַ גרינעם בוים פלעגט מען דאָס גרינס נישט אַרויסזען און די צווייגן פלעגן בליען מיט אַ סאַמעטענער גרויקייט וואָס איז אַריינגעפאַלן אין שוואַרץ.

מיילן ווייט האָט זיך אין איסטאַראַפּי געטראָגן אין די טעג און אין די נעכט:

קראַ־קראַ... קראַ־קראַ...

מענטשן אין איסטאַראַפּי האָבן געבויט נעסטן פאַר די טויבן און אין די נעסטן האָבן זיך באַזעצט קראָען און דאָרט אויסגעבריט זייערע קליינע קראָעלעך. זיי פלעגן אַריינפליען דורך אַלע אָפענע לעכער אין די געצעלטן. זיי האָבן געגעסן אין די שטאַלן דאָס וואָס מען האָט פאַר־גרייט פאַר די אָקסן און אַז אַ קו איז געפאַלן און איז געבליבן ליגן אין פעלד, האָבן די קראָען געפּראַוועט איבער דער נבלה אַ סעודה און גע־טראָגן דעם ריח פון פוילעניש צו די פייערן פון די איסטאַראַפּיער.

די לייט פון איסטאַראַפּי האָבן זיך געקליגט און געשטעלט סטראַ־שידלעס איבער אַלע פעלדער און איבער אַלע וועגן. אָבער די קראָען האָבן זיך נישט געשראָקן. מען האָט זיי מיט צווייגן פוןביימער געטריבן פון די געצעלטן, פון די שטאַלן, אָבער זיי זענען נישט אַנטלאָפן. זיי פלעגן שטיין אויפן רוקן פון אָקס ווען ער האָט געאַקערט און האָבן איבערגעלאָזט זייער אומריינקייט אויף די טישן ביי וועלכע מען האָט געגעסן. און טאָמער האָט אַן איסטאַראַפּיער געוואָלט אָפּטרייבן אַ פאַר־עקשנטע קראָ פון די קערנער וועלכע ער האָט אויסגעדרעשט און ער האָט זיך אויף איר פאַרמאָסטן מיט אַ שטעקן, האָט די קראָ אַ צעשפּרייט געטאָן אירע פינצטערע פליגל, אַ צעעפן געטאָן איר קרומען שנאָבל און האָט דעם מענטש געגומען קראַקנדיק, פאַרשילטן אויף דור דורות. די קראָען האָבן געהאַט זייער חזקה אין איסטאַראַפּי און זיי האָבן, זעט אויס, גוט געוווסט וועגן דעם צוזאָג וואָס אַרטאַשכאַד האָט געגעבן אַאוזראַן. דער מענטש האָט געלעבט אין זייער זכות און די מענטשן, וואָס האָבן געוווסט פון דעם דאָזיקן זכות האָבן תמיד רעזיגנירט. קיין שום איסטאַראַפּיער וואָלט זיך נישט דערוועגט אויפצוהייבן קיין האַנט קעגן אַ לעבעדיק באַשעפעניש, צי ער האָט עס ליב געהאַט, אָדער פיינט געהאַט. פאַר קראָען האָט מען זיך דאָרט גאָר באַזונדערס געשראָקן און מען האָט אויף זיך געטראָגן דעם שווערן יאָך פון זייער פּרוכפּערדיקייט.

אין דעם יאָר ווען ס'האָט זיך באַוויזן אויפן הימל דער פייערדיקער

בעזעם האָט עס שוין געהאַלטן דערביי, אַז די איסטאַראַפּיער זאָלן פֿאַר־לאָזן זייער אָרטשאַפּט און גיין זוכן אַן אַנדער אַקער־פּעלד. אַזוי פיל קראָען זענען שוין דעמאָלט דאָרט געווען און אַזוי ענג האָבן זיי שוין געמאַכט דאָס לעבן פֿון די אָרעמע ערד־אַרבעטער.

*

אין יענעם יאָר טאַקע, אין דעם יאָר פֿון פייערדיקן הימל־בעזעם, האָט זיך אין איסטאַראַפּי באַוויזן אַ פרעמדער מאַן וואָס האָט אַריינגע־בראַכט אַן איבערקערעניש אין דעם לעבן פֿון די אָרטגעבירטיקע. ווער איז געווען דער דאָזיקער מאַן און ווי אַזוי קומט ער קיין איסטאַראַפּי? דאָס איז נישט באַוווּסט. מען ווייסט בלויז, אַז דער דאָזיקער מאַן האָט אַנטפּלעקט, דאָס אויף יענער זייט פֿון דעם גרויסן טייך און הינטער די הויכע בערג געפינען זיך נאָך אַנדערע מענטשן און וועגן דעם לעבן פֿון די דאָזיקע אַנדערע מענטשן האָט ער דערציילט.

אויסטערלישע, אויסטערלישע זאַכן האָט ער דערציילט. געהערט האָבן אים אַלע, די יונגע און די אַלטע. די אַלטע האָבן אים אויסגעהערט און בלויז געשאָקלט מיט די צעקודלטע קעפּ. ביי די יונגע האָבן זיך אָבער, הערנדיק זיינע מעשׂיות, געצונדן די אויגן און די הענט האָבן זיך גענו־מען בייסן.

דער סאַמע, סאַמע עיקר פֿון זיין דערציילן וואָס האָט אַלעמען פֿאַר־כאַפּט איז געווען דאָס, אַז יענע, אַנדערע מענטשן, דאָרט נאָכן גרויסן טייך און הינטער די הויכע בערג, ליידן נישט פֿון קיין קראָען און זיי האָדעווען טויבן וויפֿל זיי ווילן.

דער דאָזיקער מאַן האָט נישט דערציילט די איסטאַראַפּיער, אַז יענע מענטשן דאָרט, וואָס ליידן נישט פֿון קיין קראָען, הרגענען אויך אַנדערע באַשעפֿענישן און אויך איינער דעם אַנדערן. ניין, דאָס האָט ער פֿאַרשוויגן. ער האָט בלויז דערציילט, אַז יענע מענטשן דאָרט הרגע־נען קראָען, ווייל זיי ווייסן אויף געוויס, אַז דער צוזאָג וואָס דער גאָט אָרטאַשכאַד האָט געגעבן זיין מומע אַאוזראַ איז נישט חל אויף קראָען. קראָען, ווייסן יענע מענטשן, האָט אויך אַאוזראַ נישט ליב און דעריבער מעג מען זיי, ניין, ס'איז ממש אַ מצווה זיי אויסצוראָטן.

די אַלטע לייט פון איסטאַראַפּי האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ. זיי האָבן יאָ געגלייבט און נישט געגלייבט. אָ, יאָ, יענע מענטשן זענען גליקלעך. די קראָען פּאַרמיסטיקן נישט זייער עסן, זייערע געלעגערס, זיי לעכערן נישט די אויערן מיט זייער אומהיימלעכן קראָ־קראָ. זיי פּיקן נישט מיט די שנאָבלען דאָס נבלה־פלייש פון אַ געפאַלענער באַ־שעפעניש. נו, אָבער יענע מענטשן איז אַ פּנים באַשערט דאָס גליק. זיי האָט אַרטשאַכאַד מגלה געווען דעם סוד וואָס זיי מעגן און וואָס זיי טאָרן נישט. די איסטאַראַפּיער האָט קיינער דעם סוד נישט מגלה גע־ווען. די איסטאַראַפּיער עלטער־עלטער־זיידעס האָט מען אָנגעזאָגט: זאָלסט נישט שלעכטס טאָן קיין שום באַשעפעניש, אַפילו נישט קיין קראָ. נו, מוז מען ליידן. פּאַרפאַלן.

אָבער די יונגע מענטשן פון איסטאַראַפּי האָבן פון דעם פרעמדנס רייד געלערנט אַן אַנדערן פּשט: ווי באַלד יענע מענטשן מעגן, מעגן מיר אויך. האָט נישט דער גאָט ארטאַשכאַד באַשאַפן, סיי אונדז, סיי זיי? האָט ער נישט פעסטגעשטעלט זיינע געזעצן פאַר אַלעמען גלייך? פאַר וואָס זשע זאָלן מיר ליידן פון די פאַרשאָלטענע קראָען פון וועמענס יאָך אַנדערע האָבן זיך באַפרייט? עס קאָן נישט זיין אַז דער גוטער גאָט אַרטאַשכאַד וואָס האָט באַשאַפן אין זיין גוטסקייט דעם בן אָדם זאָל פאַר אייניקע באַשטימען דאָס גליק בעת פאַר אַנדערע זאָל ער באַשטי־מען דאָס אומגליק.

אָ, לאָמיר נאָר ביי אונדז אויסהרגענען די פאַרשאָלטענע קראָען, דאַן וועלן מיר אויך זיין גליקלעך מיט אַלעמען צוגלייך. מיר וועלן אַקערן און זייען און מיר וועלן בויען נעסטן פאַר די טויבן. וואָרקענדיקע טייבעלעך וועלן פליען אַרום אונדזערע געצעלטן און מיר וועלן מער נישט הערן דאָס געקראַקערײ פון די קראָען.

אַזוי האָבן גערעדט די יונגע, אויפגעברויזטע דורך די רייד און מעשיות פון דעם פרעמדן מאַן.

*

נישט מיט איין מאָל איז עס געוואָרן. אָבער די יוגנט האָט פאַרט מנצח געווען. די רייד פון דעם פרעמדן און די געענגטקייט מחמת דער

פיל־צאָליקייט פון די קראָען וואָס זענען וואָס אַ מאָל אַלץ מער חוצפּה־דיק געוואָרן, האָבן זייערס געטאָן: אין איסטאַראַפּי האָט זיך צעבּרענט אַ שינאה צו די קראָען, אַ האַס צו די שוואַרצע קראַקערס וואָס פאַראומערן דאָס לעבן.

— גורט אייך אָן מיט שינאה, האָט דער פרעמדער מאַן גערעדט צו דער יוגנט, באַוואָפנט אייך מיט האַס. ראָט אויס, הרגעט די קראָען. אויב איר האָט ליב אייערע קינדער, אויב איר האָט ליב טויבן, אויב איך האָבן ליב דאָס לעבן — פאַרניכט די קראָען, וואַרפט אַראָפּ פון זיך זייער יאָך.

און די יוגנט האָט זיינע רייד פאַרשטאַנען. זי האָט צו זיי צוגעגעבן פירושים: מען דאַרף זיך אָנגורטן מיט האַס, כדי צו ברענגען אויף איסטאַראַפּי דאָס גרויסע גליק פון ליבע. מען דאַרף הרגענען די קראָען כדי עס זאָלן זיך מערן די שטילע טויבן.

נישט מיט איין מאָל גייט מען אין איסטאַראַפּי איבער פון רייד צו מעשים, אָבער ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האָבן זיך אויך מעשים געענ־מען ווייזן. דאָ און דאָרט האָט מען אין איסטאַראַפּי שוין געהרגעט קראָען.

די אַלטע האָבן אָבער נאָך כוח געהאַט: זיי האָבן קיין קראָען נאָך אַלץ נישט געלאָזט קיין שלעכטס טאָן. זיי האָבן די, וואָס מען האָט חושד געווען אין הרגענען אַ קראָ, געמשפּט און באַשטראָפט. דעם פרעמדן האָבן זיי פון איסטאַראַפּי אין גאַנצן פאַרטריבן.

עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. דעם פרעמדנס רייד זענען וואָס אַמאָל אין מער הערצער אַריין. דערצו האָט דאָס איסטראַפּי־פאָלק שוין זייער שטאַרק פון די קראָען געליטן.

ביז איין מאָל איז געקומען צו אַ מרידה.

די יוגנט (און אויך פיל מיטליעריקע און אפילו עלטערע) האָבן אָפן דערקלערט, אַז זיי וועלן די עלטסטע מער נישט פאָלגן. פאַר עלטסטע זענען געקליבן געוואָרן נייע, יונגע מענטשן און די דאָזיקע מענטשן האָבן צוגעזאָגט דאָס איסטאַראַפּי־פאָלק פון דעם קראָען־אומגליק צו באַפרייען.

און ווידער האָט זיך דער פרעמדער מאַן אין איסטאַראַפּי באַוויזן און ער איז דער אָנפירער פון די קראָען־שלאַכט געוואָרן. ער האָט זיך צוגעקליבן אַ מחנה פון יונגען, מוטיקע, דרייסטע און ער האָט זיי צום קראָען־קאַמף געגרייט.

אָ, נישט אַלע האָבן אין איסטאַראַפּי זיך נאָך צו דער קראָען־שלאַכט געטויגט. אפילו די וואָס האָבן אין האַרץ מסכים געווען, אַז מען דאַרף די קראָען אָן רחמנות אויסראָטן, האָבן פון דעסטוועגן נישט אַזוי גרינג געקענט אויפהייבן קיין האַנט אויף דער שוואַרצער קראַקנדיקער באַ־שעפעניש. צו לאַנג האָבן זיי מיט דעם פאַרבאָט פון אַרטאַשכאַדן גע־לעבט. טיף־טיף אין האַרץ האָבן זיי זיך נאָך אַלץ פאַר אַאווזראַ געשראָקן.

האָט דעריבער דער פרעמדער מאַן נישט גלייך געפירט זיינע לייט אין דער קראָען־שלאַכט. ער האָט צום ערשט לאַנג און גרינטלעך די דורותדיקע ירושה־מורא פון זייער האַרץ אויסגעברענט, פאַמעלעך און געניט אין זיי דאָס פייער פון שינאה צו דער קראָ אָנגעצונדן און מיט דער שינאה זיי פאַרשיכורט און באַצוווּנגען.

— ווי לאַנג ס׳זענען פאַראַן קראָען אין איסטאַראַפּי, האָט ער זיי כסדר געלערנט, טאָרט איר פון עפּעס אַנדערש ווי האַס נישט טראַכטן, עפּעס אַנדערש ווי שינאה נישט פילן. רחמנות? ליבע? אין דער איצ־טיקער מינוט ווען אונדזער לעבן איז נאָך פון די קראָען נישט באַ־פרייט, איז דאָס פאַרראַט... מען טאָר אפילו נישט טראַכטן וועגן גלעטן קעפּ דעמאָלט ווען אונדזער הייליקע אויפגאַבע איז צו האַקן קעפּ, קראָ׳ִישע קעפּ... די ליבע, די ליבע וועט קומען שפּעטער... שפּעטער... צוזאַמען מיט דער שפּעטערדיקער ליבע וועלן קומען די טויבן... טויבן אין אַ וועלט אָן קראָען...

*

נישטאָ די זאַך וואָס אַ מענטש זאָל נישט באַוויזן אויב ער נעמט זיך צו איר מיט דעם גאַנצן פייער פון זיין נשמה. לאַנג, לאַנג האָט מען אין איסטאַראַפּי געהרגעט, אויסגעראָט און פאַרניכט די קראָען, אָבער מען איז זיי פאָרט בייגעקומען. מען האָט זיך פון זיי באַפרייט.

דאָס איז נישט געשען מיט איין מאָל. עס זענען געווען יאָרן, ווען די טויטע געהרגעטע קראָען האָבן פאַרשטונקען אַלע טייכן, פאַרלייגט מיט זייער עיפּוש אַלע פעלדער. עפּידעמיעס זענען אויסגעבראָכן. מענטשן האָבן געבראָכן מיט דער גרינער גאַל פון דעם בבלה־געשטאַנק, וואָס זיך געטראָגן פון די געהרגעטע קראָען. אָ, עס זענען געווען שווערע צייטן, צייטן פון נסיונות, צייטן ווען פיל פון די קראָען־פאַרניכטער האָבן דערשעפּטע זיך מיאש געווען. אָבער די שינאה צו די קראָען וואָס דער פרעמדער מאַן האָט אָנגעצונדן אין די הערצער פון די טרייע, האָט אַלץ גובר געווען. איסטאַראַפּי איז באַפרייט געוואָרן פון דער קראָען־פּלאָג. עס איז געקומען דער אויסגעבענקטער טאָג ווען אין גאַנץ איס־טאַראַפּי איז מער קיין איין קראָ נישט געווען.

דער פרעמדער מאַן און זיין געטרייע מחנה האָבן זיך ביים טייך באַזעצט. דאָרט האָט מען זיי די שענסטע און די שטאַרקסטע געצעלטן געבויט. זיי האָבן נישט געדאַרפט מער אַקערן, נישט זייען. זיי האָבן בלויז געדאַרפט וואַכן, אַז אין איסטאַראַפּי זאָלן זיך ווידער אַ מאָל קיין קראָען נישט באַווייזן.

און דאָס פאָלק פון איסטאַראַפּי האָט טאַקע פריי אָפּגעאָטעמט. דאָס פאָלק האָט נעסטן פאַר טויבן געבויט און עס האָט זיך געגרייט צו לעבן און צו געניסן פון גרויסן גליק, פון דער גרויסער ליבע.

עס איז אָבער נישט באַשערט געווען.

די זיגערס איבער די קראָען וועלכע האָבן אין די שיינע און שטאַר־קע געצעלטן ביים טייך געוווינט, האָבן זיך אַרומגעדרייט שלינג און שלאַנג און האָבן נישט געוווסט וואָס מיט זייער ליידיקער צייט צו טאָן.

זיי האָבן זיך צוגעוווינט צו הרגענען קראָען. זיי האָבן אויסגעהאָדע־וועט אין זיך אַ האַס צו די שוואַרצע באַשעפענישן. דער האַס ברענט כאָטש די באַשעפענישן זענען שוין מער נישטאָ.

האָבן זיי זיך אַרום דעם פרעמדן מאַן פאַרזאַמלט און צו אים זייער געשריי אויפגעהויבן.

דער פרעמדער מאַן האָט זיי אויסגעהערט און ער האָט געזאָגט :

— נישטאָ פאַר אייך וואָס צו טאָן מער, זאָגט איר? נישטאָ קיין קראָען מער, מיינט איר? ווער האָט עס אייך געזאָגט? פון וואַנען ווייסט איר עס? גייט, זוכט אין די טויבן־נעסטן, דאָרט האָבן זיך מסתם גענוג קראָען באַהאַלטן, קראָען אין טויבן־געשטאַלטן...

און אַזוי איז געווען. די מחנה איז צו די טויבן־נעסטן אַוועק. דאָרט האָט מען צום ערשט יעדע טויב וואָס האָט אויסגעזעזען אַ ביסל חשוד — דערהרגעט. דערנאָך האָט מען שוין אויפגעהערט קוקן, יאָ חשוד — נישט חשוד, מען האָט שוין געהרגעט די טויבן צוליב זיכערקייט און אויך סתם אַזוי, ווייל די שינאה צו די קראָען האָט געברענט און קיין קראָען זענען מער נישט געווען.

און אַז מען האָט די טויבן אויך שוין אויסגעהרגעט, האָט מען ערשט גענומען הרגענען אַלע אַנדערע באַשעפענישן וואָרעם דאָס געזעץ פון גאָט אַרטאַשכאַד און זיין צוזאָג דער מומע אַאוזראַ איז שוין סיי ווי מער נישט געווען גילטיק.

היינט איז שוין איסטאַראַפּי מיט לייטן־גלייך: מען הרגעט שוין דאָרט נישט נאָר באַשעפענישן, נאָר אויך מענטשן הרגענען שוין דאָרט איינע די אַנדערע.

און דאָס אַלץ ווייל עס ברענט נאָך דאָרט דאָס פייער פון שינאה וואָס דער פרעמדער מאַן האָט געהאַט אָנגעצונדן צו די קראָען אין נאָמען פון דער ליבע צו די טויבן...

דער צוריקגעקומענער

1

דאָס וואָס די וועלט זאָגט, אַז איין שטרוי קען אַמאָל איבערברעכן דעם רוקן פון אַ קעמל, איז א פּנים ריכטיק. יאַן טשאַרנאָפּאָלסקי האָט יאָרנלאַנג פאַרלייקנט זיין יידישקייט און אפילו זיינע נאָענטסטע פריינט האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ גוי גמור. איז אָבער געקומען איין געשעעניש, איין איבערלעבונג, און טשאַרנאָפּאָלסקי האָט ראַפּטום אַראָפּגעריסן פון זיין פּנים די גויִישע מאַסקע און איז צוריק געוואָרן אַ ייד.

יאַן טשאַרנאָפּאָלסקי איז געווען מיין יוגנט־חבר, איך האָב אים גע־קענט נאָך אין יענע יונגע יאָרן ווען ער האָט געהייסן יונהלע שוואַרצ־פעלד. איך האָב געקענט אים און זיין גאַנצע משפחה. וואָרים, ווי אַזוי האָב איך אים געזאָלט נישט קענען? ער איז דאָך געוואַקסן אין איין שטעטל צוזאַמען מיט מיר, געשפּילט זיך מיט מיר אין איין גאַס און שפּעטער געלערנט מיט מיר אין איין חדר חומש מיט רש״י.

כ׳האָב געקענט יונהלעס טאַטן הערשל מעניעס, נישט ערגער, נאָר אפשר נאָך בעסער ווי מיינע אייגענע ברידער. ער איז געוואַקסן אין אַן אָרימער שטוב, אָבער אין אַ שטוב, וואָס אירע מענטשן האָבן געהאַט — ווי מען האָט אין שטעטל געזאָגט — „פייגל אין קאָפּ״. טשודאַטשנע מענטשן געווען, סיי הערשל מעניעס, סיי זיין ווייב, רבקה די מעניכע, סיי אַלע זייערע קינדער, די מעניכעס. אַזוי אָרים ווי זיי זענען געווען, אַזוי האָבן זיי פאַרמאָגט עפּעס אויסטערלישע גענג און מאַנירן. געגעסן האָט מען ביי זיי קדחת מיט נישט, אָבער סערווירט אויף פאַרצעלייענע טעלער. קיין ווייַן אויף קידוש האָט מען גאָר אָפט נישט געקענט קויפן, ווייל ס׳איז קיין געלט נישט געווען. אָבער דאָס פּודעלע שיך־פּאַסטע האָט אין

שטוב נישט געטאָרט פעלן און אין די חשוניקע בלאָטעס האָבן ביי די מעניכעס די שיך געמוזט גלאַנצן אַקוראַט ווי מען וואָלט זיי אָקאָרשט אַרויסגענומען פונעם שוי־פענצטער אין דער לאָדזשער קראָם.

ביי די מעניכעס האָט אַ קינד גערעדט צו טאַטע־מאַמע אין דער דריטער פּערזאָן און אָן „טאַטעשי זאָל אַזוי גוט זיין" אָדער „מאַמעשי זאָל אַזוי גוט זיין" האָט מען זיך נישט גערירט. חלילה וחס, אַז אַ קינד זאָל אַריינלויפן פון צעיאַכמערטן שפּיל און זאָגן צו דער מאַמע: „מאַמע גיב מיר ברויט". אָדער צום טאַטן: „טאַטע, איך וויל אַ צוקערל". „מאַמעשי זאָל אַזוי גוט זיין און מיר געבן אַ שטיקל ברויט" — אַזוי האָט אַ קינד פון 3 יאָר גערעדט ביי די מעניכעס. „טאַטעשי, אַזוי גוט זיין און מיר קויפן אַ צוקערל". דאָס איז געווען דאָס לשון אין דער דאָזיקער שטוב. און טאָמער האָט מען אין דער שטוב דעם קינד נישט געגעבן קיין ברויט און נישט געקויפט קיין צוקערל, האָט עס אויך נישט געמאַכט קיין פּיסקעס, קיין קולות ווי אַנדערע שטעטלדיקע קינדער. עס האָט אײדל און פּריציש געשוויגן און אַפילו אַביסעלע פאַרשעמט אונטערגעשמייכלט.

און פּונקט ווי די קינדער האָבן זיך אויפגעפירט כלפּי טאַטע־מאַמע, אַזוי האָבן זיך די עלטערן, סיי הערשל, סיי זיין ווייב רבקה, געפירט כלפּי די קינדער. מען האָט אויף קיין קינד קיינמאָל די הענט נישט געהויבן, קיין הויך וואָרט נישט געזאָגט. אַז אַ קינד האָט גערעדט, האָט מען עס שטיל און געדולדיק אויסגעהערט און געענטפערט ווי אַ גרויסן. דאָרט האָבן איך קיינמאָל נישט געהערט מען זאָל אַ קינד זאָגן: „שאַ, מיש זיך נישט, ס'איז נישט דיין זאַך". אָדער: „דו ביסט נאָך צו קליין צו וויסן פון אַזעלכע זאַכן". צי גאָר: „ווען גרויסע רעדן, דאַרף אַ קינד שווייגן און זיך נישט אַריינמישן".

יונהלע שוואַרצפעלד איז געוואַקסן אין אַ פרומער ייִדישער שטוב. אָבער עפּעס גוייִשס, פּריצישס, נישט געוויינלעכס איז געווען אין דער דאָזיקער שטוב. עפּעס האָט מען דאָרט געפירט נישט קיין ייִדישן שטאַט, געהאַט נישט קיין ייִדישע מידות. עס וואָלט נאָך אפשר געפּאַסט פאַר בגידים, פאַר „דייטשן"־גבירים, אָבער פאַר אָרימע ייִדן פון בעלי הבתישן

שטאַנד? ניין, ס'איז געווען אַן אויסטערלישע שטוב — די שטוב וואָס אירע באַוווינער האָט מען היבטער די אויגן גערופן, „די מעניכעס", אָבער אין די אויגן האָט מען זיי טיטולירט: „די שוואַרצפעלדס".

גאָר קיין וווּנדער נישט, וואָס פון אָט דער שטוב איז יונהלע צו די 12 יאָר אַוועקגעפאָרן לערנען אין אַ גימנאַזיע, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ ווייטער שטאָט, אַזש אין גאַליציע. דאָרט אין יענער שטאָט, האָט יונהלע געהאַט אַ מומע און ביי איר איז ער דאָס איינגעשטאַנען. די מומע אַליין איז, אפּנים, אויך נישט געווען קיין גרויסע נגידית און יונהלע האָט ביי איר געקריגן גאָר מאָגערע קעסט. נאָר וואָס איז שייך צו רעדן? ביי די מעניכעס האָט איר אַלצדינג געפּועלט און אויף זיי האָט איר זיך געקענט ריכטן אַז זיי זאָלן אַוועקשיקן אַ קינד אין די מרחקים, עס זאָל דאָרט ליידן נויט און עלנט, אַבי עס זאָל גיין אין די גימנאַזיעס און „אויס־שטודירן אויף דאָקטער".

יונהלע האָט נישט אויסגעשטודירט אויף דאָקטער. ער האָט אַפילו די גימנאַזיע נישט געקענט פאַרענדיקן, ווייל מען האָט אים פון 7־טן קלאַס משלח געווען מיט אַ וואָלפישן בילעט. וואָסי? ס'איז אַ קורצע מעשה, נאָר אַ שיינע: יונהלע, אָדער ווי מען האָט אים גערופן: יאַנעק, האָט זיך אַריינגעדרייט אין אַ חברה וואָס איז געגאַנגען קעגן דער ממשלה. האָט מען אים טאַקע געכאַפּט ביי דער מעשה, ס'הייסט: ביים טיילן מיני אומלעגאַלע אויפרופן דעם מיליטער און מען האָט אים גאַנץ שיין איינ־געזעצט אין תפיסה. אַ מערכה, ער איז נאָך דעמאָלט געווען מינדעריע־ריק, אַנישט וואָלט ער ביי די פּאָליאַקן געגאַנגען גאָר הויך. פאַר העצן דאָס מיליטער צו מרידה, דערהויפּט אין די קליינפּוילישע געביטן, האָט מען זיך געקענט זען מיט דער תליה אויך.

יאַנעק שוואַרצפעלד איז אָפּגעזעסן אַ צייט אין דער תפיסה און אַז מען האָט אים אַרויסגעלאָזט האָט ער זיך ווידער גענומען צו די אייגענע זאַכן. ער איז אַ שטיקל צייט געווען אין שטעטל און דאָ אויך עפּעס אויפ־געטאָן. מען קען נישט זאָגן, אַז זיין טאַטע האָט פונעם זונס אויפפיר נישט געהאַט קיין צער. אוודאי, נישט דאָס האָט ער געוואָלט און נישט וועגן אַזאַ תכלית פאַר זיין זון האָט ער געטראַכט. אָבער זאָגן יאַנעקן

עפּעס אַ וואָרט — דאָס נישט. „קינדער האָבן זיך זייער שכל״ — פּלעגט ער טענהן, „אַ קינד איז אַ מענטש און אַ מענטש איז ערוב פאַר זיך״.

יאַנעק שוואַרצפעלד איז מיט דער צייט געוואָרן דאָס וואָס מען האָט אין יענע צייטן אָנגערופן: אַ פּראָפעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער. ס׳הייסט אַ מענטש וואָס האָט נישט געטון קיין שום אַנדער זאַך ווי נאָר „געמאַכט די רעוואָלוציע״ און אויף זיין אויסקומעניש האָט ער געקריגן פון דער פּאַרטיי.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין פּוילן איז דעמאָלט דערהויפּט געווען אַ יידישע פּאַרטיי. פּוילישע אינטעליגענטן האָבן זיך עפּעס ווייניק גע־ריסן צו גיין זיצן אין די תפיסות. אַ פּאָליאַק וואָס האָט געהאַט, ווי מען זאָגט „אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס״ און אַ געשליפן צינגל, האָט זיך נישט לאַנג איינגעהאַלטן אין די קאָמוניסטישע רייען. מען האָט אים גיך אויס־געכאַפּט, פאַרלאָקט מיט גוטע פּאָסטנס וכדומה. אַזוי ווי קיין גענוג גוייִשע רעוואָלוציאָנערע אָנפירערס זענען אָבער נישט געווען, און צו די יידישע אַגיטאַטאָרס האָבן די פּוילישע אַרבעטער נישט געהאַט קיין צוטרוי, האָט מען גענומען יידן, מיט „אַ גוטן״ אויסזען און מיט אַ גוט פּויליש לשון אין מויל און מען האָט זיי „געמאַכט״ פאַר פּאָליאַקן. יונהלע שוואַרצ־פעלדס גוייִשקייט האָט זיך אָנגעהויבן טאַקע דעמאָלט, אין די צייטן ווען מען האָט זיך מיט יידישקייט אין פּוילן נאָך נישט געמוזט און נישט גע־דאַרפט באַהאַלטן.

2

אין זיין קאָנספּיראַטיווער טעטיקייט האָט יונהלע שוואַרצפעלד, אָדער דער חבר יאַנעק, שוין דעמאָלט געמוזט אויסהערן פון זיינע פּוילישע אָר־גאַניזאַציע־חברים פאַרשידענע אַנטיסעמיטישע רייד, פאַרשידענע זיד־לערייען אויף דעם יידישן חשבון. און בכלל — פאַרשידענע באָבע־מעשיות וועגן יידן. ס׳האָט אים צוערשט אַ ביסל גערופּעט און ער האָט פאַרלאַנגט פון די העכער־שטייענדיקע אינסטאַנצן, אַז מען זאָל באַהאַנדלען די פראַגע וועגן אַן אויפקלערונג־אַקציע קעגן אַנטיסעמיטיזם צווישן די רעוואָלו־ציאָנערע אַרבעטער־מאַסן. אָבער „די העכער־שטייענדיקע אינסטאַנצן״

האָבן געהאַלטן, אַז ס׳איז נישט כדאי זיך איצט אָפּצוגעבן מיט דער דאָזיקער אויפקלערונג. „קודם כל דאַרף מען מאַכן די סאָציאַלע רעוואָלוציע״, האָבן זיי אים געענטפערט, „אַז מען וועט האָבן געמאַכט די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט דער אַנטיסעמיטיזם שוין אַליין פאַרשווינדן. און טאָמער וועט מען דאַרפן, וועט מען דעמאָלט אים באַקעמפן מיט אַלע מיטלען וואָס די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור וועט האָבן אין איר רשות״.

דער חבר יאַנעק האָט געמוזט איינזען, אַז דער דאָזיקער גענדאַנקענגאַנג איז אַ ריכטיקער. „ס׳האָט נישט קיין זין אַראָפּצונעמען אַ וואָרצל פון פּנים, ווען דער מענטש מיטן וואָרצל שטייט ערב אַ גרויסע כירורגישער אָפּעראַציע״. אמת, ווען ער האָט געהערט אויף די זיצונגען פון די קאָנספּיראַטיווע קעמערלעך ווי די פּוילישע חברים רעדן וועגן יידן, און ווי זיי באַרימען זיך אָפּטמאָל מיט פּשוטע כוליגאַנישע שטיק קעגן יידישע אַרבעטער און יידישע שכנים, האָט דאָס אים טאַקע וויי־געטאָן. ער האָט אָבער זיין ווייטיק געמוזט באַהאַלטן, כדי די אַרבעטער זאָלן זיך נישט כאַפּן אַז ער איז אַ ייד און דורך דעם פאַרלירן דעם צוטרוי צו אים, דעם פּאַרטיי־שליח. „דאָס פינצטערניש ביי די מאַסן״, האָט ער געטראַכט, „איז גרויס און דער וועג פון אויפקלערונג איז לאַנג. אויפקלערונג איז אַ שיין וואָרט, וואָס עס נוצן די סאָציאַל־פאַשיסטן״. ער, יאַנעק, האָט געוווסט, אַז אין אַ קאַפּיטאַליסטישער וועלט וועט מען די מאַסן קיינמאָל נישט אויפקלערן. מאַרקס האָט געזאָגט, אַז „וויסן איז מאַכט״. לענין האָט אָבער געלערנט, אַז ערשט די פּראָלעטאַרישע מאַכט וועט ברענגען די אַרבעטער וויסן. היינט דאַרף מען דעריבער די מאַסן נישט אויפקלערן, נאָר אויפבּרויזן. „זאָלן זיי נאָר אַרויס אין גאַס, מאַכן די רעוואָלוציע, איבערגעבן די מאַכט אין די הענט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, דערנאָך וועט מען ווייטער זען. אַ קאָמוניסטישע מאַכט וועט זיך שוין מיטן אַנטיסעמיטיזם אַן עצה געבן. אָהאָ! און נאָך ווי אַזוי? דער בעסטער באַווייז איז טאַקע דער ראַטנפאַרבאַנד״.

יונהלע שוואַרצפעלד, דער חבר יאַנעק, האָט געהערט ווי מען זידלט יידן אין דער מאַמען אַריין, ווי מען דערציילט וועגן זיי די אויסטערלישסטע זאַכן, ווי מען באַרימט זיך מיט אַנטיסעמיטישע העלדנטאַטן, אָבער

ער האָט געשוויגן און נאָך מיטגעלאַכט מיט די וווילינגערישע שקצים און שיקסעס. ער האָט זיך געטענהט: „נו, און אַז זיי וואָלטן געווען אין דער ענדעקישער פּאַרטיי און דאָרט געפּראַוועט אַנטיסעמיטיזם וואָלט בעסער געווען? דאָ דינען זיי כאָטש ווי מאַטעריאַל צו אַ גרויסער אידייע־פאַרווירקלעכונג. אַז מען וויל אויפבויען אַ שיינע געביידע, קוקט מען נישט דערויף וואָס דער מייסטער שלאָגט זיין ווייב. די געביידע וועט זיין אויפגעבויט וועט מען מיט אַזאַ מייסטער שלאָגן כפּרות. די געשיכטע האָט נישט בודק געווען צי צווישן די וואָס האָבן געמאַכט די פּראַנצויזישע רעוואָלוציע האָבן זיך נישט געפונען אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט סיפיליס. קיין רעוואָלוציע מאַכט מען נישט מיט קיין וויל־דערצויגענע מענטשן, וואָס זאָגן „פּאַרדאָן" ווען זיי טרעטן עמיצן אָן אויפן הינעראויג".

צוליב זיין אַרבעט צווישן פּאָליאַקן, דערצו צווישן פּראָסטע, אומ־באַוווסטזיניקע אַרבעטער און פּויערים, איז יונהלע אינגאַנצן פאַרגוייִשט געוואָרן. ער האָט געהאַט ווייניק קאָנטאַקט מיט יידן און אפילו מיט יידישע פּאַרטיי־חברים. פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך מיט זיי טרעפן אין די תפיסות. אָבער אויך דאָרט האָט מען נישט גערעדט וועגן קיין יידישע ענינים און מ'האָט זיך געהאַלטן ווי ס'פּאַסט פאַר אינטערנאַציאָנאַליסטן. יונהלעס גאַנג אויפן פּאַרטייִשן לייטער איז בעיקר געווען פאַרבונדן מיט זיין פּוילישקייט, מיט זיין קענען זיך איינקויפן אין חברשאַפט ביי די פּוילישע אַרבעטער, מיט זיין קענען רעדן אויף זייער פּראָסטער גאַסן־שפּראַך, טרינקען מיט זיי וואָדקע, עסן קאָלבאַס, קנייפּן די שיקסעס און טאָן נאָך ענלעכע זאַכן, צוליב וועלכע מען האָט אים געהאַלטן פאַר „אַ נאַש־בראַט".

כ'האָב זיך אין יענע צייטן נישט אָפט געטראָפן מיט יונהלע שוואַרצ־פעלד. אָבער ווען כ'האָב זיך מיט אים יאָ געטראָפן, האָט ער זיך פאַר מיר טיילמאָל אָ קלאָג־געטאָן, אַז אים קומט אויס צו אַרבעטן צווישן אַן אומקולטורעלן עלעמענט. כ'האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער איז נישט אינגאַנצן צופרידן וואָס די רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט האָט אים אָפּגע־ריסן פון יידן. אָבער ווי אַ גוטער און אמתער רעוואָלוציאָנער האָט ער וועגן דעם געשוויגן.

3

די יאָרן זענען זיך געגאַנגען. עס איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה. כ׳האָב זיך מיט יונהלען געטראָפן אין ביאַליסטאָק, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען סאָוויעטיש. מיר זענען ביידע דאָרט געווען פליטים. אָבער וואָס פאַר אַ פאַרגלייך צווישן מיר און אים, דעם פאַרדינסטפולן רעוואָלוציאָנער! מיר האָבן עפּעס אַ רייד געטאָן וועגן אונדזערע נאָענטע, וואָס מיר האָבן איבערגעלאָזט אין פּוילן. מיר האָבן געוווּסט אויף וואָס פאַר אַ סכנות זיי זענען אויסגעשטעלט. אָבער יונהלע האָט אויך דעמאָלט זיך געהאַלטן אין דער מדרגה. ער האָט געדאגהט וועגן זיינע נאָענטע אויף אַזויפיל אויף וויפל אַ רעוואָלוציאָנער קען זיך דערלויבן צו דאגהן וועגן זיינע פּריוואַטע ענינים. און יונהלע הערשל מעניעס איז אין דעם פּרט געווען אַ מוסטער פון רעוואָלוציאָנערער איבערגעגעבנקייט. ווען זיין טאַטע, הערשל מעניעס, איז צוויי יאָר פאַר דער מלחמה געשטאָרבן, איז ער אפילו נישט געקומען צו דער לוויה. פּינקטלעך אַ שעה נאָך דער ידיעה איז ער געגאַנגען אויף אַ זיצונג פון אַ קעמערל. און דעם בריוו פון דער מאַמען, אַז מען האָט אויפן טאַטנס קבר געשטעלט אַ מצבה, האָט ער איבערגעלייענט וואָרטנדיק אויפן „פּאַד־פּונקט״ און אים גלייך צעריסן, ווייל ס׳האָט נישט געטויגט צו האָבן ביי זיך אַזעלכע דעקאָנספּירירנדיקע פּאַפּירלעך פון פּערזענלעכן כאַראַקטער.

אויך אין ביאַליסטאָק האָט חבר יאַנעק געאַרבעט צווישן גויִים. נישט געהאַט צו טאָן מיט די אַלע ייִדישע פליטים, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין די גאַסן און פון זייערע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ שוואַרצזעערישע שרעק. חבר יאַנעק האָט פאַרנומען אַ הויכן אַמט אין דער אָפּטיילונג פון קאָלעקטיוויזאַציע און ער האָט געהאַט צו טאָן מיט ווייסרוסישע פּויערן. איינמאָל האָב איך אים געטראָפן אין גאַס: מען האָט דעמאָלט מאַסנווייז פאַרשיקט די ייִדישע פליטים פון ביאַליסטאָק קיין סיביר. מיין חבר יונהלע איז געווען אַ ביסל צעטומלט, ווייל אין אָט דער אַרויסשיקונגס־אַקציע איז ניכר געווען אַנטיסעמיטיזם, אָבער ער האָט אויך דעמאָלט געפונען אַ פּסוק פאַר זיין גלייכגעוויכט: „מען ראָט נישט אויס אין צוויי צענדליק יאָר דאָס, וואָס ס׳איז אויסגעוואַקסן אין משך פון יאָרהונדערטער״ —

האָט ער מיר געזאָגט. און ווען כ׳האָב אים באַמערקט אַז אויב מען וועט גאָרנישט טאָן, וועט מען אין טויזנט יאָר אַרום אויך נישט אויסראָטן דעם אָנוווקס, האָט ער מיר געעצהט נישט צו זיין אַזוי פּעסימיסטיש און זען די דערגרייכונגען אויף דעם געביט פון פעלקער־פאַרברידערונג אין ראַטנפאַרבאַנד. „איבעריקנס״, האָט ער צוגעגעבן, „די פּאַליט־ביוראָ ווייסט אַלץ און זי ווייסט געוויס וואָס זי טוט. מסתמא ווייסט זי, אַז מען קען געוויסע פּראָצעסן יאָ אונטעראיילן און אַנדערע — נישט. דערמאָנען דעם פּאַליט־ביוראָ זיינע אויפגאַבן, איז אין ראַטנפאַרבאַנד נישט איינגעפירט און ס׳איז אויך נישט געזונט וועגן דעם מיט עמיצן צו רעדן״.

4

אין עטלעכע יאָר אַרום האָב איך אין מאָסקווע ווידער באַגעגנט מיין חבר יונהלע־יאַנעק. כ׳האָב גלייך דערקענט, אַז ער האָט געהאַט שווערע איבערלעבונגען. ער האָט געשוויגן, אָבער אין זיין שווייגן האָב איך אַרויסגעפילט יענע אַנטוישונג וואָס מען קען זי נישט אַרויסרעדן מיט קיין ווערטער. כ׳האָב זיך פון אַנדערע מענטשן דערוווסט אַז יונהלע האָט אין די עוואַקואַציע־יאָרן נישט געלעקט קיין האָניק. אין דער עוואַקואַציע איז ער געווען אַ פּשוטער „ביעזשעניעץ״ און פון זיין רעוואָלוציאָנערן יחוס האָט קיינער נישט געוווסט, נישט געוואָלט אַפילו וויסן. קיין מיט־גליד אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז ער נישט געווען, ווייל די פּוילישע פּאַרטיי איז דאָך אויפגעלייזט געוואָרן דורכן קאָמינטערן פאַר דער מלחמה. אין ביאַליסטאָק האָט מען נאָך וועגן אים געוווסט, אָבער אין דעם אוזבעקישן קאָלכאָז, וווּ ער איז פאַרוואָרפן געוואָרן, איז ער געווען כאחד האדם, ווי יעדער פּליט פון פּוילן און ס׳האָט נישט געהאָלפן דאָס שרייען: אַני יאַנעק.

יונהלע האָט זיך דורך דער צייט צוגעזען פאַרשידנס. ער האָט גוט דערקענט דאָס סאָוועטישע לעבן פון אינעווייניק. באַ, ער האָט אַפילו פאַרזוכט דעם טעם פון תפיסה אויך. אַנדערהאַלבן יאָר איז ער אָפּגעזעסן, געפּאַרשט און געשלאָגן געוואָרן, נאָר דערפאַר ווייל ער האָט איינמאָל ביים קאָלכאָז־פאָרזיצער געפּאָדערט אַ ביסל שטרוי צום שלאָפן.

און אפשר איז עס געווען צוליב עפּעס אַנדערש? ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ ווייב, יונהלע, אַ שיינע חברטע פון פוילן — אַ הונדערט פּראָצענטיקע פּאָלאַטשקע. אין דער צייט וואָס ער, יונהלע, איז געזעסן אין דער אוזבעקישער תפיסה, האָט די חברטע דערווייל אונטערגעלעבט מיטן זעלביקן קאָלכאָז־פּאָרזיצער, וואָס האָט אים געלאָזט איינזעצן. ווען ער איז אַרויס פון תפיסה איז ער זיך מיט איר געהאַט פּאַנאַנדערגעגאַנגען. אָבער זי איז גאָר געוואָרן די סעקרעטאָרין פון דער אָפּטיילונג פון וואַנדאַ וואַסילעווסקאַס „פּאַרבאַנד פון די פוילישע פּאַטריאָטן" און זי האָט זיך איצט געפונען אין אַ גרויסער שטאָט. די צענטראַלע פונעם „פּאַרבאַנד" איז געווען אין מאָסקווע און דאָרט האָט מען דעם חבר יאַנעק גראַד יאָ זייער גוט געקענט. מען האָט זיך אָבער דאָרט אויך נישט געאיילט אים אַרויסצונעמען פון דעם אַזיאַטישן דאָרף, ווו ער האָט נאָך אַלץ געוווינט. יונהלע האָט דערשמעקט אַז אַרום אים טוט זיך עפּעס... שכל אין קאָפּ האָט ער געהאַט. מיטאַמאָל האָט מען גע־הערט, אַז ער איז זיך אויפסנייַ צונויפגעגאַנגען מיט זיין פריערדיקער חברטע, דער פּאָלאַטשקע, דאָס איז געווען אַ מין סימן, אַז ער איז צוריק אַרויף אויפן ריכטיקן וועג. ער איז דאַן אַריבער אין דער גרע־סערער אוזבעקישער שטאָט ווו זיין ווייב האָט געאַרבעט און דערנאָך האָט מען זייביידן אָפּקאָמאַנדירט אין דער פוילישער אַרמיי ווי פּאָ־ליטישע אָפיצירן. קיין מאָסקווע איז ער טאַקע געקומען אויפן וועג אַהיים צום פוילישן פראָנט.

דעמאָלט טאַקע האָט יונהלע שוואַרצפעלד געקריגן זיין נאָמען יאַן טשאַרנאָפּאָלסקי און אין אַלע זיינע פּאַפּירן איז געווען געשריבן אַז ער איז אַ פּאָליאַק בן פּאָלאַק. אַרום אָט דער פוילישקייט זיינער האָט זיך צווישן אונדז פּאַרבונדן אַ האַרבע דיסקוסיע. כ'האָב אים געפרעגט, צי דערויף איז ער אויסגעריסן געוואָרן אין אַלע פוילישע תפיסות, כדי ער זאָל איצט, ווען זיין אידעאַל איז פּאַרווירקלעכט געוואָרן, דאַרפן באַ־האַלטן זיין יידישקייט? ער האָט מיר לכתחילה געענטפערט, אַז זיין אידעאַל איז נאָך נישט פּאַרווירקלעכט געוואָרן אויף די פולע הונדערט פּראָצענט און דעריבער איז נאָך נייטיק דער דאָזיקער מאַסקאַראַד.

שפּעטער אָבער ווען מיר האָבן זיך דורכגעשמועסט וועגן דעם וואָס ס׳איז געשען מיט יידן אין פּוילן און וועגן זיינע אייגענע איבערלעבע־נישן דאָ הי, האָט ער מיר אַ זאָג געטאָן, אַז זיין אידעאַל איז איצט צוריקצופאָרן קיין פּוילן... אַוועקצופאָרן פון דאַנען... פאַר דעם אידעאַל איז ער אפילו גרייט צו שפּילן די ראָל פון אַ טאַטער. דעם דאָזיקן רמז האָב איך גאַנץ גוט פאַרשטאַנען.

נישט מער ווי אין אַ יאָר אַרום האָב איך זיך געטראָפן מיט יאַן טשאַרנאָפּאָלסקין אין לאָדזש. ער איז שוין געווען אַן אָפיציר אין דער פּוילישער געהיים־פּאָליציי און האָט געטראָגן אין דער הינטערשטער הויזן־טאַש אַ גרויסן בעלגישן רעוואָלווער. מיט יידן האָט ער ווייטער נישט געהאַט צו טאָן און איז אפילו נישט געקומען אין זייערע דלת אמות, איך בין געווען ביי אים אין שטוב און מיר האָבן געשמועסט. כ׳האָב אים געפרעגט: „זאָג מיר, יונה, איז טאַקע כדאי געווען צו ווערן איינער פון דאָזיקן פאָלק, וואָס האָט געהאָלפן מאָרדן מיין און דיין משפחה, אַבי נאָר צו פאַרווירקלעכן דעם טאַטערישן, צי דעם גרוזינישן אידעאַל?״ ער האָט אַ ביסל געשוויגן און דערנאָך מיך צוריקגעפרעגט: וואָס האָסטו בדעה צו טאָן?״. כ׳האָב נישט אַזוי גיך געענטפערט. ער אין טאַקע געווען מיין יוגנט־חבר, אָבער פאַרט אַ מענטש פון דער געהיים־פּאָליציי, מיט אַ רעוואָלווער אין טאַש. ער האָט פאַרשטאַנען מיין שווייגן און מיר געזאָגט: „האָסט מורא צו ענטפערן? נו, יאָ, מיט דער דער־פאַרונג פון דאָרט פון ווו מיר קומען דאַרף מען פאַר אַן אייגענעם ברו־דער אויך מורא האָבן״. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער ווידער געפרעגט: „זאָג מיר, כ׳בעט דיך, וואָס האָסטו געלערנט אין רוסלאַנד, כ׳מיין פון דעם אַלעם וואָס דו האָסט צוגעזען און איבערגעלעבט דאָרט?״ און ווען איך האָב ווידער געשוויגן, האָט ער גענומען רעדן: „גוט, וועל איך דיר זאָגן וואָס איך האָב דאָרט געלערנט. איך האָב געלערנט דעם אַלטן באַנאַלן אמת, אַז מענטשן זענען וועלף. יעדער מענטש, כ׳מיין יעדער וואָלף, שטייט תמיד גרייט צו פאַרצוקן. אַלע שיינע אידעאַלן, אַלע שיינע רייד, אַלע מאָראַלן ענדיקן זיך דעמאָלט ווען זיי דאַרפן קאָסטן אַ ביסן ברויט. ווען קיין ברויט איז נישטאָ, אָדער ווען עס שטייט אין

קאָן די תאווה־דערפילונג פון געשלעכט, צי גאָר ווען עס האַנדלט זיך אין דעם אַז דו זאָלסט זיך מיט עפּעס וואָס אַרויסהייבן איבער דיין חבר, איבער דער סביבה. זאָג מיר נישט ניין, ווייל יעדער מענטש, אפילו דער נידעריקסטער אויפן סאָציאַלן שטאַפּל, וויל זיין גרעסער פון עמעצן אַנדערש, און דאָס הייסט: ער וויל אַז עמעצער זאָל זיין נידעריקער פון אים. זעסט: אָט דאָ, אין לאָדזש, האָב איך גוט צו פרעסן און בין גוט אָנגעטאָן, אָבער דאָס פרעסן און דאָס אָנטאָן ברענגט מיר נישט די פרייד וואָס אין רוסלאַנד. דאָרט אַז איך האָב פון „פאַרבאַנד פון די פּוילישע פּאַטריאָטן” באַקומען אַ קילאָ ווייס מעל, איז די שמחה געווען גרויס, נישט נאָר ווייל מיט ווייס מעל האָט מען געקענט זעטיקן דעם מאָגן און וויל טאָן דעם גומען. דאָרט בין איך מיט אַ קילאָ ווייס מעל געווען אין אַ בעסערע לאַגע פון מיינע שכנים, אַפילו פון געוויסע באַקאַנטע מיינע וואָס האָבן דאָס מעל נישט געקריגן. דאָס זעלביקע מיט די פּאָר אַמעריקאַנער הויזן וואָס דער קאָמיטעט האָט מיר צוגעטיילט. די הויזן וואָס איך האָב געהאַט און אַנדערע נישט, האָבן אונטערגעשטראָכן, אַז איך בין מיט עפּעס אויסגעטיילט פון אַלע, בין וויכטיקער פון זיי.

„אָבער צו אַלדי טייוול! וואָס דערצייל איך דיר פּאָר אַ נייעס? האָסטו דען אַליין נישט געזען וואָס מענטשן האָבן דאָרט אַלץ אָפּגעטאָן כדי צו זיין מיט עפּעס־וואָס העכער, אויסגעטיילטע פון די אַנדערע מיטמענטשן? סטאַלין איז געווען געניאַל אין זיין באַגרייפן, אַז די גלייכקייט ווענגן וועלכער עס פּלאַפּלען די סאָציאַל־דעמאָקראַטן איז אַן אומזין. יאָ, אַן אומזין. יעדער רעזשים וואָס וועט דאָס וועלן איינפירן וועט אויפגעריסן ווערן דורך דער מענטשלעכער טבע גופא.

„דער מענטש איז אַ וואָלף” — האָט יונהלע ווייטער גערעדט. — „און אָט דאָס, האָב איך געלערנט אין רוסלאַנד. אין דעם נאַקעטן, אומצערעמאָניאַלן לעבן פון רוסלאַנד. כ׳האָב אָבער אויך געלערנט אַז וועלף גייען נישט אַליין, זיי גייען אין סטאַדעס. רויטע סטאַדעס. ברוינע סטאַדעס, שוואַרצע סטאַדעס. ווייס־בלויע סטאַדעס. אָן אַ שיעור סטאַדעס. אַלע סטאַדעס גייען אויף לאָקערונג, אויף פּאַרציקונג. נו, וועל איך, לאָמיר זאָגן, צוזאַמען מיט דיר, פאַרלאָזן פּוילן. וואָס וועל איך

אָבער האָבן אויפגעטאָן? אויסטוישן די רויטע סטאַדע אויף אַ געלער סטאַדע, אויף אַ ווייס־בלויער סטאַדע? כ׳ווייס דיינע טענות: דער קאָמוניסטישער סיסטעם גיט דעם יחיד נישט קיין פרייהייט. ווו האָט אָבער דער יחיד יאָ פרייהייט? ווו ווערט דער יחיד נישט אונטערדריקט דורך סטאַדע־אָנפירונג? אַנו, פּרווו נאָר אין דער דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט, אין יסודותדיקע ענינים, זיך אַנטקעגן שטעלן דער אָנפירערשאַפט! מען וועט דיך דערשטיקן און דערדריקן. און אפילו דו האָסט דאָרט די ברירה צו זיין אין אָפּאָזיציע, מוזטו אָבער אַלץ איינס גיין מיט אַ סטאַדע און זיך אונטערוואַרפן איר אָנפירערישער דעה. סיידן דו וועסט אַליין זיין אין דער אָנפירונג, אַליין זיין דער בעל דעה״.

ער האָט אַ מינוט געשוויגן און דערנאָך ווייטער גענומען רעדן:

„איצט הער מיך אויס: פאַר דער דאָזיקער רויטער סטאַדע און פאַר איר הערשאַפט האָב איך אַוועקגעגעבן אַ גאַנץ לעבן, כ׳בין געוואָרן פאַרפאָלגט דורך דער פּאָליציי, כ׳בין געזעסן אין תּפיסות! זאָל זיין, אַז די רויטע סטאַדע איז נישט בעסער פון דער שוואַרצער. אָבער דאָ, אין דער סטאַדע, האָב איך שוין מיין אָרט ווי אַ שטיקל בעל דעה. עס זענען פאַראַן העכערע פון מיר. עס זענען אָבער פאַראַן אַ סך, וואָס מוזן צו מיר אַרויפקוקן. ווילסטו, אַז איך זאָל דאָס אַלץ אַוועקוואַרפן, צוריק ווערן אַ ייד און פאָרן קיין פּאַלעסטינע? וואָס איז דער מער מיט פּאַלעסטינע? מיט די ציוניסטן? זיי זענען אַ ווייס־בלויע סטאַדע וואָס וויל אויך פילן דעם טעם פון מלוכהשער מאַכט. זיי לייגן איין וועלטן צו קריגן אַ לאַנד פאַר יידן אין וועלכן זיי זאָלן קענען הערשן. נאָך רוסלאַנד ווילסטו, אַז איך זאָל גלייבן, אַז איין מענטש טוט עפּעס פאַרן אַנדערן און נישט פאַר זיך? באַבע מעשות! מיט זיי האָט מען מיך פאַרלאָקט ווען איך בין געווען אַ שילער אין דער פשעמישלער גימנאַזיע. היינט ווייס איך שוין זייער אמתן ווערט. איך ווייס פּונקט ווי דו דעם אמתן ווערט פון דעם טאַטערישן, צי גרוזינישן אידעאַל. פון מיינעטוועגן מעגן אַלע סאָציאַליסטישע און ציוניסטישע אידעאַלן איינגעמען אַ מיתה־משונה. זיי זענען נישט מער ווי מיטלען צו פאַרנאַרן די שאָף אין וועלפישן פּיסק. איך שפּיי אויף די אידעאַלן. איך וויל

לעבן. איך וויל פילן דעם טעם פון אַ פּיצעלע מאַכט. פון אַ וואָסער עס איז העכערקייט איבער אַנדערע. דאָס קען איך האָבן נאָר אין פּוילן, ווו איך האָב אַ סטאַזש אַלס אַלטער קאָמוניסט: ווו עס לעבן אַ סך אַזעלכע וואָס טראַכטן אַזוי ווי איך און מיר זענען צווישן זיך געבונדן דורך דעם סטאַדע־אינטערעס. האָסט עס פאַרשטאַנען? יאָ? נו, אויב אַזוי האָבן מיר גאָרנישט גערעדט. איך בלייב יאַן טשאַרנאָפּאָלסקי. יונהלע שוואַרצפעלד איז געווען אַ ביאַלאַגישער צופאַל. אַ גינעקאָלאָגישער טעות. דעם דאָזיקן טעות האָט יאַן טשאַרנאָפּאָלסקי קאָרעגירט און מער פרעג מיך נישט״.

איך האָב יאַן טשאַרנאָפּאָלסקין מער גאָרנישט געפרעגט. כ׳וואָלט אים געקענט זאָגן אַ סך זאַכן וועגן זיין וועלפישער טעאָריע. נישט אַלץ האָט אין איר געשטימט, הגם געוויסע אמתן, האַלבע אמתן האָט זי יאָ פאַרמאָגט. אָבער ס׳זענען פאַראַן מאָמענטן ווען מען דערפילט, אַז ס׳איז נישט כדאי יענעם אַנטקעגן צו רעדן אפילו מיט די לאָגישסטע אַרגומענטן, ווייל ס׳איז פאַראַן עפּעס אַזוינס וואָס די לאָגיק וועט נישט בייקומען. די לאָגיק בלייבט אַמאָל שטיין פאַר אַ גרענעץ, וועלכע זי קען נישט אַריבערשפּרייזן. קומט מען צו דער דאָזיקער גרענעץ הערן אויף אַלע דיסקוסיעס.

5

כ׳האָב יאַן טשאַרנאָפּאָלסקין נאָך געזען אַ צוויי־דריי מאָל, אָבער מיר האָבן זיך שוין מער נישט אַריינגעלאָזט אין קיין לאַנגע שמועסן, נאָך מער: כ׳האָב געפילט, אַז איך דאַרף וואָס גיכער אַנטלויפן פון פּוילן ווייל אויב עס דראָעט מיר אַ געפאַר — דראָעט זי מיר מצד מיין יוגנטחבר, יונהלע שוואַרצפעלד, און די דאָזיקע געפאַר דראָעט מיר טאַקע דערפאַר ווייל מיין יוגנט־חבר ווייסט, אַז דאָס וואָס ער האָט מיר געזאָגט איז ערגעץ־ווו אַ סכנה פאַר אים. און אויב ער זאָל אַפילו זיין זיכער מיט מיר, איז אים אָבער פאַרט אומבאַקוועם וואָס ער האָט זיך פאַר מיר אַזוי אַנטפּלעקט. מאַלע וואָס מענטשן טוען נישט אַלץ כדי פּטור צו ווערן פון אַן אומבאַקוועמלעכקייט?

כ׳בין אַוועק פון פוילן מיט דעם געפיל, אַז מיין חבר יונהלע איז שוין אויף אייביק אַ פאַרלאָרענער, אַז ער וועט שוין אויף אייביק בלייבן יאַן טשאַרנאָפּאָלסקי, דער וואָלף פון דער רויטער סטאַדע. האָט ער דען מיר אַליין נישט קלאָר געמאַכט זיין געדאַנקענגאַנג, זיין אני מאמין, זיין מאָראַל?

כ׳האָב אָבער געמאַכט אַ טעות. אַ מענטש וואָס איז באַוווסטזיניק אויף זיין רשעות און ער זוכט נאָך אַרגומענטן זי צו באַרעכטיקן, האָט נאָך אַ האָפענונג פון איר פּטור צו ווערן. אפנים, עפּעס ברויזט נאָך אין אים, אויב ער ווייסט, אַז ער טוט שלעכטס און ער זוכט מיט רייד דאָס שלעכטס צו פאַרענטפערן. טויזנט מאָל ערגער איז מיט די דאָזיקע רשעים וואָס זענען ביי זיך זיכער אַז זיי זענען צדיקים און אַז דאָס וואָס זיי טוען איז כולו רעכטפאַרטיקייט.

און דערווייל גייט די צייט. אָט בין איך אין פּאַריז און אָט בין איך שוין אין אַרגענטינע. עס פאַרגייען 19 יאָר און עס קומט אָן דאָס יאָר 1967, דאָס יאָר פון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה. מיטאַמאָל קומט אָן אַ ידיעה, אַז קיין ישראל איז געקומען ווי אַן עולה מיין חבר יונהלע שוואַרצפעלד, דעם וואָס איך האָב איבערגעלאָזט אין פוילן ווי אַ מיט־גליד פון דער רויטער סטאַדע און וואָס זיין נאָמען האָט געדאַרפט אויף עולמות בלייבן יאַן טשאַרנאָפּאָלסקי. די ידיעה איז אָנגעקומען דעמאָלט ווען פון פוילן קיין ישראל איז געגאַנגען אַן עליה פון די לעצטע יידישע קאָמוניסטן, וועלכע מען האָט „באַפרייט" פון זייערע אַמטן אונטער דעם גאָמולקאַ־חשד, אַז זיי געהערן צו דער פינפטער ציוניסטישער קאָלאָנע. כ׳בין געווען זיכער, אַז יאַן טשאַרנאָפּאָלסקי איז צוריק געוואָרן יונהלע שוואַרצפעלד, ווייל פוילן פאַרמאָגט נאָך אַלץ צופיל... אַבראַמאָוויטשעס.

ניין, דאָס איז ווידעראַמאָל געווען אַ טעות. גראָד יאַן טשאַרנאָפּאָלסקי איז דורך קיינעם נישט געצוווּנגען געוואָרן צו פאַרלאָזן זיין הויכן אַמט אין פוילן. ער האָט עס בפירוש געטאָן פון אייגענעם ווילן. ער איז צוריק געוואָרן יונה שוואַרצפעלד, אָבער ער איז דאָס געוואָרן דורך אַ מאָדנער געשעעניש, מען קען זאָגן — דורך אַ צופאַל.

6

ער איז אין די לעצטע יאָרן, ווייזט זיך אַרויס, שוין מער נישט געווען אין דער געהיים־פּאָליציי. ער האָט געאַרבעט ווי אַ דירעקטאָר פון אַ געוויסער פאַבריק און ער האָט געדאַרפט בויען אַ נייע געביידע — אַ נייע אָפּטיילונג פאַר אַ געוויסער פּראָדוקציע. איינמאָל קומט דער דירעקטאָר יאַן טשאַרנאָפּאָלסקי אַרויס צום אָרט ווו עס גייט אָן די נייע בויונג און ער זעט, אַז מען האָט אָנגעבראַכט אויפן בוי־פּלאַץ עפּעס מאָדנע שטיינער. געטעסעטע, גרוי־שוואַרצלעכע בלאָקן אַזעלכע וואָס זענען לענגער ווי ברייטער. ער פרעגט זיין געהילף וואָס דאָס זענען פאַר אַ שטיינער, ענטפערט אים יענער, אַז דאָס האָט מען פון די קליינשטעטלדיקע פאַרלאָזטע יידישע בית־עלמינס געבראַכט די מצבות, כדי זיי איינצומויערן אין דעם פונדאַמענט פון נייעם פאַבריק־בנין. דער געהילף דערזעט מיטאַמאָל ווי דאָס פּנים ביי זיין שעף איז עפּעס פינצטער געוואָרן און ער פאַרשטייט נישט פאַרוואָס. „טוען דען נישט דאָס זעלביקע אַלע אַנדערע בוי־אונטערנעמונגען?״ דער געהילף וווּנדערט זיך אויף דער סענסיטיווקייט פון זיין שעף וועגן וועלכן ער ווייסט, אַז ער איז אַן אויסגעפּרוווטער קאָמוניסטישער קעמפער. באַלד דערמאָנט ער זיך: יאָ, יאָ, נישט אומזיסט האָט מען געזאָגט, אַז דער דאָזיקער שעף איז פון די „נייע״ פּאָליאַקן... הם... מיט אַזעלכע איז מען קיינמאָל נישט אינגאַנצן זיכער. אָבער באַלד געשעט עפּעס אַזוינס וואָס דער געהילף האָט שוין בשום אופן נישט געקענט פאַרויסזען: יאַן טשאַרנאָפּאָלסקי, דער קאָמוניסטישער דירעקטאָר פון דער מלוכהשער פאַבריק גייט צו צו די מאָדנע שטיינער און פּלוצים בלייבט ער שטיין און ווערט בלייך. זיין גאַנצער קערפּער נעמט ציטערן און פון זיין האַלדז דערהערן זיך כאָרכלענדיקע קלאַנגען. ער לייענט, ער לייענט, דער פּוילישער קאָמוניסטישער פאַבריק־דירעקטאָר, די מאָדנע זשידאָווסקע בוכשטאַבן און ס׳הערן זיך דייטלעך ווי ער זאָגט „צבי הערש, בן מעניע, צבי הערש... הערש... מעניע... עס דויערט נאָך אַ רגע און דער דירעקטאָר קריגט אַ היסטערישן אָנפאַל. ער נעמט שרייען אויף פּויליש, אויף יידיש, אָבער ס׳איז שווער צו פאַרשטיין וואָס אַזוינס ער שרייט, ווייל

אויף זיין מויל בלעזלט זיך אַ שוים, זיינע קולות זענען ווי פון אַ נישט־דערקוילעטן אָקס און נאָר פון די פאַרגלעזערטע אויגן רינען טרערן, גרויסע, שווערע יידישע טרערן.

*

אָט דאָס איז דערווייל דער סוף פון דער מעשה שהיה מיט מיין יוגנט־חבר יונהלע שוואַרצפעלד, וואָס האָט מער ווי אַ האַלב לעבן אָפּ־געלעבט ווי יאַן טשאַרנאָפּאָלסקי. כ׳האָב אים מיט אַ צוויי יאָר צוריק געטראָפן אין ישראל אַן איינזאַמען און דערשלאָגענעם. מיטן פּוילישן ווייב איז ער זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. קיין קינדער האָבן זיי סיי ווי נישט געהאַט. מיר האָבן זיך געטראָפן, אפילו זיך געפרייט איינער מיטן אַנדערן, אָבער אים פרעגן וועגן זיין סטאַדע־טעאָריע האָט מיך עפּעס דאָס האַרץ נישט געלאָזט. כ׳האָב נישט געוואָלט זיין קיין לועג לרש.

איין זאַך פון אונדזער באַגעגעניש איז כדאי צו דערמאָנען. ווען איך בין ביי אים געווען דאָס לעצטע מאָל פאַרן צוריקפאָרן קיין אַר־גענטינע, האָט ער מיך פלוצים אַ נעם־געטאָן פאַר דער האַנט און אַרויס־געפירט אין דעם קליינעם הייפל נעבן זיין הינטערשטאָטישער דירה. אין אַ ווינקל פון דעם דאָזיקן הייפל, האַרט נעבן דעם ביימערדיקן פאַר־קאַן איז געשטאַנען אַ מצבה... זיין טאַטנס מצבה. דאָס איז געווען דאָס איינציקע וואָס ער האָט מיט זיך מיטגענומען, ווען ער איז אַרויסגעפאָרן פון פוילן...

זכרונות פון גן־עדן...

אין דער ווייטסטער ווייטעניש פון מיין זכרון שטייט אַן אָפענע טיר. אויף יענער זייט פון דער אָפענער טיר בלענדט אַ געל גאָלדענע וואַרעמע ליכטיקייט. אין מיטן דער ליכטיקייט וויגט זיך אַ גרינער בוים. עס הערט זיך טשיריק־טשיריק... פון דער גרינקייט רייסט זיך עפּעס אָפּ און גיט אַ פלי אין דער קרום. אין שטוב, ווו איך געפין זיך פאַרשמעקט מיט אַ ריח וואָס ערשט אין די שפּעטערדיקע יאָרן דערקען איך אין אים דעם ריח פון פסחדיקן זויערן בורקע־באָרשט.

אַ הויכער גוי מיט געלע שטיוול — דאָס איז דער אָדם הראשון, דער ערשטער פרעמדער מענטש וואָס איך געדענק אין דעם ווייטן פאַר־נעפּלטן גן עדן פון מיין קינדהייט.

כ׳געדענק נישט דאָס אָרט ווו איך האָב אים באַגעגנט. כ׳געדענק אויך נישט אַקוראַט ווען דאָס איז געווען: זומער צי ווינטער, ביי טאָג צי פאַרנאַכט. כ׳געדענק נאָר, אַז איך בין געזעסן נעבן אַ וואַנט און געטאָן אַזאַ זאַך וואָס מען טוט געוויינלעך נישט אין מיטן גאַס. קיינער איז נישט געווען אַרום מיר, אָבער ערגעץ נישט ווייט האָט זיך געדאַרפט געפינען די מאַמע. פּלוצעם האָב איך אויפגעהויבן די אויגן און דערזען ווי עטלעכע טריט פאַר מיר שטייט אַ הויכער מענטש מיט געלע שטיוול אויף די לאַנגע פיס. ווען אונדזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט האָט דער הויכער מענטש אַ קנאַק געטאָן מיט דער צונג. איך האָב זיך אַ שטעל געטאָן אויף די פיסלעך און מיט אָפּגעשפּיליעטע הייזלעך גענומען לויפן. כ׳בין געפאַלן איבער אַ שוועל און געשריגן: מאַמע! מער געדענק איך גאָרנישט.

אין שטוב ביי אונדז האָט מען די זאַך גוט געדענקט. די מאַמע פלעגט אַ סך מאָל דערציילן, אַז נאָך יענעם ערשטן איבערשרעק ביז איך אפשר אַ וואָך־צייט געווען קראַנק און מען האָט מיך געמוזט אָפּגיסן

מיט וואַקס. ווערליק מיין מאַמעס חשבון בין איך דעמאָלט אַלט געווען קוים צוויי מיט אַ האַלב יאָר.

פון יענער צייט איז מיר אויך פאַרבליבן אין זכרון אַ מעלאָדיע. טאַטע־מאַמע האָבן צו זייער חתונה באַקומען דרשה־געשאַנק אַ טיש־זייגער, וואָס אַז מען האָט אים אָנגעדרייט פלעגט ער אויסקלינגען אַ ניגון. אין מיין צוויי יאָריקן עלטער פלעג איך נישט וועלן פריער איינ־שלאָפן ביז מען האָט אָנגעדרייט דעם דאָזיקן שפּיל־זייגער. כ׳געדענק אַן אַראָפּגעדרייט נאַפט־לעמפּל אויף אַ טיש, שאָטנס אויף די ווענט, אַ צע־עפנט פענצטער, אַ ריח פון בעז און אַ ווייטן רעדער־רויש פון אַ פור אויפן שאָסיי. דער טיש־זייגער צעשיט דריבנע זילבערנע קלאַנגען און וואָס אַ מאָל ווערן די זילבערנע טענער שטילער און פאַמעלעכער. לסוף דויערט שוין פון איין קלאַנג ביזן צווייטן אַ היפּשע ווייַלע און איידער דער זייגער הערט אין גאַנצן אויף שפּילן שלאָף איך איין.

מיט יאָרן־יאָרן שפּעטער, ערגעץ אין רוסישן שנייִקן ווינטער, האָב איך אַ מאָל געהערט שפּילן שאַפּענס אַ נאָקטורן און כ׳האָב דערקענט די מעלאָדיע פונעם שפּיל־זייגער. אויף אַ רגע האָט אַרום מיר פאַרשמעקט מיט בעז און די אויגן האָבן זיך גענומען קלעפּן אין דרימל.

אין מיין זכרון פון יענער קינדערצייט איז נישט פאַרבליבן קיין איין געשעעניש, וואָס זאָל זיין פאַרבונדן מיט מיין מאַמען. געשעענישן, בילדער און סצענעס מיט דער מאַמען געדענק איך פון העט־שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען אַ חדר־ייִנגל. איך געדענק דאָס געפיל פון איר פאַראַנענקייט אין מיינע פריע קינדער־יאָרן, כ׳געדענק אָבער נישט קיין שום זאַך וואָס זאָל האָבן צו איר אַ דירעקטן שייכות. ווי הינטער אַ מאַט גלאָז זע איך אַ ווייס ליילעך וואָס פאַרהענגט אַ האַלב בעט. פון הינטערן ליילעך הערט זיך אַ קינדעריש געשריי. עפּעס אומ־קלאָר ווייס איך, אַז הינטערן ליילעך געפינט זיך מיין מאַמע, אָבער איר פּנים זע איך נישט. עמעצער האַלט מיך פאַר אַ הענטל. אין דער צווייטער שטוב איז אַ טומל. תמיד ווען אָט דאָס בילד קומט אויף אין מיין געדעכעניש ווערט עס באַגלייט פון אַ מין פאַרדראָסיק געפיל וואָס איך קען זיך נישט דערקלערן.

לויט ווי מען האָט שפּעטער גערעדט אין שטוב האָט דאָס געדאַרפט זיין דעמאָלט ווען מיין שוועסטער איז געבוירן געוואָרן. מיין שוועסטער איז יינגער געווען פון מיר מיט צוויי און אַ האַלב יאָר. אומגעפער אין אַ האַלב יאָר אַרום, אַזוי האָט מיין מאַמע דערציילט, האָב איך שיער נישט אַרויסגעוואָרפן מיין שוועסטער פון וויגל. פאַר וואָס האָב איך עס געטאָן ? דאָס זאָלן דערקלערן די פּסיכאָאַנאַליטיקערס. כ׳ווייס בלויז, אַז אַלס קינד האָב איך די מעשה נישט ליב געהאַט צו הערן און יעדעס מאָל האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז מען דערציילט זי מיר אויף להכעיס.

דעם טאַטן געדענק איך יאָ פון אַ באַשטימטן מאָמענט. ס׳איז געווען אַ זומער־אָוונט. דער טאַטע האָט מיך גענומען אויף די הענט און איז מיט מיר אַרויס אויפן שאָסיי. מיר זענען צוגעקומען צו אַן אָרט, ווו עס זענען געשטאַנען אַ סך מענטשן. מיר האָבן זיך אויך אָפּגעשטעלט. דער טאַטע האָט געוואָלט מיך אַראָפּשטעלן אויף דער ערד, אָבער איך האָב נישט געוואָלט און ער האָט מיך געמוזט צוריק נעמען אויף די הענט. איך האָב געקוקט און פון דער ווייטנס געזען אַ שורה פלעמלעך, ווי אַ שורה ברענענדיקע ליכט. דער טאַטע האָט צו מיר עפּעס גערערט, אָבער וואָס געדענק איך נישט. איך בין איינגעשלאָפן אויף זיינע הענט.

ווי איך בין זיך משער איז דאָס געווען די גרויסע שריפה אין דאָרף יאשין, אַ דאָרף בסך הכל צוויי און אַ האַלב ווערסט פון אונדזער שטעטל. וועגן דער דאָזיקער שריפה האָט מען גערעדט אין שטעטל אין יאָרן ,יאָרן אַרום.

אין זכרון איז מיר אויך פאַרבליבן אַ גרויסער הויף וואָס אין זיין ווייטסטן ווינקל איז געווען אַ שטאַל פאַר פערד. די פערד געדענק איך נישט. דערפאַר געדענק איך אָבער ווי איין מאָל בין איך אַוועק צו יענעם ווייטן פאַרבאָטענעם ווינקל. דער גאַנג האָט ביי מיר געדויערט זייער לאַנג. מיר אַנטקעגן איז אָנגעקומען אַ הון מיט קליינע הינדעלעך. פּלוצעם האָב איך זיך איינגעבויגן און געוואָלט נעמען אַ הינדעלע אין האַנט. די קוואָקע מיט אויפגעשויבערטע געלע פעדערן איז מיר אַ שפּרונג געטאָן גלייך אין פּנים אַריין. איך בין געפאַלן און גענומען שרייען : מאַמע, אַ פערד ! ווען מען האָט שפּעטער אין שטוב דערציילט

וועגן מיין וואַזשנער העלדישקייט האָב איך אַליין מיטגעלאַכט און גע־האַט דאָס געפיל, אַז דאָס לאָך איך נישט פון מיר, נאָר פון אַן אַנדערן, אַ פרעמדן.

די מאַמע האָט תמיד געטענהט, אַז אַלס קליין קינד בין איך געווען אַ גרויסער קראַסאַוויעץ. זי האָט דעריבער געציטערט, אַז מען זאָל מיר נישט געבן קיין עין הרע. איין מאָל, אַזוי האָט זי דערציילט, האָבן מיך אַזש ציגיינער געוואָלט צוגנבענען. זיי האָבן מיך שוין געהאַט פאַרשלעפּט צו זייער לאַגער, וואָס האָט זיך געפינען אויפן פעלד. נישט גאָר ווייט פונעם פערדס־שטאָל. די מעשה גופא געדענק איך נישט, אָבער עפּעס פלאָנטערט זיך מיר יאָ אין קאָפּ אַ פרוי אין אַ גרינער בלוזקע מיט גרויסע קרעלן וואָס הענגען אַראָפּ פון איר האַלדז. אין פאַרבינדונג דערמיט געדענק איך אַ וואַרעמע ווייכקייט פון אַן אָנגעקוואָלענער ברוסט אויף מיין באַק און אַ ריח פון פרויען־לייב ווי פון פריש ברויט אין מיינע נאָזלעכער. וויפל מאָל איך האָב געהערט דערציילן די דאָזיקע מעשה האָב איך דערפילט אַ זיסן שוידער אין אַלע מיינע גלידער. איך האָב תמיד געגרווילט פון אימה און דאָך געבעטן, אַז מען זאָל די מעשה נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל דערציילן.

לויט מיין מאַמען איז אויסגעקומען, אַז ווען זי כאַפּט זיך דעמאָלט נישט באַצייטנס און נעמט מיך נישט זוכן מיט קולות און יללות, וואָלטן די ציגיינער מיך זיכער אַוועקגעפירט מיט זייער טאַבאָר. און דאָס אַלץ ווייל איך בין געווען אַזאַ שיין קינד. אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון מיין אונטערגעוואַקסנקייט האָט מיין מאַמע מיט מיר שוין נישט געהאַט די דאָזיקע דאגות. מיין מראה האָט שוין קיינעם נישט געלאָקט ער זאָל מיך וועלן ביי איר צונעמען.

כ׳ווייס, אַז מען האָט מיך צו די דריי יאָר געטראָגן אין חדר אַריין און דער מלאך־פּימפּער האָט מיר אַראָפּגעוואָרפן אַ גראַשן. איך אַליין געדענק דאָס אָבער נישט. דאַקעגן געדענק איך יאָ ווי איך בין געזעסן אין אַ הייפל אויף פרישע געשניטענע ברעטער, וואָס האָבן געשמעקט מיט אַ שאַרפן זשיוויצע־ריח און האָב געדאַוונט פון אַ סידור. אין דער משפּחה האָט מען זיך דערציילט, אַז איך האָב קיין מאָל ביי קיין דרדקי־

מלמד נישט געלערנט. מען האָט געזאָגט, אַז עברי האָב איך זיך אויס־געלערנט פון זיך אַליין. ווי אַזוי דאָס איז מעגלעך ווייס איך נישט. מיין ערשטער מלמד איז געווען זוסמאַן יויקעוו און ביי אים האָב איך באַלד אָנגעהויבן לערנען חומש.

דער זוסמאַן איז געווען אַ קליין יידל מיט אַ גרויסן קאַנטשיק. כ׳געדענק אָבער נישט, אַז ער זאָל מיך האָבן אַ מאָל געשלאָגן מיט אָט דעם קאַנטשיק. כ׳געדענק בכלל נישט, אַז ער זאָל האָבן עמעצן פון די תלמידים געשלאָגן. פון דעם לערנען ביי אים געדענק איך איין זאַך. מיר האָבן געלערנט די סדרה וועגן דעם אָנטועכץ פון דעם כהן גדול, האָט זוסמאַן אַרויסגענומען פון קאַמאָד־שופלאָד אַ חושן ואפוד, געמאַכט פון בלוי פּאַק־פּאַפּיר און אים מיר אָנגעטאָן. כ׳בין געווען זייער שטאָלץ דערפון און כ׳האָב זיך דעמאָלט דערוווסט, אַז איך בין אַ כהן.

נאָך אַ זאַך געדענק איך זייער בולט. מיר זענען געזעסן אַרום טיש און געלערנט. פּלוצעם איז די רביצין צוגעלאָפן צו אונדזער טיש און גענומען ווייזן דעם רבין אין דער ריכטונג פון קיך־ווינקל. מיר האָבן אַלע גענומען קוקן אין יענער זייט. אין ווינקל נעבן דער קיך האָט זיך געפונען אַ קליין שענקעלע. אין דעם שענקעלע איז געשטאַנען דער רביצינס געפעס. אויפן שענקעלע איז געזעסן אַ גרויסע געלע קאַץ און געטשאַטעוועט. עס האָט געדויערט אַ ווײַלע און מיט אַ מאָל איז פון אונטערן שענקעלע אַרויס אַ גרויסע, אַ גרויע מויז. ווען די מויז האָט זיך שוין געפונען אויפן האַלבן וועג צו דער צווייטער וואַנט, איז די קאַץ אַ שפּרונג געטאָן און האָט זי אַ כאַפּ געגעבן אין אירע לאַפּקעס. ס׳האָט זיך דערהערט אַ דינער, שאַרפער קוויטש און איידער מיר האָבן באַוויזן אַ געשריי צו טאָן איז די קאַץ שוין אַרויסגעשפּרונגען דורכן פענצטער. נאָך היינט ווען איך פאַרמאַך די אויגן זע איך די עלאַסטיש־קייט פון איר פאַררונדיקטן רוקן און דאָס מייזל צווישן אירע ציין. אין אַ רגע אַרום האָט די רביצין געחלשט.

יענעם טאָג האָבן מיר מער נישט געלערנט. דער רבי האָט אונדז געהייסן אַהיימגיין. ער האָט אָבער מיט אונדז אויסגענומען, אַז מיר

זאָלן אין דער היים גאָרנישט דערציילן. אַ פּנים ער האָט מורא געהאַט, אַז די מעשה מיט דער קאַץ און דער מויז קען אים שאַטן. ער האָט אָבער נישט געמוזט זיין קיין גרויסער בעל שכל, אונדזער רבי, וואָרעם ווי נאָר אונדזערע מאַמעס האָבן אונדז געזען אַ היים קומען פאַר דער צייט, אַזוי האָבן זיי תיכף פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז עפּעס געשען און ווען מיר וואָלטן אפילו וועלן האַלטן אַ סוד האָבן מיר אויך נישט געהאַט קיין רעכטן תירוץ צו פאַרענטפערן די מאַמישע קשיות. פון דעסטוועגן האָבן איך זיך לאַנג געהאַלטן און אַז איך האָב שוין לסוף יאָ דערציילט דאָס געשעעניש, האָב איך דאָך פאַרשוויגן די מעשה מיט דער רביצינס חלשות ווייל מיר איז דעמאָלט אויסגעקומען, אַז דאָס איז די וויכטיק־סטע זאַך פונעם סוד.

פון יענער צייט זענען פאַרבליבן אין מיין געדעכעניש נאָך צוויי זאַכן, וואָס כאָטש זיי זענען געשען באַזונדער, דאַכט זיך מיר אַלץ אויס, אַז זיי זענען פאַרגעקומען צוזאַמען. אין איינעם אַ טאָג, ס׳האָט געמוזט זיין זונטיק, האָב איך אין פענצטער פון אַ גויִיש הויז געזען אַ גראַמאַ־פאָן מיט אַ גרויסער טרובע. דאָס פענצטער איז געווען אָפן און איך האָב געזען ווי אין שטוב טאַנצט מען. דערנאָך האָב איך פון דער גראַ־מאַפאָן־טרובע געהערט אַ מענטשלעך קול און די גויִים אין שטוב האָבן געהירזשעט פון פרייד. ביי מיר איז אויסגעקומען, אַז אין דער טרובע זיצט אַ מענטש און רעדט אַרויס. דער חידוש איז נאָר געווען ווי אַזוי אַ מענטש קען זיך „פאַמיעשטשען” אין אַזאַ טרובע. אָבער אויף אַ מעשה פרעגט מען נישט קיין קשיא. מסתם האָב איך שוין דעמאָלט געוווּסט וועגן כישוף.

דערנאָך האָב איך, ווידער אַ מאָל אין אַ זונטיק, געזען נעבן דעם זעלביקן גויִישן הויז,ביים אָפענעם פענצטער, שטיין אַ שיקסע. די שיקסע איז געשטאַנען אין דרויסן און פון יענער זייט פענצטער, אין שטוב, איז געשטאַנען אַ שגץ. זיי האָבן הויך גערעדט און געלאַכט. מיט אַ מאָל האָט דער שגץ גענומען שלעפּן די שיקסע אין שטוב אַריין דורכן אָפענעם פענצטער. די שיקסע האָט כאַכאָטשעט און זיך געווערט. דער שגץ האָט זי אָבער אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער טאַליע און אויפגעּ־

הויבן. אין אַמפּערניש האָט זיך איר דאָס געבלימלטע קלייד פֿאַרשאַרצט. איך האָב דערזען צוויי מעכטיקע פּיס, אָפּגעדעקטע ביזן דיך. די פּיס האָבן געבלאַנקט מיט אַ ראָז־גאָלדענער פּרעכטיקייט און כ׳געדענק, אַז נאָך מער ווי די נאַקעטקייט פֿון איר לייב האָט מיך געאַרט די ווייסע בלענדיקייט פֿון איר אונטערקלייד. איך בין שנעל אַנטלאָפֿן, מיט דער זיכערקייט, אַז דאָס האָט דער שגץ זי אַזוי געשלעפּט, כדי אַריינצו־שפּאַרן אין דער גראַמאַפֿאָן־טרובע פֿון וואַנען זי וועט שפּעטער אַרויס־רעדן אַ פֿאַרכישופֿטע.

יענע נאַכט בין איך שלעכט געשלאָפֿן. דאָס איז געווען דער ערשטער חלום וואָס איך האָב געדענקט. אַ ווייס הינטעלע האָט אַריינגעבילט אין מיין שלאָף און כאָטש דאָס הינטעלע איז געווען קליין האָט עס פֿאַר־נומען מיין גאַנצן חלום און מיך מיט דער בילעריי שטאַרק דאַקוטשעט.

באַלד נאָך די דאָזיקע פּאַסירונגען איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. ס׳האָט זיך געענדיקט די בראשית־עפּאָכע אין מיין קינ־דערישן גן־עדן...

ערב ראש השנה אין זכרון...

סוף אלול. ס׳גאַנצע שטעטל איז שוין גרייט צו די פּאָרכטיקע טעג. אַפילו אויף „די פּיאַסקעס„ האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער ברען פון תשובה.

חיימעלע גנב האָט שוין אויפגעהערט גאָלן די באָרד און האָט שוין אויסגעטאָן דעם גויִישן קאַשקעט מיט גלאַנציקן דאַשעק. הערש בער, דער „חמור־אייזל״, וואָס אַ גאַנץ יאָר שפּראָצט פון אים מיט עשיוס הפקר־גבורה, האָט שוין גענומען יידישלעך הויקערן די מעכטיקע פּלייצע און רעדן מיט אַ קול פון אַ חלוש. אויך אָרע דער שמייסער טוט אויף זיין אופן תשובה: ער פּוצט שוין נישט די שטיוול מיט אַן „אַפּיצער־סקע״ גלאַנץ, נאָר ער טשלאָפּעט אַרום אַ גאַנצן טאָג אין „כסידישע״ אויסגעפּאָרענע לאַטשן. מען זעט בחוש, אַז די יונגען קאָסט איצט זייער געזונט אַ שטיק געזונט. וואָרים זיי ווייסן, די לייט פון „די פּיאַסקעס״, אַז דאָרט, אין הימל, ביים אימהדיקן נתנה תוקף, האָט מען אַן אויג אויף די „שטאַרקע״. דאָרט זענען דווקא די „אויסגעוויקטע״ חסידאַקעס די אייבערשטע פון שטייסל און די מיט „די ידים״ זענען דאָרט אויף צרות.

די יונגען ציטערן מיט אַ יענער־וועלטיקער שרעק. זיי זענען גרייט צו לאָזן פון זיך שינדן די הויט, אַבי מען זאָל זיי אַריינגעמען ווי שות־פים אין דער אויסבעטעניש פון קהל. זיי קוקן מיט חניפה און הכנעה קאָפּל בעל מוסף אין די אויגן אַריין און זענען זיכער, אַז אין אים איז געוועגדט זייער גאַנצער גורל. יום הדין... ס׳איז דיר ברודער, נישט קיין קלייניקייט! און טאָמער מאַכט זיך, אַז עפּעס אַ יונגער „צאַץ״ פאַר־קוקט זיך אויף אַ געזונטער שיקסע וואָס גייט דורך דעם מאַרק, וויגנדיק מיט די פולע היפּטן, און ער גיט תאוודיק אַ שמוצער מיט די ליפּן, גיט אויף אים לייבקע דער רויטער אַ ברום, אַז יענעם אַנטפאַלט דער מאַ־

מעס מילך. און פּיוועלע מיט דער פּאָפּוגיי פּאַרטייטשט אים דעם ענין מיט רייד פון קאַטעריניאַרסקען שבט מוסר:

— וואַרף די שליפּיעס פּאַר די הינט... ווייסט נישט ס׳אַר אַ מאַלעיר ס׳גייט אויף דער וועלט?

*

די טעג זענען ליכטיקע, וואַרעמע און מילדע. אַט־אַט און דער זומער איז אויס. אויף די פעלדער הינטערן שטעטל האַלטן שוין טאַקע די שוואַלבן אַפּ גאַנצע אסיפות. מסתמא וועגן לאָזן זיך אין וועג אַריין צו די וואַרעמע לענדער. טשיריק, טשיריק... און נאָך אַמאָל. טשיריק, טשיריק... דאָס גייט אַן צווישן זיי אַ פויגלשער וויכוח. טייל האַלטן אפנים, אַז ס׳איז נישטאָ זיך וואָס צו איילן. מען קען נאָך אַריינכאַפּן פון דער שפע אויף וועלכער מען האָט געוואַרט אַ גאַנצן זומער. אַנדערע ווידער זענען מחמירים. האַלטן אַז מען דאַרף נישט משנה זיין די אַלטע מנהגים פון דעם שוואַלבן־פאָלק און זיי ברענגען, ווי דער שטייגער איז, ראיות פון די הויכפּיסיקע בושלעס, וואָס וועלן אַ לאַדע טאָג גרייט זיין צו דער נסיעה.

עפּעס טוט זיך אויף גאָטס וועלט. עפּעס גרייט זיך... טייל ביימער, זריזים, האָבן שוין באַצייטנס געגומען פון זיך וואַרפן פּאַרדאַרטע בלעטער. אַנדערע האָבן זיך גאָר צעשפּילט מיט נייע פּאַרבן: קופּער־ברוין, געלבער מעש און אויך רויט. אין די סעדער חנדלען זיך די גרינע עפּל מיט זייערע צעגליטע בעקלעך און ווינקען אַרויס פון צווישן געבלעטער. די באַרן־ביימער — זיי גייט שוין גאָרנישט אָן. זיי שטייען מידע און קענען זיך שוין נישט דערוואַרטן מען זאָל זיי באַפרייען פון זייער זאַפטיקער שפע. צניעותדיק קילן זיך די פּאַרהויכטע בלויע פלוימען זייערע פליישיקע, זיסע לייבער מיט דעם טוי פון די פרימאָרגנדיקע הימלען. ווייס, ווייט, אין פעלד גייען אויף ווייסע רויכן און ערגעץ ווו ביים האָריזאָנט דרייט אַ ווינטמיל די פליגל און יאָגט זיך, יאָגט זיך צו דערכאַפּן וואָס זי האָט דורכגעלאָזט אין די אָן־ווינטיקע זומערדיקע טעג.

אַ פֿאַרשיכורנדיקע זאַטקייט גייט אויף פֿון די פֿעלדער, פֿון די סעדער, פֿון די לאָנקעס, עס שמעקט מיט גערעטעניש, מיט צוגעפֿוילטן אויבסט און מיט קי־מילך. ערגעץ ווו בלעקערצן שאָף און הינט שפּילן זיך אין האַווקעניש. אין די זילבערנע סאַזשלקעס, וואָס זענען אַריינ־געפּאַסט אין דעם לאָנקע־גרין ווי גלאַנציקע שפּיגלען, שווימען פּעטע קאַרפּן, וואָס זענען על פּי דין מחויב צו ציטערן. אויף אַ שמאָלן שטעגל טרייבט אַ באָרוועס שיקסל, מיט אַ צווייגל אין האַנט, אַ שורה ווייסע געגנדז און אין סראַל־חיימס טייכל פּלושקען זיך קאַטשקעס און באַוויזן קונצן מיט די געלע שנאָבלען אין וואַסער.

פּלוצים ווערט די זון פֿאַרדעקט מיט אַ וואָלקן און אַן אלולדיקער ווינט נעמט רוישן אין די בלעטער. די הענער נעמען קרייען. מאָלע־גיירענדיקע קי הייבן אויף די קעפּ און קוקן אין דער ווייט אַריין מיט צער בעלי חיימדיקע אויגן. די באַשטאַנענע וואַסערלעך לעשן אויס זייער גלאַנץ און די ווערבעס ביי זייערע ברעגן הייבן אַן תחינהדיק זיך וויגן. אַ פּויערל מיט אַ פֿלאַש נאַפֿט אין איין האַנט און מיט אַ טאָרבע זאַלץ אין דער צווייטער, בלייבט שטיין און נעמט באַדעכטיק פֿאַרשן דעם הימל. פֿון דעם שטעטלדיקן בית המדרש דערטראָגט זיך דאָס קול פֿון שופֿר — דאָס האָבן די יינגלעך אים דערטאַפּט און זיי לערנען זיך, כל זמן דער שמש איז נישטאָ, זיין בעל תוקעס... אַן אומעט, אַן אומ־זיכערקייט, אַ שרעק פֿילט אָן דעם גאַנצן אַרום און די לופֿט ווערט מיטאַמאָל שווער און געדיכט. ס'הייבן זיך אָן די ימים נוראים...

*

צו די ערב ראש השנהדיקע „זכור ברית"־סליחות שטייען מיר אויף, ווען אין דרויסן איז נאָך פֿינצטער. ס'גלוסט זיך דווקא נישט אַראָפּצור־קריכן פֿון געלעגער, וואָס שמעקט מיט דער ליב־געוואָרענער וואַרעמ־קייט. נו, איצט איז אָבער נישט די צייט צו באַלעווען דעם יצר הרע. מען האָט געטון עבירות אָפּגעטאָן אַ גאַנץ יאָר, גאָט אין הימל זאָל זיי נישט רעכענען... דערצו לאָזט דער טאַטע נישט איינרוען: מען וועט שוין קומען צום „אויסשפּייען", וועט מען שוין קומען... געוואַלד־געַ־

שריגן, וואָס מיינט מען זיך עפּעס? ס׳פייער ברענט און דאָ גיט מען זיך נאָך די שמד, רחמנא לצלן.

ס׳איז קיל. דער אויסגעוואַרעמטער גוף כאַפּט אַ ציטער אין דעם סוף אלולדיקן דרויסן. דאָס געסל איז פול מיט טריט און מיט שאָטנס וואָס איילן זיך. די שטימען קלינגען הויל און עטוואָס הייזעריק. ערגעץ וויינט אַ קינד און אַ מאַמע איילט זיך צוריק עס צו פאַרשפּילן... מאימתי קורין שמע? עפּעס פלאָנטערט זיך אין קאָפּ אַ גערייד פון דער צייט, ווען מען קען שוין אונטערשיידן צווישן אַ הונט און אַ וואָלף... איך רוק זיך צו נענטער צום טאַטן. די וואַרעמקייט פון זיין האַנט באַרויִקט מיך...

אין דער טונקלקייט פון ערב־באַגינען שטייט די שול מיט צעלויכ־טענע פענצטער, ווי אַ ליכט־טורעם אין ים. וואָס ווייזט דעם וועג די פאַרבלאָנדזשעטע. דערזעענדיק די שול מיט איר רופנדיק ליכט ווערט דאָס געגעי נאָך האַסטיקער, דאָס געאייל — נאָך גרעסער. מען דער־פילט מיט אַמאָל, אַז „ס׳איז טאַקע נישט קיין געלעכטער”... ס׳דאַכט זיך, אַז מען הערט שוין דאָס כריפּעדיקע קול פון אלתר, דעם גבאי ראשון פון דער חברה קדישא, וואָס האָט אַ חזקה אויף די זכור־ברית־סליחות. דער אלתר, רק ער יאָגט ס׳חיות אַרויס... נו, אַ דאַנק דעם וואָס לעבט אייביק: ס׳האָט זיך בלויז אויסגעדאַכט. אלתר איז ערשט געגאַנ־גען אין מקווה אַריין און דער שמש פּאָרעט זיך ערשט מיט די ליכט ביים עמוד.

אין שול ווערט ס׳געמיט אַ ביסעלע פרייער. ס׳איז טאַקע ערב ראש השנה, אָבער מען איז פאָרט נישט אַליין. קיין עין הרע — אָן עולם יידן... לייבושל ל׳ץ נעמט זיך אַפילו דערציילן זיין אייביקע מעשה, באשר וואָווע דער קאָוואַל האָט זיך נעבעך טועה געווען און אָנשטאָט דער סליחה האָט ער מיטגעבראַכט די הגדה. מיר יינגלעך, ווילן שוין אַרויספּלאַצן מיט אַ געלעכטער, אָבער פון טאַטנס קוק בלייבט דאָס געלעכטער פאַר־פרוירן אין דער קעל. זכור־ברית, יונגאַטש, שטשירע נישט די ציין און האָב אין זין ווו דו ביסט...

*

אומעטיקלעך איז אין גערער חסידים־שטיבל. די שאַרפע יונגעלייט זענען שוין געפאָרן אויף יום טוב קיין גער. די געבליבענע דרייען זיך אַרום אַ ביסל פאַרמוטשט, טרייבן פון זיך ס'עצבות און טראַכטן אַריין אין אַ האַרבער סוגיא: מעג מען האָבן אַ הירהור קינאָה אויף די וואָס וועלן דאַוונען ראש השנה מיטן רבין, זאָל לעבן? ס'איז טאַקע אַ קינאה נישט וועגן גשמיות, אָבער ווער ווייסט? אפשר איז מען עובר אויף אַ שמינית שבשמינית פון לא תחמוד?

ביז וואָס און ביז ווען דערציילט יונה, דער ווייסער, מעשות פון „אַלטן". יונה איז נאָך געפאָרן צום קאָצקער, כאָטש שמחת תורה, ווען מען איז בשמחה און אויף בגילופין, מאַכן די יונגעלייטלעך אַ חשבון, אַז דער חשבון שטימט נישט. וואָרים אַז יונה זאָל טאַקע האָבן געפאָרן צום קאָצקער, דאַרף ער דאָך שוין זיין איבער אַ בן מאה... איצט אָבער וועט מען אַזעלכע חשבונות נישט מאַכן. אַ דאגה? אַבי ער דערציילט מעשׂות און מען „טוט אין יידישקייט". אמת, די מעשות קען מען שוין פון אויסנווייניק, אָבער ס'איז פאָרט אַ מצווה זיי צו הערן. וואָרים ס'איז דאָך אַ פשוטער קל וחומר. אַז מען קען דאָס דאַוונען פון אויסנווייניק — דאַוונט מען נישט?

די חסידים אין גערער־שטיבל וואָלטן זיך שוין אויף געשטעלט זאָגן די סליחות. סוף כל סוף זענען זיי אויך יידן און ציטערן פאַרן יום הדין. נו, שעמט מען זיך אָבער איינער פאַרן אַנדערן: מען וועט זיך דאָך נישט אַוועקשטעלן זאָגן סליחות צוזאַמען מיט די באַלעבאַטים... אַ שיין פנים וואָלט מען געהאַט.

דערווייל זינגט מען ניגונים. ניגונים וואָס די וואָס זענען „געפאָרן" פאַר אַ יאָר האָבן אַ היים געבראַכט. די ניגונים האָבן אָבער שוין עפעס נישט דעם טעם... געזונגען זיי אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר, אָבער און ווידער־אַמאָל... נו־נו, ס'איז ברי כחמה — אַ חסיד דאַרף זיין ביים רבין. אָן רבין איז אַ חסיד ווי אַ זעלנער אָן אַ גענעראַל. ס'איז עפעס גוט צו זיין אַ זעלנער אָן אַ גענעראַל?

פון דעסטוועגן שטאַרקט מען זיך. מען איז גובר די קליפּה און מען גייט ביסלעכווייז אַריין אין התלהבות. איינער דערמאָנט זיך אַ ניגון וואָס מען האָט אים שוין אַ לאַנגע צייט נישט געזונגען, און דער דאָזיקער ניגון באַקומט איצט אַ ניי חיות. פון געזאַנג דערוואַרעמט מען זיך און די פיס הייבן זיך ממש אין אַ ריקוד. אַז ס׳געמיט איז שוין צעפלאַמט, און מען איז אגב, שוין זיכער אַז די באַלעבאַטים אין דער מתנגדישער שול האַלטן שוין „נאָכן ביאַליסטאָקער דאַרף״ גיט דער געלער מענדל זיך אַ לאָז צום עמודל און גיט אַ זינג אויס דעם „הנשמה לך״ אַקוראַט ווי ער וואָלט זיך געקליבן צו גיין מיט דער הקפה.

ניין־ניין, מען וועט זיך האַלטן ביי די סקאַרבאָווע ניגונים פון די קאַלטע מתנגדים, וואָס ווייסן נאָר איינס: צו וויינען און צו יאָמערן...

*

ווען מען גייט אַהיים פון שול איז שוין גרויסער טאָג. איבערן שטעטל הענגט אַ דורכזיכטיקער בלווילעכער הימל וואָס צערטלט זיך מיט ווייסע, ווייכע וואָלקנדלעך. פאַר די פאַרמאַכטע טירן פון דער יאַטקע זאַמלען זיך שוין ווייבער אויף וועלכע „ס׳ברענט די הויט״ און ערגעץ אין דער נאָענט שלענדערן זיך שוין אַרום די הינט, וועלכע וואַרטן אויך, אַז מען זאָל עפענען די יאַטקע און זיי זאָלן, אין זכות פון יום טוב, זוכה זיין צו אַ ביין.

אין מאַרק שטייען שוין די פישערס מיט באַליעס פיש. די זילבערנע שופּן גלאַנצן אין דער זון יעדעס מאָל ווען אַ פיש גיט אַ שפּרונג און אַ צאַפּל. עס פאַרשמעקט מיט טייך, מיט וואַסער־גראָז און מיט ערב יום טוב. באַלעבאַטים גייען פאַרביי די געשטעלן פון די פיש־הענדלער, כאַפּן אַ בליק פון ווייטנס און — וווּנדער איבער וווּנדער — זיי ווייסן שוין פון בלויזן קוק, אַז קאַרפּן וועלן היינט זיין מיט גאָלד צוגלייך...

ס׳שטעטל וויקט זיך אין אַן אויפגערוימטער פאַרכטיקייט, אין עפּעס אַ זיס־טרויעריקער דערוואַרטונג. עפּעס אַ מין אַנדערשקייט ליגט אויסגעגאָסן אויף אַלץ און אויף אַלעמען. מען האָט טאַקע מורא און דאָס האַרץ שרעקט זיך. אָבער דאָך פילט מען, אַז מען איז שוין אַריין

אין דער רעכטער גערדיכטעניש פון תשובה. מען האָט שוין יאַקאָש איינגעפעדימט דעם ענין פון אויסבעטעניש און מסתמא וועט מען ווייטער אויך טאָן וואָס מען קען. דער ליכטיקער דרויסן און די מחיהדיקע סוף־זומערדיקע וואַרעמקייט, די געשמאַקע ריחות פון די פעלדער און די סעדער, ברענגען מיט זיך בטחון. נישקשה, גאָט וועט נישט פאַרלאָזן.

ווען איך דערנענטער זיך צו אונדזער שטוב קומען מיר אַנטקעגן צוויי גוייִשע קיילער־יונגען, וואָס שלעפּן מיט שטריק אַן איינגעשפּאַרטן צעריטשעטן חזיר. איך קער זיך אָפּ אין אַ זייט, שפּיי אויס, און כאָטש איך בין נאָך העט פאַר בר מצווה, זאָג איך צום טאַטן מיט דער פאַרזאָרגטקייט פון אַ דערוואַקסענעם:

— אוי, רבונו של עולם, ווי ווערט מען שוין פּטור פון גלות...

אַ דערמאָנונג

אַרום יאָר 1925 האָב איך געמאַכט די ערשטע נסיעה פון מיין שטעטל קיין לאָדזש. געווען בין איך שוין דעמאָלט אַ שטיק אפיקורס, אָבער אַז מען קען פאָרן צו־גאַסט אַנדערש ווי אין חול המועד איז מיר פון דעסט־וועגן נישט איינגעפאַלן. אָוועקפאָרן פון דער היים אין די ימים־נוראים, אָדער אין די ערשטע טעג פון סוכות ־ יום ־ טוב, האָט מיר אויסגעזען צו זיין ממש אוממעגלעך, עפּעס שלא כדרכי הבריות און בכלל, קעגן דעם מנהג העולם.

יענעם זומער, וואָס פון יאָר 1925, איז צו אונדז אין שטעטל אַריין אַראָפּגעקומען אַ יונגערמאַן פון לאָדזש, טשעבוצקי האָט ער געהייסן. דאָס איז געווען אַ שטילער יונגערמאַן, אַ היטלמאַכער, וואָס האָט סיי מיט זיין אויסזען און סיי מיט זיין גאַנצער הנהגה נישט געמאַכט קיין באַזונ־דערן רושם. אַן אָרימער אַרבעטער־אינטעליגענט איז עס געווען. וואָס אַן אמת — זייער „באַלעזן", אָבער ס'איז שווער געווען פון אים עפּעס אַרויסצוקריגן, ווייל ער האָט נעבן יעדן אַרויסגעזאָגטן וואָרט פאַרשוויגן אַנדערע צען ווערטער. אין יענע יאָרן, ווען איך אַליין בין נאָך געווען אַ יונג יינגל, האָט מיר זיין שתקנות, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט אימ־פּאָנירן: די קונסט צו הערן מענטשן דורך זייער שווייגן, לערנט מען זיך אויס ערשט העט אין די שפּעטערדיקע און רייפערע יאָרן.

דאָך האָט דער יונגערמאַן געהאַט צוויי מעלות, וועלכע האָבן מיך צו אים צוגעצויגן. ראשית כל האָט ער געקענט נאָכזינגען כלערליי לייט־מאָטיוון פון בעטהאָווענישע סימפאָניעס. והשנית האָט דער דאָזיקער יונגערמאַן געשריבן, און געשריבן האָט ער נישט, ווי אַנדערע פון זיינס גלייכן, לידער און דערציילונגען, נאָר אַ דראַמע, און דערצו אַ סימבאָ־לישע דראַמע, ס'הייסט: אַ דראַמע אין סימבאָליסטישן סטיל — חצי מע־

טערלינק, חצי וויספּיאַנסקי און טאַקע אויך אין נוסח פון פּרצעס „ביי־נאַכט אויפן אַלטן מאַרק״.

פון דער זומער־באַקאַנטשאַפט מיט דעם דאָזיקן יונגערמאַן, וואָס איז דערנאָך צוריקגעפאָרן קיין לאָדזש, איז נולד געוואָרן מיין חול המועד־סוכותדיקע נסיעה אין דער גרויסער שטאָט אַריין און געפאָרן בין איך טאַקע צו אים, אַלס זיין גאַסט, הייסט עס.

געוווינט האָט מיין באַקאַנטער, טשעבוצקי, אויף יערוזאַלימסקי־גאַס. דאָס איז געווען אַ קליין געסל אויף אַלטשטאָט, וווּ קיין גבירים האָבן נישט געוווינט. דער גרעסטער גביר אין יענער הייזקע איז געווען דער ווירט, וואָס האָט פאַרנומען אַ דירה פון צוויי צימערן מיט אַ קיך, אין פראָנט, אויפן ערשטן שטאָק. אַ חוץ ווירט איז ער אויך געווען אַן אייגנ־טימער פון „אַ שטעל״ אויפן „סטאַוו״ און מחמת, די דאָזיקע צווייערליי פּרנסה־קוואַלן האָט ער זיך געקענט פאַרגינען צו האָבן געפּאַרבטע פּאָד־לאָגעס אין די צוויי „סאַליעס״ זיינע. דעם דאָזיקן ווירט האָב איך שפּע־טער אַ סך מאָל געזען. קיין גראָבן בויך האָט ער נישט געהאַט. קיין בורזשויסקע ציגאַרן האָט ער נישט גערויכערט. זיינע אָרעמע לאָקאַטאָרן האָבן אָבער געשמועסט, אַז ער עסט יעדן אין דער פרי, אויף אָנבייסן, דעם דאָזיקן גערייכערטן פיש, וואָס מען האָט אים אין לאָדזש גערופן „פּיטלינג״. חוץ דעם האָט ער, ווי יעדער מענטש פון זיין סאָציאַלן שיכט, פאַרלאַנגט, אַז די לאָקאַטאָרן זאָלן אים צאָלן דירה־געלט און היות די לאָקאַטאָרן איז שווער געווען נאָכצוקומען די דאָזיקע גבירישע פאָדע־רונג, האָט ער קעגן זיי אָנגעווענדט די איינציקע סאַנקציע וואָס זיין באַ־לעבאַטיש געוויסן האָט אים דערלויבט. היינו? ער פלעגט פאַרלייגן אַ שלאָס אויפן פּלומפּ, וואָס האָט זיך געפונען אויפן הויף און די לאָקאַטאָרן האָבן געמוזט גיין ברענגען עמערס טיי־וואַסער פון ווי ווייט. דער ייד האָט געמוזט האָבן אַ גרויסן צד אין הימל אויב די לאָקאַטאָרסקע קללות האָבן אים נישט געשאַדט.

*

ווען איך בין אָנגעקומען קיין לאָדזש און האָב זיך שוין דערפרעגט צו מיין באַקאַנטן אויף דעם יערוזאַלימסקע־געסל, האָב איך ביים ערשטן

אַריינקום אין שטוב באַמערקט, אַז מיין גאַסט־געבער איז עפּעס צעטראָגן און פאַרחושט. לכתחילה האָב איך געמיינט, אַז דערין איז שולדיק מיין אָנוואַרפן זיך אויף אים אַלס גאַסט. אָבער דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי נישט ריכטיק. טשעבוצקי האָט געהאַט אַן אַנדער וויכטיקע סיבה צו זיין אין אַן אויפגערעגטן צושטאַנד. ער האָט, נעמלעך, מיט עטלעכע טעג צוריק געגעבן זיין דראַמע אויף מבינות צו דעם באַליבטן בונדישן פירער ישראל ליכטענשטיין, איינער פון די פּאָפּולערסטע קולטור־מענטשן אין שטאָט און איינער פון די אויטאָריטעטן אין ליטעראַרישן קרייז. און, ווי דער שטייגער ביי אַן אָנפאַנגער, האָט טשעבוצקין דאָס האַרץ נעבעך געפלאַטערט וועגן דעם ענטפער וואָס אים וועט אויסקומען צו הערן.

דער טשעבוצקי האָט געוווינט אין דער נידער, אָדער אין פּאַרטער, ווי מען האָט עס גערופן אין לאָדזש. ער, זיין טאַטע און זיין מאַמע, האָבן פאַרנומען אַ דירה, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ גרעסערער שטוב אין וועל־כער עס האָט זיך געפונען אי די קיך, אי די היטלמאַכער־ווערקשטעל, און פון אַ קליין פּיצעלע חדרל, אָן פענצטער, וואָס איז געווען דאָס שלאָף־קאַמער פון זיינע עלטערן. טשעבוצקי און זיין פאָטער זענען געווען דאָס וואָס מען האָט גערופן „כאַלופּניקעס״. דאָס הייסט: זיי האָבן אַרויסגע־נומען אַרבעט פון אַ הוט־געשעפט און זיי האָבן די אַרבעט געמאַכט ביי זיך אין שטוב. דער עיקר־אַרבעטער איז געווען דער זון, אָבער דער טאַטע האָט געבערענגט די אַרבעט, זי אָפּגעטראָגן און זיך גערעכנט מיטן אַרבעטס־געבער. געווען זענען טשעבוצקיס עלטערן פונקט אַזעלכע שווייגערס און פונקט אַזוי גרוי פאַרבלאַז ווי ער אַליין. נישט זיי האָבן מיך עפּעס געפרעגט און נישט איך האָב זיי עפּעס געזאָגט, כאָטש באַ־האַנדלט האָבן זיי מיך דווקא גוט, אָבער אַלץ שווייגנדיק.

טשעבוצקי, כאָטש אַ יונגערמאַן וואָס שרייבט דראַמעס, האָט נישט געהאַט קיין חברים. דער איינציקער וואָס פלעגט אַמאָל צו אים אַריינ־קומען איז געווען דער יונגער מאָלער אליעזר קראַמאַרסקי. אַן אָרעם יידיש יינגל, אַ געהילף ביי אַ שטובן־מאָלער, אָבער מיט „אַ געלענק צו מאָלעווען וואָס די אויגן זעען״... דער קראַמאַרסקי האָט שוין דעמאָלט געהאַלטן ווייט. ער האָט שוין געמאָלן מיט אייל־פאַרבן אויף לייוונט,

און די טעמעס צו מאָלן האָט אים געגעבן יוסף גאַרצעוויטש וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן קאָפּירט עפּעס אַ העלד פון היינריך היינעס ווערסעס אַ ראָמאַן. דער גאַרצעוויטש איז געווען אַ סך עלטער און „באַלעזענער" פון קראַמאַרסקין. געדענק איך טאַקע ווי קראַמאַרסקי איז דעמאָלט געקומען צו מיין גאַסטגעבער און אים געוויזן אַ בילד וואָס ער האָט געמאָלן לויט גאַרצעוויטשעס אידעע: אַ הימל, אין מיטן הימל — אַ האַרץ און פון דעם האַרץ האָבן אַרויסגעקוקט צוויי אויגן. וואָס דאָס בילד האָט געזאָלט באַדייטן ווייס איך נאָך עד היום נישט, אָבער איך געדענק, אַז מיר איז עפּעס געווען זייער פּריקרע צו קוקן אויף דעם רויטן פליישיקן האַרץ וואָס האָט זיך אויסגעטיילט פון דער הימל־בלויקייט מיט דערמאַנענישן וועגן אַ יאַטקע. די צוויי אויגן וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פונעם האַרץ און זענען, זעט אויס, אויסן געווען עפּעס אַ טיפן סימבאָלישן רמז, האָבן מיר שוין גאָר, גאָר געשראָקן.

אַרום און אַרום וואָלט מיין דעמאָלטיקע נסיעה קיין לאָדזש געווען אַ מין ברכה לבטלה. גיין איז מיט מיר מיין באַקאַנטער אין ערגעץ נישט געגאַנגען. שמועסן מיט אים איז אויך נישט געווען מעגלעך, ווייל ער האָט כסדר געשוויגן. וויבאַלד ער האָט געשוויגן האָב איך אויך געשוויגן און זיך גאַנץ היפּש געלאַנגווייליקט. געטראַכט האָב איך אָבער: הזאת נעמי? אָט דאָס איז עס דאָס לאָדזש וועגן וועלכן איך האָב אַזוי־פיל געחלומט אין מיין קליינעם שטעטל? אָט דאָס איז עס די שטאָט, וווּ עס טוט זיך אַזויפיל און עס איז אַזוי אינטערעסאַנט צו לעבן?

*

ווי איך האָב שוין דערציילט האָט טשעבוצקי אַ טאָג אָדער צוויי איידער איך בין אַנגעקומען, געגעבן ישראל ליכטענשטיינען זיין דראַמע אויף מבינות. ווען איך בין געקומען האָט ער רק געטראַכט וועגן דעם צי ליכטענשטיין וועט זיין דראַמע טאַקע לייענען און אויב ער וועט לייענען — וואָס ער וועט זאָגן? אויב מיין גאַסטגעבער האָט בכלל עפּעס גערעדט צו מיר אין די עטלעכע טעג וואָס איך בין דאָרט געווען, איז עס געווען בלויז איין פראַזע: נאָך יום־טוב וועט מען דאַרפן גיין צו ליכטענשטיינען און הערן: יאָ אָדער ניין.

און אָט איז שוין הושענה רבה. דער טאַטע פון מיין גאַסטגעבער איז שוין אַהיימגעקומען פון שול. מען גרייט זיך שוין זעצן צו דער קרעפּלעך־סעודה. פּלוצלינג קומט אַריינצולויפן אַ שכנה. איך זע: זי וויל עפּעס זאָגן, זי מאַכט עפּעס מיט די הענט, אָבער איידער זי באַ־וויזט נאָך פון זיך אַרויסצוקריגן אַ וואָרט, זעען מיר ווי הינטער איר, אין דער געעפנטער טיר, שטייט אַ מענטש מיט דיקע אויגן־גלעזער, וואָס פינקלען אַרויס פון זיין פאַרשאָטנט פּנים. און אָט שפּרייזט דער מענטש אַריבער די שוועל און מיין טשעבוצקי שפּרינגט אויף ווי אַ געביסענער און שרייט אויס:

— חבר ליכטענשטיין!

און מער קען ער נישט רעדן. ער מאַכט מיטן מויל ווי אַ פיש וואָס מען נעמט אים אַרויס אויף דער טרוקעניש, נאָר קיין קול הערט זיך נישט. דאָס קול איז אים ערגעץ אַנטלאָפן.

די מוטער, דער פאָטער, די שכנה, אַלע זענען עפּעס צעטומלט, אַלע טראָגן שטולן פאַרן גאַסט, אַלע ווישן די שטולן מיט די פאַרטיכער, דער גאַסט קוקט זיך אַרום, שמייכלט היימיש און וואַרעם, וויל, זעט אויס, מיטן שמייכל פאַרטרייבן די בהלה וואָס ער האָט דאָ גורם געווען. אָבער עס העלפט נישט: די בהלה שטילט זיך נישט איין, זי ווערט גרעסער. דער אומגעריכטער וויזיט האָט אַלעמען פריטשמעליעט.

און אין דער אָפענער טיר שטייען שוין מענטשן, שכנים, קאָפּ אויף קאָפּ. מענער, פרויען, קינדער. דער גאַנצער הויף איז זיך צוזאַמענגע־לאָפן. פון טיר צו טיר און פון פענצטער צו פענצטער גייט די בייעס: ליכטענשטיין איז געקומען צום היטלמאַכער.

ליכטנשטיין לייגט אַוועק אויפן טיש די דראַמע. ער וויל עפּעס זאָגן, אָבער די צעטומלטקייט פון דעם יונגערמאַן, דער אָנגעלויף פון שכנים שטערט אים צו רעדן. ער וויל עפּעס פרעגן, ער וויל עפּעס אויפקלערן, אָבער אומזיסט זיין מי. ער רעזיגנירט און זאָגט צו טשעבוצקין:

— כ׳האָב געלייענט אייער דראַמע. כ׳האָב מיט אייך צו שמועסן. אפשר ווילט איר מיך באַגלייטן?

אָבער טשעבוצקי איז אַזוי נבהל ונשתומם, אַז ער הערט כמעט

נישט וואָס מען רעדט צו אים. ליכטנשטיין לאָזט זיך צום אַרויסגאַנג און אַז ער זעט, אַז טשעבוצקי גייט נישט מיט אים, זאָגט ער: נו גוט, קומט צו מיר ווען איר וועט וועלן.

ער גייט אַוועק און פּלוצים גיב איך זיך אַ ריס פון אָרט און נעם אים נאָכלויפן. איך דעריאָג אים אויפן ראָג פון גאַס, דאָרט ווו מען דרייט אַריין אין דער וואָלבאַרסקע און אַז ער דערזעט ווי איך לויף אים נאָך, בלייבט ער שטיין און קוקט אויף מיר מיט דעם זעלביקן וואַרעמען שמייכל:

— איר שרייבט אויך?

— איך... איך... בין פון אַ קליין שטעטל...: ס׳ערשטע מאָל אין לאָדזש... איך שרייב נישט, איך לייען בלויז...

איך פּאַרסאָפּע זיך ביים רעדן און ווער דערביי רויט. איך האָב געזאָגט אַ ליגן. דער אמת איז, אַז איך האָב שוין דעמאָלט אונטערגע־זינדיקט מיט שרייבן.

*

בעת איך קום צוריק אויף יערוזאַלימסקע רוישט דער גאַנצער הויף. מען איז זיך שוין צונויפגעקומען פון אַנדערע שכנותדיקע הויפן און אַלע, אַלע רעדן מיט היץ וועגן דעם וואָס ער, ליכטנשטיין, איז געקומען צום היטלמאַכערס זון, האָט אים געגעבן עפּעס „אַ קאַיעט״ און אים גע־הייסן קומען צו זיך ווען ער וועט וועלן...

דער אָרימער אַלטשטאָט־עולם קען נישט באַנעמען דעם תמצית פון דער געשעעניש. ער ווייסט, אַז דאָ איז געשען אַ גרויסע, אַן אומגע־וויינלעכע זאַך. ליכטנשטיין אַליין, דער באַוווּסטער לערער און ראַטמאַן אין לאָדזשער מאַגיסטראַט איז געקומען צו אַן אָרימען אַרבעטער־בחור אין שטוב און האָט געהייסן, אַז דער דאָזיקער בחור, וואָס קיינער האָט זיך פריער אויף אים רעכט נישט אומגעקוקט, זאָל קומען צו אים אין שטוב אַריין. אָבער וועגן וואָס דאָ גייט, וואָס פאַראַ עסקים ליכטנשטיין קען האָבן מיט אַזאַ אָרימען היטלמאַכער, — דאָס באַגרייפט קיינער נישט.

אַן עלטערער אַרבעטער, אָנגעטאָן ווי אַלע אַנדערע, אָבער מיט אַ נערוועזן „קנאַפּ" אין האַלדז, וואָס לויפט אַהין און צוריק און גיט אים צו אַן אינטעליגענטן אויסזען, וויל מסביר זיין דאָס געשעעניש.

— וואָס פאַרשטייט איר נישט? דער חבר ליכטנשטיין אינטערע־סירט זיך מיט די טאַלענטן פון דעם אַרבעטער־פאָלק... ער וויל אַנט־דעקן אַ פּראָלעטאַרישן טאַלענט...

דאָס וואָרט „טאַלענט" צעטומלט נאָך מער דעם עולם און אַ סך נעמען זיך באַנייס שטופּן אין דער דירה פונעם היטלמאַכער, כדי אָנ־צוקוקן דעם שטילן יונגערמאַן.

אייניקע קומען צוריק אַרויס מיט אַ בפירושער אַנטוישונג:

— ס'איז נישט צו זען קיין אויסטערלישס...

אין גערדרענג אויפן הויף דרייט זיך אויך אַרום דער באַלעבאָס פונעם הויז. ער דערציילט אַלעמען באריכות ווי אַזוי ער האָט זיך אַקוראַט פאַרזוימט, מחמת נאָך שלאָגן הושענות איז ער אַוועק מיט גוטע ברידער טרינקען אַ גלעזל ביר. די אַלע רייד זענען ווי אויסן צו פאַרענטפערן, הלמאי ער האָט פאַרשפּעטיקט אַזאַ געשעעניש און איז געקומען שוין העט נאָך דעם ווי ליכטנשטיין איז געהאַט אַוועקגעגאַנגען.

— וואָלט איך געווען — גיט ער צו פאַרשטיין — וואָלט איך אים אַרויפגעבעטן צו זיך אין שטוב. אַזאַ מענטש דאַרף מען אויפנעמען בכבוד... אין אַ לייטישער דירה...

דער אַרבעטער מיטן נערוועזן „קנאַפּ" דערהערט די רייד און צינדט זיך אָן:

— וואָס מיינט איר זיך עפּעס? דער חבר ליכטנשטיין דאַרף אייער גבירישע דירה? דער חבר ליכטנשטיין קומט נישט צו קיין גבירים... צו אונדז, צו די פּראָלעטאַרישע מאַסן קומט ער... ער קומט בילדן און באַלייכטן די אַרביטאָרערישע אויטאָדידאַקטן...

אַ מערכה דאָס דערשרעקנדיקע וואָרט „אויטאָדידאַקטן", אַ נישט וואָלט דער צונויפגעלאָפענער עולם נאָך אַזוי גיך זיך נישט פאַנאַנדער־געגאַנגען.

אַ מעשה מיט אַ מאָראַלישן פּאַטש

אין די סוף צוואַנציקער און אָנהייב דרייסיקער יאָרן האָט שוין אין לאָדזשער יידיש־ליטעראַרישן וועלטל געהאַלטן העט נאָך דער שטורעם־צייט. אין יענער צייט איז פון דער „יונג־יידיש״־רעוואָלוציע שוין מער נישט געהאַט פאַרבליבן ווי נאָר אַ בינטל עלעגישע זכרונות, וועלכע האָבן דערהויפּט אָנגעהויבן פאַרבלאַסט צו ווערן נאָך דעם ווי משה בראָדער־זאָן, דער ערשטער ריטער פון יענעם פּאָעזיע־שלאַכט, האָט אויסגעטאָן דאָס פוטערנע שטריימל און זיך אָפּגעשוירן די לאַנגע באַקן־בערד. בראָדערזאָן אַליין איז, אגב, דעמאָלט שוין געהאַט אַוועק פון זיינע רעוואָלוציאָנערע אינאָוואַציעס אויפן געביט פון דער פּאָעזיע און ער האָט זיך אַריבערגעוואָרפן מיט זיינע באַנייערישע אויפטוען אויפן שטח פון טע־אַטער. ס׳איז דאַן געווען די בלי־צייט פון „אררט״, וואָס זיינע געוואַגטע עקספּערימענטן און דערגרייכונגען אין דער אַנטוויקלונג פון יידישן טעאַטער ווערן אַזוי עקשנותדיק פאַרשוויגן פון אַלע אַקטיאָרישע מעמור־אַריסטן און אויך פון די אַזוי־גערופענע געשיכטע־שרייבער פון דער יידישער בינע־קונסט, וועלכע שטיצן זיך אויף זיי. בכל אופן איז דאָס געווען אין דער צייט, ווען די „גרינע בערד״, די „געלע קאַפּאָטעס״ און די „רויטע הויזן״ אויף די ברעטער פון „אררט״ האָבן פולשטענדיק אַבסאָרבירט בראָדערזאָנס רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט און האָבן ביי אים צוגענומען די נויטווענדיקייט צו זיין אַ מחדש חידושים אין דער דיכטונג, ווי ער איז עס געווען אין די צייטן פון די פּאַק־פּאַפּירענע זשור־נאַלן, ווען עס האָט געשמעקט מיט אַ נייעם בראשית אין דער יידישער פּערז־קונסט אין פוילן.

אין יענע יאָרן זענען אויך די שרייבער, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום די העפטן „ס׳פעלד״, שוין געהאַט געוואָרן סטאַטיקעס און האָבן

זיך שיעור נישט געציילט צווישן די יינגערע אבות פון ליטעראַרישן לאָדזש. דער אָנזעעוודיקסטער און אָריגינעלסטער פון אָט דער חברותא, ישׂראל ראַבאָן, וועלכער איז אין די ליטעראַרישע קרייזן באַטראַכט גע־וואָרן ווי די אויסגעשפּראָכנסטע און עקסטראַוואַגאַנטסטע דיכטערישע פיגור, איז בכלל געווען קעגן רעוואָלוציעס און ער האָט אַנטשידן גע־קעמפט קעגן אינאָוואַציעס אפילו אויפן געביט פון דער אָרטאָגראַפיע. מרים אוליאַנאָווער האָט זיך פון תמיד אָן געהאַלטן אין אַ זייט און אירע לידער פונעם ביכל „דער באָבעס אוצר", מיט דוד פרישמאַנס הקדמה, האָבן שוין געהערט צו די ליטעראַרישע רעליקוויעס פון אַ פּרע־היס־טאָרישער עפּאָכע. אויך ישעיה שפּיגל איז נאָך זיין בוך לידער „מיטן פּנים צו דער זון", באַטראַכט געוואָרן, ווי איינער וואָס קלייבט זיך שוין נישט צו איבערראַשן די וועלט, כאָטש ער האָט זי אין די שפּעטערדיקע יאָרן דווקא יאָ איבערגעראַשט. מחמת כמה סיבות פון זיין פּערזענלעכן לעבן האָט ער זיך אויך זעלטן געוויזן אין ליטעראַרישן קרייז, וואָס איז אגב געווען אַ זייער לויזער און אַ זייער פליסיקער. דער איינציקער, וואָס האָט נאָך אין יענע צייטן נישט געהאַט פאַרלוירן דעם אימפּעט פון די פריערדיקע יאָרן, איז געווען חיים לייב פוקס, וואָס איז נאָך אַלץ אַ בעלן געווען צו לייענען זיינע לידער, שטייענדיק אויף אַ הויכער לייטער ביים מאָלן זיינע שילדן, וואָס זענען געווען אַ שם דבר אין דער גרויער פאַרדוויכערטער שטאָט. די אַנדערע שרייבער פון די „רעוואָלוציאָנערע" יאָרן, ווי פּנחס גאָלדהאַר, יצחק בערלינער, חיים קרול א. אַ. זענען זיך שוין געהאַט צעקראָכן איבער דער וועלט און האָבן געשריבן אומעטיקע בריוו פון דער פרעמד און די געבליבענע אויפן לאָדזשער ברוק האָבן איצט געהאַט אַ סך אַנדערע דאגות און די דאָזיקע דאגות האָבן ביי זיי צוגע־נומען דעם חשק און דאָס געמיט צו מאַכן רעוואָלוציעס און צו שטורמען די ליטעראַרישע באַסטיליעס, ווי זיי האָבן עס געטאָן מיט אַ צענדליק יאָר צוריק.

אמת איז, אַז עס פלעגן כסדר און כסדר צוקומען נייע יונגע שריי־בער, אָבער פאָרט נישט אַזויפיל וויפיל מען האָט אָנגענומען לויט דעם באַקאַנטן אַנעקדאָט פון י. י. טרונק. די צוגעקומענע יונגע שרייבער האָבן

אַרויסגעגעבן כלערליי ליטעראַרישע זשורנאַלן און זשורנאַלעכלעך, אָבער דער איבערגאַנג פון קאַפּע „פּאַד שקלאַנקאָן״ אויף פּאָלודניאָווע 8, אין דעם קאַפּע „אַסטאָריע״, אויף עק פּיעטריקאָווער און צעגליאַנע, איז פאַר־געקומען זייער גיך און אָט דער שנעלער איבערגאַנג פון דעם אָנפאַנגער־קאַפּע אין דעם קאַפּע פון די „קלאַסיקער״, האָט מסתמא געהאַט זיין חלק אין דעם, וואָס דער „שטורעם און דראַנג״ ביי די יונגע שרייבער האָט זיך אַזוי גיך איינגעלאָשן. דער סוף איז געווען, אַז איינגעמענדיק די דאָזיקע „קלאַסיקער״־פּאָזיציע אָן גרעסערע שוועריקייטן, האָבן אַ סך פון די יונגע שרייבער, די מער אַמביציעזע צווישן זיי, זיך אַריבערגע־טראָגן קיין וואַרשע, וווּ דער פּאַלאַץ פון דער ליטעראַטור האָט פאַר־מאָגט מער טרעפּ אויף אויפצושטייגן צו דער ליטעראַרישער אָנערקע־נונג, ווי די איינשטאָקיקע ליטעראַטור־הייזקע פון לאָדזש. די וואַרשע־ווער טרעפּ האָבן געררייצט און געלאָקט אַ סך יונגע שרייבער פון לאָדזש און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אפילו אַזאַ שרייבער ווי ישראל ראַבאָן זאָל זיך אויך אַרומזען, אַז אין זיין היימישן לאָדזש דרימלען איין די שעפערישע מוסקולן, ווייל עס איז נישטאָ מיט וועמען צו גיין אין גע־פעכט און אויב יאָ — וויל זיך דער בעל־כוח נישט פעכטן, ווייל ער איז שוין צו אַלט און צו מיושבדיק אויף אַזעלכע מעשי נעורים...

*

לאָדזש האָט פאַרמאָגט אייניקע גאָר אָנגעזעענע און מפורסמדיקע שרייבער. אין דער ערשטער ריי: משה בראָדערזאָן און יצחק קאַצע־נעלסאָן. אָבער קיין אמתע ליטעראַרישע סביבה איז אין לאָדזש נישט געווען. דער שטעמפּל פון לאָדזשער יידישן ליטעראַטן־פאַראיין איז געלעגן ביי ישעיה אוגער ערגעץ אויף אַ פּאָליצע, אָדער אין אַ שופלאָד און עס זענען פאַרגאַנגען חדשים און טעג, ווען קיינער האָט זיך אַפילו נישט דערמאָנט, אַז אַזאַ שטעמפּל איז פאַראַן. געוויס זענען געווען צוויי קאַפּעען, ווו שרייבער זענען זיך צוזאַמענגעקומען, אָבער צוזאַמענגעקו־מען זענען זיי זיך ביי איין טיש מיט סוחרים, שטיקלעך פאַבריקאַנטן און סתם ווילע יידן. טאַקע זיי, די ווילע פאַבריקאַנטישע און סוחרישע

יידן האָבן זיך מער געהיצט וועגן ליטעראַטור און מער זיך געקריגט וועגן אַ ניי־דערשינענעם ליד פון אַ וואַרשעווער דיכטער, אָדער זיך גע־קהלט אַרום אַ דיכטער־גאַסט פון וואַרשע, ווי די לאָדזשער שרייבער.

עפּעס איז שוין אַזוי אויסגעקומען, אַז אין לאָדזש האָט אַ יונגער שרייבער געקריגן סמיכה נישט פון דער אָרטיקער שרייבער־וועלט, נאָר פון די ליטעראַרישע סאַלאָנען, וואָס דער וויכטיקסטער צווישן זיי איז געווען די שטוב פון שמעיה צימערמאַן. אַז אַ יונגער שרייבער איז וויל־געפעלן געוואָרן אין די אויגן פון די שטאָט־געסט אין די דאָזיקע סאַלאָ־נען, האָבן זיך די שרייבער מיט אים גענומען רעכענען און אים אַריינ־גענומען אין דער געזעלשאַפט. אגב מוז מען זאָגן, אַז די דאָזיקע ליטע־ראַרישע סאַלאָנען, וואָס איך וואָלט זיי געדאַרפט שרייבן מיט גענדזן־פיסלעך, אָבער איך טו דאָס נישט, מחמת אין זייער ווען האָבן זיי טאַקע דערפילט די אויפגאַבן פון סאַלאָנען, האָבן זיך שטאַרק גערעכנט מיט די וואַרשעווער מיינונגען און אַז אַ יונגער דיכטער פלעגט קריגן אַ גוטע רעצענזיע פון אַ וואַרשעווער קריטיקער, אָדער אַ וואַרשעווער שרייבער, האָט וועגן אים געזאָגט אַ גוט וואָרט, איז ער געווען אַ געמאַכטער מענטש און ער האָט געקריגן אַ דריסת־הרגל צו צימערמאַנען, ווו מען האָט אים, אויב די וואַרשעווער רעצענזיע איז געווען אַ גאָר גוטע, באַזעצט אויף דער קאַנאַפּע פון איטשע מאיר ווייסענבערג, ס׳הייסט אויף דער קאַנאַפּע, אויף וועלכער איטשע מאיר ווייסענבערג פלעגט שלאָפן, בעת ער איז געקומען קיין לאָדזש און איז, ווי געוויינלעך, איינגעשטאַנען ביי צימער־מאַנען.

דאָס לאָדזשער יידיש־ליטעראַרישע וועלטל וואָס איז געווען אויס־געמישט מיט סתם־ווילע יידן האָט געהאַט זיינע מעלות און זיינע חס־רונות. די מעלה איז געווען, וואָס עס האָט נישט פאַרמאָגט די חסרונות פון צעך. די חסרונות זענען געווען, וואָס עס האָט נישט געהאַט די מעלות פון צעך. ס׳האָט געפעלט דער קנאת סופרים, אָבער דערפאַר האָט אויך געפעלט יענער סטימול פון אַמביציעס, וואָס טרייבט שעפערישע מענטשן צו שטייגן, בכדי אַריבערצושטייגן. ס׳לאָדזשער יידישע ליטעראַרישע וועלטל איז געווען אַן אידיליש וועלטל און טאָמער האָט ישראל ראַבאָן

געקוקט קרום אויף משה בראָדערזאָנען, האָט מען עס באַטראַכט פאַר „אַ סקאַנדאַל אין דער געזעלשאַפט״ און פאַר אַ געשעעניש, וואָס טרעפט נישט יעדן טאָג. אָבער די שלום ושלוהדיקייט האָט געמוזט באַצאָלט ווערן מיט אַ באַשטימטן פּרייז. אַ סך שרייבער האָבן דעם פּרייז נישט גע־וואָלט צאָלן און זיי האָבן עוקר געווען קיין וואַרשע. דער אמת איז טאַקע, אַז ווען מען איז אַריינגעפאַלן פון לאָדזש קיין וואַרשע, איז מען אַריינ־געפאַלן פון גן־עדן גלייך אין גיהנום — אין גיהנום פון שרייבערישע אַמביציעס, קנאה׳ס, אינטריגעס, נישט־פאַרגינענישן און קריכן זיך אין דער גרגרת אַריין. אָבער עס זענען געווען שרייבער, וואָס האָבן ווי נחמנקע זבאראש ביי פּרצ׳ן, בעסער אויסגעקליבן דאָס גיהנום און זענען אַנטלאָפן פון גן־עדן. על־פי־רוב איז דאָס געווען צו זייער גוטס און צום גוטס פון זייער טאַלאַנט, וואָס האָט געמוזט האָבן דאָס פייער פון מענטש־לעכע שוואַכקייטן און אַמביציעזקייטן כדי דערפירט צו ווערן צו דעם צושטאַנד פון זידן.

דער „אַנפאַן טעריבל״ פון דער לאָדזשער יידישער שרייבער־וועלט איז געווען ישראל ראַבאָן. אין זיין פּאָעזיע דווקא קאָנסערוואַטיוו און כמעט „קלאַסיש״, איז ער אָבער אין לעבן געווען דאָס, וואָס מען רופט־אָן: אַ שויבן־ברעכער. שוין זיין אָנקום אין דער שרייבערישער משפחה אַריין, אין יאָר 1916, איז געווען מיט אַ שטיין אין שויב, ס׳הייסט: מיט אַ סקאַנדאַל, וואָס ער האָט געמאַכט דעם דעמאָלט־מעכטיקן רעדאַקטאָר פון „לאָדזשער פאָלקס־בלאַט״, לאַזאַר קאַהאַן, צוליב אַ ליד וואָס איז נישט אַזוי גיך געדרוקט געוואָרן. און דאָס ליד גופא איז דווקא נישט געווען קיין רעוואָלוציע און נישט קיין רעוועלאַציע. עס איז געווען אַ ליד פאַר דער הומאָריסטישער ביילאַגע פון דער צייטונג. פון יענעם ליד ביז צו ראַבאָנס שפּעטערדיקע שיינע אָריגינעלע לירישע לידער, איז געווען אַ מהלך רב און עמעצער זאָל אַפילו זיין מיט צען קעפּ, וואָלט ער אויך נישט געקענט פאָראויסזען אויפן סמך פון יענער אָנהייבער־שאַפונג די עכטע דיכטערישע אַנטוויקלונג פון ישראל ראַבאָנען אין די דרייסיקער יאָרן.

אָ נייִן, ישראל ראַבאָן איז נישט געווען דער ייִדענער יונגערמאַנ־טשיק, וועלכן מען האָט דאָ אַנומלט אָפּגעמאָלט ווי אויף אַ קאַרמעלקע־פּאַפּירל. דערצויגן אין דער בלאָטער גויט און אויף דעם הפקר־ברוק פון פעפער־געסל, האָט ער אַ גאַנץ לעבן געשפּילט יעסענינען און איז אַפילו דיכטעריש געווען פון אים שטאַרק באַאיינפלוסט. מאַכן סקאַנדאַלן איז ממש געווען זיין טעגלעך ברויט, וואָס ער האָט געגעסן, נישט מחמת אינערלעכן הונגער נאָך שאַרפע איבערלעבענישן, נאָר מחמת אים איז כסדר אויסגעקומען, אַז אַזוי מאַכט זיך די ביאָגראַפיע פון אַ פּאָעט. אין לאָדזש האָבן זיך בכלל אַרומגעדרייט אַ סך ליטעראַרישע העלדן, אַרויס־געשפּרונגענע פון באַרימטע ביכער. ישראל ראַבאָן, דער עכטער דיכ־טערישער טאַלאַנט, האָט דעמאָלט זיך נאָך נישט געהאַט באַוויזן צו באַ־פרייען פון די געוויסע דיכטערישע ביאָגראַפיעס, בכדי אין טאָג־טעגלעכן לעבן צו אַנטפּלעקן זיין אייגענעם ווערטפולן „איך”. וויאָן, רעמבאָ און יעסענין, האָבן זיך באַזעצט אין אים ווי אַ מין דיבוק און אין זייער נישט־רעכענען זיך מיטן פיליסטער, האָט ער געזען דעם גרעסטן תכלית פון אַ דיכטעריש לעבן און דעם העכסטן אויסדרוק פון אַ דיכטערישער פּערזענלעכקייט. ס׳איז אגב געווען אַ שטיקל טעם פאַר זיין שייגעצע־וואַטער פירונג, ווייל קיין אַנדערע פירונג וואָלט אפשר נישט אַזוי גע־שטימט מיט זיין געשטופּלט פּנים פון אַ זאַמד־שגץ. דער ערשטער, וואָס האָט מיר אָנגעוויזן, אַז ישראל ראַבאָן שפּילט בלויז יעסענינס כוליגאַ־נישע ראָל, כאָטש די דאָזיקע ראָל איז אפשר לעסטיק זיין אינערלעך געמיט, איז געווען דער מאָלער הענעך באַרטשינסקי, וועלכער האָט גע־מאָלן זיין פּאָרטרעט. קוקט אָן זיינע גוטע און מילדע טויבן־אויגן, האָט מיר באַרטשינסקי געזאָגט, ווייזנדיק אויפן פּאָרטרעט, וועט איר זען, אַז ראַבאָן פאַרשטעלט זיך און כוחט זיך צו זיין עפּעס אַנדערש ווי דאָס וואָס ער איז.

אין גאַנצן אַ באַפרייטן פון זיין יעסענין־מאַסקע, האָב איך געזען ראַבאָנען אין ביאַליסטאָק אין יאָר 1939. ער איז אָנגעקומען דאָרט אַהין ווי אַ מלחמה פּליט און תיכף געמוזט אַנטלויפן ווייל ווען נישט וואָלט אים די סאָוויעטישע מאַכט געגעבן אומזיסטע קעסט. שפּעטער אין ווילנע

האָט ער אפילו געשריבן וועגן בראָדערזאָנען מיט פיל פיעטעט. ראַבאָן איז געוואָרן דאָס וואָס ער איז: דער פּאָעט וואָס זיינע לירישע לידער זענען געווען אין הסכם מיט זיין אמתדיק וועזן און גייסט. אָבער איצט האַלט איך נאָך נישט ביי ביאַליסטאָק, נאָר ביי לאָדזש אין די סוף צוואַנציקער און אָנהייב דרייסיקער יאָרן. אין יענע יאָרן איז דאָס ליטעראַרישע לאָדזש געווען געגליכן צו אַן אידיליש וואַסערל, ווו אַ ליטעראַרישע שיף האָט זיך געקענט וויגן אויפן דרימלדיקן אויבערפלאַך, אָבער נישט געטראָגן ווערן אין דער ווייט דורך די שטורמישע כוואַליעס. כ׳זאָג נישט, אַז אין לאָדזש האָט מען זיך נישט גֿעקריגט און אַז איין שרייבער האָט געשמירט דעם אַנדערן מיט האָניק און מיט בוימל. מענטשן זענען אומעטום מענטשן און שרייבער זענען אומעטום שרייבער. אָבער דאָס פייער פון שנאה האָט געברענט מיט אַ קליין פלעמל און אויך דאָס פייער פון ליבשאַפט האָט נישט חרוב געמאַכט קיין וועלטן. טשיקאַווע איז, אַז איינמאָל, ווען ישראל ראַבאָן האָט שוין גאָר שטאַרק געגרימצאָרנט אויף בראָדערזאָנען, איז ער אַוועק אַהיים, זיך אויסגעפּוצט אין זיין יום־טובדיקן שוואַרצן אַנצוג, זיך איינגעשאַפּט שרייענדיקע קרעם־העלע הענטשקעס און איז געגאַנגען אין קאַפע, ווו בראָדערזאָן פלעגט אַריינקומען. ווען בראָדערזאָן איז אָנגעקומען נאָך אַ פאַרשטעלונג פון „אררט״ אין קאַפּע אַריין, איז ראַבאָן צו אים צוגעגאַנגען און אים פייערלעך דערקלערט, אַז ער גיט אים אַ מאָראַלישן פּאַטש. די קעלנער אין קאַפּע, וואָס האָבן נישט געוווּסט, ווי אַזוי מען דאַרף זיך נוהג זיין אין אַזאַ אויסטערלישן דועל, וואָלטן ראַבאָנען אפשר נישט געטשעפּעט. אָבער ווען זיי האָבן געזען בראָדערזאָנס בלייכקייט, האָבן זיי, מחמת בראָדערזאָן איז פאָרט געווען בראָדערזאָן, זיך געגומען מיישב זיין, צי זיי זאָלן נישט הייסן ראַבאָנען, נישט מאָראַליש, נאָר טאַקע פּאַקטיש, פאַרלאָזן דעם קאַפּע. דעמאָלט איז אויפגעשטאַנען ישעיה אוגער און מיטן פולן באַוווּסטזיין פון היסטאָרישן מאָמענט, אַקוראַט ווי נאַפּאָלעאָן ביי די פּיראַמידן, אויסגערופן:

— חברים, ס׳איז אַן ערן־שטרייט און קיינער האָט נישט קיין רעכט זיך אַריינצומישן!

מען האָט זיך טאַקע נישט אַרייַנגעמישט און דערפאַר האָט ראַבאָן נאָך אין דעם זעלביקן אָונט געקענט צוריקציען זיין מאָראַלישן פּאַטש און בראָדערזאָן האָט געקענט אַהיימגיין אַ באַרויִקטער דערפון, וואָס זיין באַק איז נישט מחויב מאָראַליש צו פלאַמען...

עך, איר גוטע נאַיִוו־האַרציקע יאָרן פון מיין טייערער פּראָווינץ־שטאָט לאָדזש, ווו נעמט מען אייך איצטער? ווי געפינט מען אַ שפור פון אייך אַחוץ אין די זכרונות?

גלאָסאַר

אַאול (קאַזאַכיש) אַ דאָרף.
אַסאַדע (אַרגענטינער שפּאַניש) געבראָטן קי־פלייש.
אַקריאָזשירט (אַרג. שפּ.) זיך איינלעבן אין דער קריאָזשאַ־סביבה.
באַבע יודע פאַרגרייזט פון „מכל הבא בידו”.
ביעזשעניעץ (רוסיש) פליט.
בועֶנאָס נאָטשעס (אַרג. שפּ.) אַ גוטע נאַכט.
גראַפּע (אַרג. שפּ.) דרום־אַמעריקאַנער בראָנפן.
גאַוטשאָ (אַרג. שפּ.) דרום־אַמעריקאַנער קאָובאָי.
גאָסטיניצע (רוסיש) גאַסט־הויז, האָטעל
געזשיוויעט (פּויליש) זיך דערנערט.
דאַ־דאַ (רוסיש) יאָ, יאָ.
דזשען דאָברי (פּויליש) גוט מאָרגן.
דאָקוטשעט (פּויליש) נישט געגעבן קיין רו, געקוועלט.
וורּאַטש (רוסיש) דאָקטער.
זאָנדערבאַר (דייטש) אויסערגעוויינלעך.
טשאַקעניִשע פּראָווינץ — אַ פּראָווינץ אין אַרגענטינע.
טשודאַטשנע (רוסיש) אויסטערלישע.
טאָפּאַריש (פאַרגרייזט פון רוסיש) חבר
לעפּיאָשקע (רוסיש) פלעצל.
מאַטע (אַרג. שפּ.) גראָזן־טיי.
מוטשאַ גראַסיאַס, סעניאָר (אַרג. שפּ.) פיל דאַנקען, הער.
ניעבאָשטשיק (פּויליש) דער געשטאָרבענער.
ניע נאַדאָ (רוסיש) מ׳דאַרף נישט.
ניטשעוואָ (רוסיש) ס׳איז גאָרנישט.
סקאָרע (רוסיש) באַלד.
סאַפּטאָראַ טאָפּאַריש (פאַרגרייזט רוסיש) מאָרגן, חבר.
סמאָטריעל (רוסיש) געקוקט, דערזען.
סעמענטעריאָ (אַרג. שפּ.) בית עלמין.
פּאָד־פּונקט (פּויליש) אָפּגערעדט אָרט.
פּאָמיעשטשען (פּויליש) געפינען פאַר זיך פלאַץ.
פּשאַ יוכעם (פּויליש) הינטיש בלוט.
פּראַוולעניע (רוסיש) פאַרוואַלטונג.
פּיאַסקעם (פּויליש) זאַמדן.
קריאָזשאָ (אַרג. שפּ.) מישלינג. חצי אינדיאַנער, חצי שפּאַניער.
קוסטאָרן (רוסיש) האַנטווערקער.
קלאָדקע (רוסיש) בריקל.
קישליאַק (קאַזאַכיש) אַ קליין דערפל.
קרעמירן (אַרג. שפּ.) פאַרברענען.
קראַסאַוויעץ (רוסיש) שיינער.
שטשי (רוסיש) קרויט־באָרשט.

אינהאַלט

א.

דער ערשטער טאָג 7
אין די טאַלגאַרער בערג 26
אין דער פרעמד 39
מצות 50
דער זשורנאַליסט 57
אַ משפּט צווישן לאַנדסלייט 69
דאָס בשׂמים-ביקסל 93
מאָנאָלאָג נאָך האַלבער נאַכט 104

ב.

צוויי מעשׂות וועגן יורשים 129
מעשׂות פון מיין שטעטל 142
ווייבערישער זכרון 156
אַ מעשׂה מיט אַ זייגער 163
דער קידוש-בעכער 171
גילוי אליהו 178
טויבן און קראָען 188
דער צוריקגעקומענער 196

ג.

זכרונות פון גן עדן 215
ערב ראש השנה אין זכרון 222
אַ דערמאָנונג 229
אַ מעשׂה מיט אַ מאָראַלישן פּאַטש 236

ביכער פון מחבר

רויכיקע פאַרטאָגן, לידער, לאָדזש, 1933

שטילקייטן, לידער, פאַרלאַג אות, לאָדזש, 1938

באַפרייונג, לידער, פאַרלאַג עמעס, מאָסקווע, 1941

אַ שטוב אין שטעטל, פּאָעמע,
פאַרלאַג: ביכער פון יידישן פען־קלוב, פּאַריז, 1951
פרעמירט געוואָרן מיט דעם **ל. בימקאָ־פּרייז** ביים אַלוועלטלעכן
יידישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק.

פעסל די בעסער־קענערן, קינדער־מעשׂהלע,
פאַרלאַג: פאַר אונדזערע קינדער, פּאַריז, 1952

מיט יידישע שרייבער אין רוסלאַנד,
פאַרלאַג קיום, בוענאָס איירעס, 1959

אַ שטוב אין שטעטל, 2־טע אויפלאַגע,
פאַרלאַג קיום, בוענאָס איירעס, 1963

פנימער און נעמען, באַנד 1, יידישע פּאָעטן,
פאַרלאַג קיום, בוענאָס איירעס, 1971
פרעמירט מיט דעם **ש. ניגער־פּרייז** ביים אַלוועלטלעכן
יידישן קולטור־קאָנגרעס אין אַרגענטינע.

אויף יענער זייט ווונדער, לידער, פאַרלאַג י.ל. פּרץ, ת״א, 1974
פרעמירט מיט דעם **זלמן שזר־פּרייז** און מיט דעם **יעקב גלאַטשטיין־פּרייז.**

אַן אויסרוף צייכנס, עסייען און פעליעטאָנען,
פאַרלאַג „המנורה״, תל־אביב, 1975
פרעמירט מיט דעם **יעקב פיכמאַן־פּרייז.**

פנימער און נעמען באַנד צוויי, יידישע פּראָזאַאיקער נאָך דער
צווייטער וועלט־מלחמה. פאַרלאַג „קיום״ ב״א—ת״א 1976
פרעמירט מיטן **פּרייז פון ראש ממשלת ישראל** און מיטן **ה. לייוויק־פּרייז**
פון בני־מרדכי־פאָנד ביים וועלט־ראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור.

ה. לייוויק — עטישע אחריות און מאָראַלישער פּאַטאָס.
עסיי. פאַרלאַג „ביבליאָס״, תל־אביב. תשל״ח — 1977

דאָס בשׂמים־ביקסל און אַנדערע דערציילונגען.
פאַרלאַג „קיום״, ב״א—ת״א 1979

דערשיינט אינגיכן

סוגיות אין דער יידישער ליטעראַטור (עסייען) אַרויסגעגעבן
אין דער ביכער־סעריע פון וועלט־ראַט פאַר יידיש און יידישער
קולטור. פאַרלאַג: י. ל. פּרץ, תל אביב.